STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05586

# DOS IDISHE YOR

## Lipa Fridman

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Michael & Harriet*
*in honor of Helen Finck on her 80th birthday*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בס"ד

# דאָס אידישע יאָר

## טעקסט בוך פאַר רעליגיעזע מיידל שולעס

נעמט אַרום דאָס אידיש רעליגיעזע לעבן פון אַ גאַנץ יאָר:
מנהגים, מוסר, מדות, געשיכטע און ביאָגראַפיעס
פון גדולי ישראל; לויט אַן איינהייטליכן
און פּראַקטישן אידישן אויסלייג.

ברוקלין, נ. י. שנת תשכ"א

כל הזכויות שמורות להוצאת „תפארת״, ברוקלין, נ. י.

*Copyright by:*

*Tiferes Publishing, Brooklyn, N. Y.*

PRINTED IN U.S.A. BY
DEUTSCH PRINTING & PUBLISHING CO.
150 MARCY AVENUE. BROOKLYN 11. N. Y.

# אינהאַלט


אלול ..................... 9
ראש השנה ..................... 12
רבי אמנון ..................... 19
כבוד פאַר עלטערן ..................... 23
אַ שופר אין לאַגער ..................... 29
יום כיפור ..................... 35
רש"י ..................... 41
סוכות ..................... 49
דער פרייז פון אַן אתרוג ..................... 57
צדקה ..................... 61
דער ישמח משה זצ"ל ..................... 63
דער שכר פאַר כיבוד אב ואם ..................... 74
שבת ..................... 77
דער כח פון שבת ..................... 85
ראש חודש ..................... 88
די קרייץ צוגן ..................... 90
חנוכה ..................... 94
די חנוכה ליכטלעך ..................... 101
די צוואה פון מתתיהו ..................... 103
יהודית ..................... 105
דער רמב"ם ..................... 109
עשרה בטבת ..................... 115
אַ גליקליכע משפחה ..................... 117
חמשה עשר בשבט ..................... 124
הכנסת אורחים ..................... 125
שבת שירה ..................... 127
דער חתם סופר זצ"ל ..................... 130

| | |
|---|---|
| די פיר שבתים | 142 |
| דער ווילנער גאון זצ״ל | 146 |
| פורים | 149 |
| די ירושה פון המן הרשע | 154 |
| דאן יצחק אברבנאל | 159 |
| פורים סאַראַגאָסאָ | 165 |
| דער חוזה פון לובלין | 169 |
| פסח | 175 |
| דער סדר | 182 |
| לא יישן שומר ישראל | 189 |
| שמורה מצות אין לאַגער | 194 |
| ספירת העומר | 198 |
| די ספירה טעג | 200 |
| ל״ג בעומר | 201 |
| דער ייטב לב זצ״ל | 203 |
| שבועות | 212 |
| מתן תורה | 213 |
| די תורה און די אידן | 214 |
| גזירות ת״ח ות״ט | 217 |
| די דריי וואָכן | 220 |
| די שלעכטע צונג | 228 |
| דער חפץ חיים זצ״ל | 232 |
| דוד׳ל פאַרט צום רבי׳ן | 235 |
| ר׳ לייב שומר שבת | 238 |
| גראַמאַטישע כללים פון אידישן אויסלייג | 243 |
| באַדייטונג פון ראשי תיבות | 247 |
| לשון קודש ווערטער וואָס ווערן געגוצט אין אידיש | 249 |

# פאָרוואָרט

דער שטראָם פון פליטים וואָס זענען אָנגעקומען אויפ׳ן אַמעריקאַנער קאָנטינענט אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה, האָט מיט זיך ב״ה געבראַכט אַ גראַנדיעזן אויפשטייג פון ישיבות און תלמוד תורה׳ס על טהרת הקודש, אין נוסח פון די תורה־פעסטונגען אין דער פאַר־חרוב׳ער אייראָפּע. מיט שווערער מי און מיט אויסערגעוויינליכע אָנשטרענגונגען איז אָנגעקומען דאָס פלעגן און דערהאַלטן אָט די דאָזיגע ניי געגרינדעטע מוסדות התורה, ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו דעם איצטיגן רומפולן מעמד. — אמת, די ישיבות און תלמוד תורה׳ס זענען געשטאַנען, און שטייען נאָך איצט אויך אין אַ שטענדיגן געראַנגל פאַר זייער קיום מצד מאַטעריעלע שוועריקייטן, וואָס איז אָבער נוגע דער גייסטיגער זייט און דרך הלימוד, האָבן די ישיבות נישט געהאַט קיין פּראָבלעמען, ווארים דער זעלבער סדר הלימוד וואָס איז געווען איינגעפירט אין דער אַלטער היים איז געוואָרן אַריבערגעפלאַנצט אויפ׳ן היגן באָדן; דאָס זעלבע חומש׳ל און די זעלבע גמרא איז געוואָרן איבערגעטראָגן אין די נייע מוסדות התורה.

אַנדערש איז אָבער געווען מיט דער דערציאונג פון מיידלעך. ערשטנס איז אין דער אַלטער היים, אין פיל ערטער, בכלל נישט געווען איינגעפירט קיין לערן־אַנשטאַלטן פאַר מיידלעך. די היים, די סביבה איז געווען דאָס דער־ציאונגס־אָרט פון אידישע טעכטער. צוליב דעם זעלבן טעם האָט אויך פאַר דער מלחמה אין פיל לענדער כמעט ווי נישט עקזיסטירט קיין רעליגיעזער אונטעררריכט מאַטעריאַל פאַר מיידלעך. דעריבער ווען עס איז געקומען צום גרינדן און אויפשטעלן חרדישע שולעס פאַר מיידלעך דאָ אין אַמעריקע — וואָס איז לויט די היגע אומשטענדן אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט — האָט זיך גאָר שטאַרק געפילט דער מאַנגל אין פאַרלעסליכן און קאָמפּעטענטן לערן־מאַטעריאַל.

אַלס איינער וואָס האָט די זכי׳ צו שטיין ביים רודער פון דער גרעס־טער רעליגיעזער מיידל־שולע אין אַמעריקע, האָב איך נאָך מער געפילט דאָס נחיצות פון אַזאַ מין לערן־בוך פאַר אידישע מיידלעך. מיר נויטיגן זיך אין אידישע לערן־ביכער אַלס מיטל צו לערנען מיט אונזערע טעכטער אידיש־

קייט און אידיש וויסן; צו באַקענען זיי מיט אידישע דינים און מנהגים; דאָס ליכט און די קדושה פון אונזערע ימים טובים; איינצופלאַנצן אין זיי ליבשאַפט און טרייהייט צו דעם שטייגער אידיש לעבן וואָס זיי לעבן אינדערהיים.

אַ אידיש בוך איז אויך נויטיג בכדי צו דערציען אונזערע טעכטער אין דער שפּראַך וואָס אונזערע עלטערן און אור־עלטערן האָבן גערעדט, און וואָס איז נאָך היינט די שפּראַך פון כמעט אַלע חרדישע אידן איבער גאָר דער וועלט. דאָס טראַדיציאָנעלע אידישע לשון איז די שפּראַך פון אונזערע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער וואָס זענען אומגעקומען על קידוש השם, און איז געהייליגט געוואָרן דורך דורות. די טראַדיציאָנעלע אידישע שפּראַך איז אויך איינס פון די מעכטיגסטע וואָפן קעגן אַסימילאַטאָרישע און נאַציאָנאַליסטישע השפעות.

דאָס דאָזיגע בוך „דאָס אידישע יאָר" וויל זיין אַן אָנהויב און טיילווייז אַנטשפּרעכן די דערמאַנטע צילן: צו לערנען אידישקייט און צו לערנען אידיש לשון. פון דאָזיגן כאָטש באַשיידענעם בוך וועלען די טעכטער אין חרדישע שולעס באַרייכערט ווערן מיט אַ סך אידיש וויסן און גלייכצייטיג לערנען לייענען און שרייבן ריכטיג אידיש.

דאָס בוך פירט דורך די שילערין איבער׳ן אידישן יאָר און וויזט איר וויאַזוי אַלע טעג פון יאָר דאַרפן זיין אויסגעפילט מיט אידישקייט, מצוות און מעשים טובים. די באַשרייבונגען פון די ימים טובים, צוזאַמען מיט די וויכטיגסטע דינים און מנהגים וואָס זענען מיט זיי פאַרבונדן; די פאַרשידענע דערציילונגען און פּאַסירונגען פון אידישן לעבן אַמאָל און היינט; די ביאָ־גראַפיעס פון טייל גדולי ישראל, רביים און צדיקים — אַלץ איז אויך אַ זאָרגפעלטיגן אופן צונויפגעקליבן געוואָרן, מיט׳ן ציל צו באַרייכערן די ידיעות וועגן אידישקייט און איינוואָרצלען אין די קינדער ליבשאַפט צו תורה און מצוות, אמונת חכמים און דרך ארץ צו תלמידי חכמים, דרך ארץ צו עלטערע, צניעות און מדות טובות און אַלדאָס גוטע וואָס מיר ווילען זען ביי אונזערע קינדער.

דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אין אַ ריינער און קאָרעקטער אויסשפּראַך, מיט דעם הויפּטגעוויכט אויף אַן איינהייטליכן און פּינקטליכן גראַמאַטישן אויס־לייג. דאָס וועט אויטאָמאַטיש אַריינפירן די שילערינס צו שרייבן אַ קאָרעקטן אידיש אין אַ ריינער שפּראַך. אויסערדעם זענען ביים ענדע פון דעם בוך

צוגעגעבן געוואָרן כללים פון אידיש שרייבן; לשון הקודש ווערטער וועלכע ווערן גענוצט טאָג־טעגליך אין דער אידישער שפּראַך, און אויך אַ רשימה פון ראשי תיבות וועלכע ווערן אָפט געברויכט ביים שרייבן אידיש.

ביים שאַפן און באַשטימען די כללים פון אידישן אויסלייג וואָס מיר האָבן באַשטימט אין דעם דאָזיגן בוך, איז פאַר אונזערע אויגן געשטאַנען דער ציל אַרויסצוברענגען אַן איינהייטליכן און ריכטיגן, איינפאַכן און גוט־קלינגענ־דיגן אויסלייג, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דער פאָרם און דעם שטייגער דיאַלעקט וואָס אונזערע קינדער רעדן.

די לערערינס דאַרפן שטרעבן איינצופירן דעם דאָזיגן איינהייטליכן סיסטעם אין אַלע קלאַסן, און מיט דער צייט וועלן זיי זיך איבערצייגן אין דעם גרויסן געווינס דערפון און געניסן די פרוכט פון זייער מי.

„דאָס אידישע יאָר" איז באַשטימט פאַר די מיטעלע קלאַסן פון דער עלעמענטאַר שולע — פון דער פערטער ביז דער זיבעטער קלאַס — און מיט זיין דערשיינען איז נאָך דאָס פּראָבלעם פון אַזעלכע לערן־ביכער וויית נישט געלייזט. אָבער, ווי אויבן געזאָגט, איז דאָס בלויז אַ באַשיידענער אָנהויב, און איך האָף, אַז מיט דער צייט וועל איך אי״ה פאָרזעצן די דאָזיגע אַרבעט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויך אויסדריקן אַ האַרציגן יישר כח צו די וואָס האָבן מיר געהאָלפן אין דער אַרבעט פון אַרויסגעבן דאָס בוך. און איך האָף אַז דאָס בוך וועט ווערן אָנגענומען מיט צופרידנקייט אין די חרדישע מיידל שולעס אומעטום.

ברוקלין, תשכ״א.

**ליפּא פרידמאַן**

מנהל ישיבה ומתיבתא תורה ויראה

ובית רחל דסאטמאר

# אלול

מער ווי אַלעמאָל, מער ווי אַ גאַנץ יאָר, הויבט אַ איד אָן צו באַרעכענען זיך איבער זיין פירונג אינם לעצטן חודש פון יאָר — חודש אלול. ער וויל זיך אין אַלעם בעסערן, כדי מיט'ן נייעם יאָהר אָנצוהויבן אַ ניי לעבן פון בלויז גוטס, מצוות און מעשים טובים. עס גייט אויך צו ראש השנה, די ערשטע טעג פון נייעם יאָר, ווען דער אויבערשטער משפט אַלע מענטשן און פאַרשרייבט זיי צום גוטן, אָדער שלעכטן ח"ו. דעריבער באַמיט זיך יעדער איד, ער זאָל באַצייטנס תשובה טאָן, כדי צו זיין צוגעגרייט צום משפט אין טאָג פון ראש השנה, מען זאָל אים חלילה נישט פאַר'משפט'ן צום שלעכטן.

דער חודש אלול איז די צייט, ווען דער באַשעפער קוקט אויף דער וועלט און אויף אַלע באַשעפענישן מיט גרוים רחמים. דאָס ווייסן מיר פון דער הייליגער תורה. ווייל זייענדיג אין דער מדבר, נאָכ'ן אַרויסגיין פון מצרים, האָבן די אידן אַמאָל שווער געזינדיגט. משה רבינו ע"ה האָט פאַר זיי געבעטן און ער האָט אויסגע'פועל'ט ביים אויבערשטן, ער זאָל זיי מוחל זיין און באַהאַנדלען מיט רחמים. און דאָס איז געשען אין די פערציג טעג פון ראש חודש אלול ביז יום כיפור (צען טאָג אין חודש תשרי).

פון דעמאָלט אָן איז דער חודש אלול און די עשרת ימי תשובה, די צען טעג פון ראש השנה ביז יום כיפור, אויף שטענדיג אַ צייט פון פיל רחמים. אין דעם חודש העלפט מען זייער שטאַרק צו פון הימל יעדן איד, וואָס נעמט זיך צו תשובה און איינצושאַפן גוטע מדות. מען קען דעריבער דעמאָלט מער ווי אַלעמאָל זייער פיל דערגרייכן אין יעדער באַמיאונג צום גוטן.

אין אונזערע הייליגע ספרים שטייט געשריבן, אַז אין דעם נאָמען פון חודש אלול ליגט אַ שיינער רמז. דאָס וואָרט „אלול" מאַכט **א**ני **ל**דודי **ו**דודי **ל**י — „איך צו מיין פריינד און דער פריינד צו מיר". השם יתברך ווערט אָנגערופען אונזער פריינד. און דאָס מיינט צו

זאָגן, אַז אין חודש אלול דערנעענטערן זיך אידן צו זייער פריינד, צום באַשעפער, און דער באַשעפער דערנעענטערט זיך צו די אידן.

דערפאַר ווען עס קומט אָן דער חודש אלול, הויבט זיך אָן יעדער איד אַרומצוקוקן וויאַזוי דאָס גאַנצע יאָר איז אַדורכגעלאָפן, וואָס ער האָט אויפגעטאָן און וואָס ער האָט פאַרפעלט צו טאָן. ער דערזעט דעמאָלט ווי אַנדערש עס איז געווען זיין אויפפירונג, פון ווי עס האָט באַדאַרפט צו זיין.

אויב מען גרייט זיך צו אַ גאַנצן חודש אלול און מען טוט באמת תשובה, דאַן האָט שוין דער מענטש נישט מער אַזוי שטאַרק מורא צו האָבן פאַר דעם משפט אין ראש השנה. דער אויבערשטער וועט אים שוין געווים מוחל זיין. אויב נישט, דאַרף ער זיך שטאַרק שרעקן פאַר'ן משפט, ווען מען דערמאַנט אין הימל געניי אַלע מעשים פון מענטש, און אפילו דאָס מינדעסטע ווערט נישט פאַרגעסן.

פון ערשטן טאָג אין חודש אלול בלאָזט מען שופר אין שול יעדן אינדערפרי נאָכ'ן דאַווענען, בכדי צו דערמאַנען די אידן, אַז עס דערנעענטערט זיך דער יום הדין, צו וועלכן מען דאַרף זיך גרייטן מיט תשובה.

---

# סליחות

וואָס נעענטער עס קומט צו ראש השנה, דער טאָג ווען דער אויבערשטער משפט די וועלט, אַלץ שטאַרקער הויבט מען אָן צו ציטערן. פון אויבערשטענס משפט איז דאָך אַלץ אָפּהענגיק: לעבן אָדער, ח"ו טויט; געזונט אָדער קראַנקהייט; רייכקייט אָדער אָרימקייט; — פאַרוואָס זאָל מען נישט מורא האָבן?

אויב עמיצער האָט אַמאָל אַ פּראָצעס אין געריכט, גייט ער אַרום פאַרזאָרגט און אַ צעטראָגענער. וואָס נעענטער עס קומט דער טאָג ווען מען דאַרף באַהאַנדלען אין געריכט זיין קלאַגע, אַלץ מער טראַכט ער וועגן דעם. ער האָט נישט אין זינען עפּעס אַנדערש. ער

זוכט נאָר עצות און פּלענער וויאַזוי אַרויסצוקומען אַ גערעכטער. טאָ פאַרוואָס זאָל אַ מענטש נישט ציטערן פאַר'ן אויבערשטנס משפּט ?

דעריבער טאַקע זיינען אידען נאָענט צו ראש השנה זייער באַזאָרגט. אין די לעצטע טעג פונעם חודש אלול, עטליכע טעג פאַר ראש השנה, שטייען אידען אויף פאַרטאָגס און גייען אין שול אָדער בית המדרש צו זאָגן סליחות.

דער טייטש פון וואָרט סליחות איז: פאַרגעבען, מוחל זיין. דאָס זיינען תפילות אין וועלכע מען רעכנט אויס די זינד וואָס מען איז באַגאַנגען, און מען בעט דעם אויבערשטן ער זאָל אונז מוחל זיין.

סליחות פאַנגט מען אָן צו זאָגן זונטאָג פרי פאַר ראש השנה (אין טייל ערטער זאָגט מען סליחות מוצאי שבת פאַר ראש השנה). אָבער וויינציגסטנס פיר טאָג פאַר ראש השנה פאַנגט מען אָן צו זאָגן. דעריבער אויב דער ערשטער טאָג ראש השנה פאַלט אוים מאָנטאָג, דאַן פאַנגט מען שוין אָן מיט אַ וואָך פריער.

# ראש השנה

## דער אָנהויב פון אַ ניי יאָר

ווי די תורה לערנט אונז, ענדיגט זיך דאָס יאָר מיט׳ן חודש אלול. מיט חודש תשרי פאַנגט זיך אָן אַ ניי יאָר. לויט דער תורה הקדושה מאַכן מיר די ערשטע צוויי טעג פון חודש תשרי אַ יום טוב. דעם יום טוב רופט מען „ראש השנה" — דער אָנהויב פון יאָר.

## יום הזכרון און יום תרועה

אין דער תורה ווערט דער יום טוב באַצייכנט אַלס אַ טאָג פון דערמאַנונג, און אויך אַלס אַ טאָג פון שופר בלאָזן.

**יום הזכרון.** — ראש השנה משפט השם יתברך די גאַנצע וועלט. אין דעם טאָג ווערן דערמאַנט פאַר השי״ת די מענטשן און די פעלקער און אַלע זייערע מעשים — גוטע און שלעכטע. דער אויבערשטער דערמאַנט אין דעם טאָג פאַר זיינע אידישע קינדער די גרויסע זכותים פון אונזערע הייליגע אבות, און באַזונדערס דעם זכות פון יצחק אבינו, וועלכער האָט זיך געלאָזט ברענגען אויף דער עקידה. השי״ת דערמאַנט אויך די הבטחות וואָס ער האָט געגעבן צו אונזערע אבות צו ברענגען די גאולה דורך משיח צדקנו. אין די ראש השנה׳דיגע תפילות רופט מען דעריבער דעם יום טוב: „יום הזכרון" — דער טאָג פון דערמאַנונג, פון געדענקען.

**יום תרועה.** — ראש השנה האָט השם יתברך געגעבן פאַר די אידן אַ באַזונדערע מצוה: צו בלאָזן שופר, אַ באַשטימטע צאָל קולות. דער יום טוב הייסט דעריבער אין דער תורה: „יום תרועה" — אַ טאָג פון בלאָזן. דאָס שופר בלאָזן האָט אויך אַ צוזאַמענהאַנג מיט׳ן יום הזכרון: דורך בלאָזן שופר מיט אַ האָרן פון אַ ווידער („איל"), דערמאַנט מען דעם איל וואָס אברהם אבינו האָט מקריב געווען ביי דער עקידה, אנשטאָט זיין זון יצחק, ווי השי״ת האָט אים באַפוילן.

## ימים נוראים

אַ איד באַגרייפט ווי גרויס עס איז דער פּחד אום ראש השנה. ער ווייסט, אַז דאָס אייגענע לעבן, דאָס לעבן פון זיינע קינדער און אַלע נאָענטע קרובים און פריינד — איז אויף דער וואָגשאָל. דער גאַנצער כלל ישראל ווערט געמשפּט אין דעם טאָג. אַלץ ציטערט און פלאַטערט פאַר ג־טס משפט און גערעכטיגקייט. מען רופט דעריבער די טעג: „ימים נוראים" — פאַרכטיגע טעג.

## דער יום הדין

ראש השנה ווערט יעדער מענטש געאורטיילט וואָס עס זאָל מיט אים געשען אין דעם קומענדן יאָר. וויפיל ער זאָל פאַרדינען (אויסער די הוצאות וואָס מען גיט אויס אויף שבת און יום טוב און צו לערנען די קינדער תורה. דאָס איז נישט אַריינגערעכנט, און אויב מען גיט אויס מער, דערזעצט עס השי"ת) — און וויפיל ער זאָל האָבן שאָדן; וויפיל רו און מנוחה און וויפיל דאגות און צרות. דאָס אַלץ ווערט פון באַשעפער פאַראויס באַשטימט אום ראש השנה. צוליב דעם רופט מען ראש השנה אויך „יום הדין" — דער טאָג פון משפּט.

## אַ יום טוב

כאָטש יעדער איד דאַרף ציטערן און זיך צוגרייטן צום יום הדין, טאָר זיך אָבער אַ איד נישט מייאש זיין און זיין פאַרביטערט. מען דאַרף נישט זיין צופיל באַזאָרגט. מ'דאַרף האָבן בטחון. מ'דאַרף זיין זיכער, אַז אויב מען טוט תשובה מיט'ן גאַנצן האַרץ, איז דער באַשעפער מוחל אַלע זינד. דעריבער איז ראש השנה אַ יום טוב. מען טאָר נישט זיין טרויעריג. מ'דאַרף זיך צוגרייטן מיט שמחה. מ'דאַרף זיך אָפּשערן, וואַשן, אָנטאָן שיינע קליידער, ווי פאַר אַלע אַנדערע ימים טובים. (טייל טוען אָן ווייסע קליידער, צו ווייזן אַז די זינד וועלן ווערן אָפּגעוואַשט און ווייס ווי אַ שניי). אין אָוונט און בייטאָג עסט מען יום טוב'דיגע סעודות.

## ראש השנה׳דיגע תפלות

ווען עס קומט ראש השנה, דאַווענען אידן נאָך מיט מער כוונה ווי אַ גאַנץ יאָר. אין די תפילות בעטן מיר, דער עיקר, דעם באַשעפער, אַז דאָס שלעכטס זאָל פאַרשוואונדן פון דער ערד, אַז די גאַנצע וועלט זאָל שוין גוט ווערן, אַז אַלע מענטשען זאָלן מיטאַמאָל דערזען ווי השם יתברך אַליין קעניגט איבער דער גאַנצער וועלט.

מען איז מתפלל אַז אַלע באַשעפענישן פון דער וועלט זאָלן ווערן דורכגעדרינגען מיט מורא פאַר השם יתברך, און אַלע זאָלן זיך נעמען צו טאָן מיט׳ן גאַנצן הארצן וואָס עס איז דעם אויבערשטנס פאַרלאַנג.

מען בעט, אַז דער כבוד פון אידישן פאָלק און פון אַלע ערליכע אידן זאָל דערהויבן ווערן און אַז משיח זאָל שוין קומען. עס זאָל מקוים ווערן די אַלע גוטע הבטחות וואָס השי״ת האָט צוגעזאָגט פאַר די אידישע קינדער דורך די נביאים.

מען בעט אויך, אַז דער אויבערשטער זאָל שענקען אונז און אַלע אידן לעבן און געזונט, מנוחה און לייכטע פרנסה, כדי צו קענען מקיים זיין די תורה מיט די מצוות און דינען דעם אויבערשטן. אַז דער אויבערשטער זאָל אונז פאַרשרייבן צו אַ גוט יאָר מיט כל טוב.

## תשובה, תפלה און צדקה

די חכמים זכרונם לברכה האָבן אונז געלערנט, אַז דריי זאַכן העלפן אַז השי״ת זאָל אונז פאַרשרייבן צו אַ גוט יאָר. די דריי זאַכן זענען: תשובה, תפלה, צדקה. וועגן תשובה און תפילה, האָבן מיר שוין פריער געלערנט און מיר וועלן נאָך לערנען אי״ה אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלען. אָבער גאָר אַ גרויסע זאַך איז אויך צדקה. אַ איד דאַרף געבן צדקה אַ גאַנץ יאָר. ער דאַרף העלפן אָרימעלייט און אַנדערע נויטבאַדערפטיגע. אפילו אַן אָרעמאַן דאַרף אויך געבן צדקה לויט זיינע מעגליכקייטן, פון דעם ווייניגן וואָס ער האָט.

אָבער אַז עס קומען די ימים נוראים שטרענגען זיך אידען אָן נאָך מער אין דער מצוות צדקה. מען גיט מער צדקה ווי אַ גאַנץ יאָר. און אַז השי״ת זעט ווי אידישע קינדער באַמיען זיך צו העלפן איינער

דעם צווייטן, העלפט ער זיי דערפאַר, אַז זיי אַליין זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו דער הילף פון אַנדערע.

## לשנה טובה וואונשן

איין איד דאַרף דעם אַנדערן ליב האָבן. איין איד דאַרף דעם אַנדערן ווינשן אַלדאָס גוטס, פּונקט ווי זיך אַליין. אַלע ערליכע אידן דאַרפן זיך פילן ווי איינס. דעריבער ווינשט מען זיך ספּעציעל ראש השנה אין אָוונט, ווען מען האָט פאַרענדיגט דאָס דאַווענען, זאָגט מען גוט יום טוב און דאַן ווינשט מען זיך האַרציג אַ גוט יאָר מיט אָט די ווערטער :

| | |
|---|---|
| **לשנה טובה** | — צו אַ גוט יאָר |
| **תכתב ותחתם** | — זאָלסטו פאַרשריבן און גע׳חתמ׳עט ווערן |
| **לאלתר לחיים טובים** | — באַלד, און צו אַ גוט לעבן ! |

צו אַ פרוי זאָגט מען :

**לשנה טובה תכתבי ותחתמי לאלתר לחיים טובים**

ווען דער טאַטע קומט אַהיים פון דאַווענען, דאַרף אים יעדעס קינד ווינשן „לשנה טובה...״ אַזוי אויך פאַר דער מאַמען און פאַר יעדן איינעם פון דער משפחה.

אַ סך מענטשן שיקן אויך פאַר ראש השנה און צווישן ראש השנה און יום כיפור שריפטליכע וואונשן צו נאָענטע און באַקאַנטע, וועלכע מען באַגעגנט נישט יום טוב פערזענליך. דערמיט ווייזט מען אַרויס פריינטשאַפט און געטרייהייט איינער צום צווייטן, ווי עס באַדאַרף צו זיין צווישן ערליכע אידן.

## ימים נוראים ביים רבי׳ן

אַ סך ערליכע אידן פירן זיך, אַז ראש השנה דאַווענען זיי ביי זייער רבי׳ן. די וואָס וואוינען ווייט, פאָרן ספּעציעל אויף ראש השנה צום רבי׳ן. דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי ווילן אין די דאָזיגע הייליגע טעג זיין נאָענט צום צדיק. זייענדיג נאָענט צום צדיק און אַלע אַנדערע ערליכע אידן, ווערט דאָס האַרץ מער דערוועקט צו תשובה און צו

באַהעפטן זיך צום בורא עולם. דער רבי דאַווענט אַ סך מאָל פאַר'ן עמוד, און די אידן וואָס קומען צום רבי'ן האָבן די געלעגנהייט צו זען און צו הערן ווי דער רבי דאַווענט מיט התלהבות און דינט דעם אויבערשטן. זיי באַמיען זיך דעריבער נאָכצוטאָן און גיין אין זיינע הייליגע דרכים.

צוליב נאָך אַ טעם ווילן אידן זיין יום טוב נאָענט צום רבי'ן, ווייל דער אויבערשטער האָט ליב די תפילה פון צדיק, און ווען אידן דאַווענען צוזאַמען מיט'ן צדיק, האָבן זיי מער האָפענונג, אַז זייער תפילה צוזאַמען מיט'ן צדיק זאָל גיכער אָנגענומען ווערן פאַר השם ברוך הוא.

## סימנים אויף אַ גוט יאָר

ראש השנה ביינאַכט טינקט מען איין די חלה, איבער וועלכער מ'מאַכט אַ המוציא, — אין האָניג, פאַר אַ סימן אַז עס וועט זיין אַ זיס יאָר. צוליב דעם איז מען זיך אויך נוהג צו עסן דערנאָך זיסע עפל איינגעטינקט אין האָניג. מען מאַכט אַ בורא פרי העץ איבער'ן עפל און מען טינקט אים איין אין האָניג, און נאָכ'ן עסן זאָגט מען:

**יהי רצון** — עס זאָל זיין דיין ווילן
**שתחדש עלינו** — דו זאָלסט אונז באַנייען
**שנה טובה ומתוקה** — אַ גוט און זיס יאָר!

מען עסט אויך זיסע מייערן און מ'זאָגט:

**יהי רצון** — עס זאָל זיין דיין ווילן
**שירבו זכיותינו** — צו פאַרמערן אונזערע זכותים!

## תקיעת שופר

ראש השנה אינדערפרי ביים דאַווענען בלאָזט מען שופר. אין די הייליגע ספרים ווערן אָנגעגעבן אַ סך טעמים פאַרוואָס די תורה האָט געהייסן בלאָזן שופר אום ראש השנה. איינער פון די טעמים איז, בכדי צו דערוועקן די הערצער מורא צו האָבן פאַר'ן יום הדין און צו טאָן תשובה. דעריבער ווען מען בלאָזט שופר הערן זיך אַלע צו

מיט גרויס כוונה. פון ווען מ׳מאַכט די ברכה „לשמוע קול שופר״ ביז מען ענדיגט דאָס שופר בלאָזן, טאָר מען נישט רעדן. אויך קינדער גייען הערן שופר בלאָזן. אויב דער ערשטער טאָג ראש השנה פאַלט אויס אין שבת, בלאָזט מען שופר נאָר דעם צווייטן טאָג.

ראש השנה ביי טאָג נאָכ׳ן עסן לייגט מען זיך נישט שלאָפן. מען לערנט אָדער מ׳זאָגט תהלים.

## תשליך

דעם ערשטן טאָג ראש השנה פאַרנאַכט איז אַ מנהג צו גיין צו אַ טייך און דאָרט זאָגן עטליכע פסוקים פון די נביאים און אויך תפילות. מען בעט דעם אויבערשטן, ער זאָל צונישט מאַכן אונזערע זינד.

דאָס וואָרט „תשליך״ נעמט זיך פון דעם פסוק „ותשליך במצולות ים כל חטאתם״ — דו זאָלסט אַריינוואַרפן אין די טיפענישן פון ים אַלע זינד פון די אידן. דעם פסוק זאָגט מען צווישען תפילות. און דעריבער טאַקע זאָגט מען דאָס ביי אַ טייך, אַז די זינד זאָלן פאַרשווינדן ווי אַ זאַך וואָס פאַרזינקט אין די טיפענישן פון וואַסער.

אויב דער ערשטער טאָג ראש השנה פאַלט אויס אין שבת, גייט מען צו תשליך דעם צווייטן טאָג. אַ סך ערליכע אידן, וועלכע דאַווענען ראש השנה זייער לאַנג, באַווייזן זיי נישט צו גיין ראש השנה פאַרנאַכט צו תשליך, גייען זיי דעריבער אין אַן אַנדערן טאָג פון עשרת ימי תשובה, מייסטנס אין טאָג ווען מ׳זאָגט די סליחות פון שלש עשרה מידות (אַ טאָג פאַר ערב יום כיפור).

## שהחיינו

פונקט ווי מען מאַכט אַ ברכה „שהחיינו״ איבער אַ נייער פרי, אָדער איבער אַ נייִ און חשוב מלבוש, אַזוי מאַכט מען אויך יעדן יום טוב ביי קידוש די זעלבע ברכה. פרויען מאַכן די ברכה שהחיינו נאָך ביי ליכט צינדן. מען לויבט דעם באַשעפער דערפאַר וואָס מען האָט דערלעבט דעם אויסגעבענקטן און ליבן יום טוב. צוליב דעם

זעלבן טעם מאַכט מען אויך אַ שהחיינו ביי אַ מצוה וואָס קומט נאָר אוים איינמאָל אין יאָר.

די ערשטע נאַכט ראש השנה מאַכט מען די ברכה שהחיינו ביי קידוש, פונקט ווי אַלע אַנדערע ימים טובים. אָבער די צווייטע נאַכט ראש השנה דאַרף מען האָבן אויך אַ נייע פרי וואָס מ׳האָט נאָך נישט געגעסן דאָס יאָר. און מ׳מאַכט אויך אַ שהחיינו. דאָס איז דערפאַר, וויילביידע טעג ראש השנה ווערן באַטראַכט ווי איין לאַנגער טאָג (די חכמים רופן עס „יומא אריכתא״ — אַ לאַנגער טאָג), און צוליב דער נייער פרי מאַכט מען שוין די שהחיינו אויף קידוש. אויב מען האָט נישט קיין נייע פרי, אָדער אַ ניי מלבוש, דאַרף מען אויך מאַכן אַ שהחיינו ביי קידוש די צווייטע נאַכט. פרויען וואָס מאַכען די ברכה שהחיינו ביי ליכט צינדן, זאָלן נישט זאָגן נאָכאַמאָל די ברכה ביי קידוש.

## צום גדלי׳

דער טאָג נאָך ראש השנה איז תענית צום גדלי׳. אין דעם טאָג פאַסט מען, צוליב דעם וואָס אין דריטן טאָג פון חודש תשרי איז דער׳הרג׳עט געוואָרן גדלי׳ בן אחיקם.

ווען די אידן זענען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות, נאָכ׳ן ערשטן חורבן בית המקדש, האָט דער קעניג פון בבל באַשטימט גדלי׳ בן אחיקם אַלס דעם פירער פון די אידן אין ארץ ישראל. אָבער איינער פון די געמיינע מענטשן, מיט׳ן נאָמען ישמעאל בן נתני׳, האָט אים דערמאָרדעט, די אידן האָבן געליטן צרות און הריגות, און די איבער־געבליבענע זענען אַנטלאָפן קיין מצרים. דעריבער איז דער טאָג גע־וואָרן באַשטימט אַלס תענית.

# רבי אמנון

אין דער שטאָט מאַינץ, אין דייטשלאַנד, האָט מיט לאַנגע יאָרן צוריק געלעבט אַ גרויסער צדיק מיט'ן נאָמען רבי אמנון.

ר' אמנון איז געווען אַ גרויסער חכם און איז אַזוי אָרום געוואָרן שטאַרק אָנגעזען ביים גרויס-פירשט פון מאַינץ. דער גרויס-פירשט האָט זיך באַפריינדעט מיט ר' אמנון און צוליב אים האָט ער געטאָן אַ סך טובות פאַר די אידן וואָס האָבן געוואוינט אין זיין מדינה.

אָבער טראָץ דעם וואָס דער גרויס-פירשט פון מאַינץ האָט שטאַרק געשעצט די חכמה פון ר' אמנון און אים דערפאַר אַזוי ליב געהאַט, האָט ער דאָך נישט געקענט פאַרטראָגן דעם פאַקט וואָס ר' אמנון איז אַ איד. דער גרויס-פירשט האָט פיל מאָל פאָרגעלייגט פאַר ר' אמנון ער זאָל זיך שמד'ן, ר"ל, און ער האָט אים צוגעזאָגט צו באַלוינען דערפאַר מיט אַ סך געלט און כבוד. אָבער ר' אמנון האָט אים געענטפערט, אַז ער איז גרייט אַלעס צו טאָן פאַר'ן גרויס-פירשט, אַ חוץ די איינע זאַך. ר' אמנון איז געווען אַזוי קלוג, אַז יעדעס מאָל ווען דער פירשט האָט מיט אים גענומען רעדן וועגן שמד, האָט ער אים אַזוי פאַרשמועסט, אַז דער גרויס-פירשט האָט באַלד פאַרגעסן אין זיין פאָרשלאָג.

איינמאָל האָט דער גרויס-פירשט געלאָזט רופן צו זיך דעם צדיק ר' אמנון און ער האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— הער אויס ר' אמנון! שוין יאָרן ווי איך בעט דיך דו זאָלסט ווערן אַזוי ווי איינער פון אונז, און איך קען ביי דיר נישט פועל'ן. מער קען איך דאָס נישט דולדן. איך האָב דיך גרויס געמאַכט צווישן מיינע הארן. אויך פאַר די אידן אין מאַינץ האָב איך געטאָן גרויסע טובות צוליב דיר. איצט איז געקומען די צייט ווען דו מוזט זיך אַנטשליסן. אָדער דו נעמסט אָן מיין פאָרשלאָג און דו וועסט זיך שמד'ן, דאַן וועל איך דיך מאַכן פאַר דעם גרעסטן צווישן מיינע הארן.

טאָמער נישט, וויל איך דיך מער נישט זען אין מיין פּאַלאַץ און די אידן וועל איך פאַרטרייבן פון מיין לאַנד.

ר׳ אמנון איז געוואָרן דערציטערט פון די שאַרפע רייד פון דעם גרויס-פירשט. עס האָט אים נישט געאַרט דאָס וואָס דער פירשט וועט אים פאַרטרייבן פון זיין פּאַלאַץ, ווייל ער האָט סיי ווי בעסער געוואָלט זיצן און לערנען תורה, איידער פאַרברענגען די צייט מיט׳ן גרויס-פירשט. עס האָט אים אָבער וויי געטאָן דער גורל פון זיינע ברידער, ווען דער גרויס-פירשט האָט געדראָעט צו פאַרטרייבן. נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטן, האָט ר׳ אמנון געענטפערט: „גיב מיר דריי טעג צו באַטראַכטן דיין פאָרשלאָג".

דער גרויס-פירשט האָט נאָכגעגעבן ר׳ אמנון׳ס פאַרלאַנג. ער איז געווען זיכער, אַז ר׳ אמנון וועט נישט וועלן אָנווערן זיין פריינט-שאַפט און ער וועט צוריקקומען מיט אַן ענטפער אויף „יאָ".

אָבער ווי נאָר ר׳ אמנון האָט פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ, איז ער געוואָרן זייער טרויעריג און נידערגעשלאָגן. עס האָט אים באַנג געטאָן דער ענטפער וואָס ער האָט געגעבן דעם גרויס-פירשט.

— פאַרוואָס האָב איך באַלד נישט געזאָגט דעם גרויס-פירשט, אַז איך וועל דאָס קיינמאָל נישט טאָן? — האָט ר׳ אמנון חרטה געהאַט. פאַרוואָס האָב איך מורא באַקומען פאַר זיינע דראָאונגען. איז דען ג-ט נישט שטאַרקער פון אים? — האָט ר׳ אמנון צו זיך גערעדט.

די גאַנצע דריי טעג האָט ר׳ אמנון געפאַסט און געוויינט. ער האָט געבעטן דעם אויבערשטן ער זאָל אים מוחל זיין פאַר זיין ענטפער. ווען דער דריטער טאָג איז געקומען האָט ר׳ אמנון באַשלאָסן נישט צו גיין צום גרויס-פירשט.

ווען דער גרויס-פירשט האָט געזען אַז ר׳ אמנון איז נישט גע-קומען צו דער באַשטימטער צייט, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס. ער האָט געשיקט זיינע באַוואָפנטע סאָלדאַטן און זיי האָבן געבראַנגט ר׳ אמנון׳ען אין פּאַלאַץ אַ געשמידטן אין קייטן.

— ביסטו גרייט זיך צו שמד׳ן? — האָט דער גרויס-פירשט אויסגערופן אַ שטרענגער און דערצאָרנטער. — דו האָסט נישט

געהאַלטן וואָרט און ביזט נישט געקומען צו דער באַשטימטער צייט. אויב אָבער דו וועסט זיך שמד'ן, וועל איך דיר פאַרגעבן.

— ניין! איך גלויב נאָר אין איין בורא עולם. איך וועל מיך נישט שמד'ן, קיינמאָל נישט! — האָט ר' אמנון אויסגערופן מיט אַנטשלאָסנקייט.

— אויב אַזוי, קלויב דיר אַליין אויס דיין שטראָף פאַר דעם וואָס דו האָסט געזינדיגט קעגן מיר — האָט אויסגערופן דער גרויס-פירשט.

— ניין, קעגן דיר האָב איך נישט געזינדיגט — האָט געענטפערט ר' אמנון — נאָר קעגן ג-ט האָב איך געזינדיגט, ווען איך האָב דיר צוגעזאָגט אַז איך וועל צוריקקומען צו דיר מיט אַ תשובה אין דריי טעג. איך האָב דיר באַלד באַדאַרפט זאָגן, אַז איך וועל זיך נישט שמד'ן. און איצט, ווייל איך האָב געזינדיגט קעגן ג-ט מיט מיין מויל, נעם איך אויף מיר די שטראָף. באַפעל אויסצושניידן מיין צונג וואָס האָט גערעדט וואָס מען טאָר נישט.

— ניין, דאָס נישט! — האָט געענטפערט דער גרויס-פירשט.
— נאָר דיינע פיס, וועלכע זיינען צו מיר נישט געקומען אין דער באַשטימטער צייט, וועל איך לאָזן אָפּשניידן! און דיינע הענט, וואָס האָבן נישט געוואָלט מאַכן קיין צייכן פאַר שמד, וועל איך באַפעלן אָפּצוהאַקן.

דער ברוטאַלער גרויס-פירשט האָט באַלד באַפוילן זיינע סאָלדאַטן דאָס צו טאָן. און דאָס איז גראָד געווען דעם ערשטן טאָג ראש השנה.

ר' אמנון איז געלעגן אַ צעבלוטיגטער מיט אָפּגעשניטענע פיס און הענט. ער האָט געבעטן מען זאָל אים אַזוי אויף אַ בעטל ברענגען אין בית המדרש און אים צופירן נעבן ארון הקודש. די אידן אין שול האָבן גראָד געהאַלטן ביי „קדושה" פון מוסף, און ווען מען האָט אים אַריינגעברענגט אין שול אַ צעבלוטיגטן, איז אויף אַלעמען באַפאַלן אַן אַנגסטיגער פחד. פון גרויס מורא איז דער עולם שטיל געוואָרן, און אין דער שטילקייט האָט מען נישט געהערט מער ווי ר' אמנון'ס שטימע, וועלכער האָט געזאָגט די תפילה „ונתנה תוקף", וואָס ער

האָט פאַרפאַסט. ווען ער האָט געענדיגט די תפילה, האָט ר׳ אמנון אויסגעהויכט זיין נשמה.

נאָך ראש השנה איז ר׳ אמנון געקומען צו חלום צו ר׳ קלונימוס בן ר׳ משולם, און ער האָט אים אויסגעלערנט די תפילה פון „נתנה תוקף״, און ער האָט אים באַפוילן צו צעשיקן די תפילה צו די אידן אין אַלע לענדער פאַר אַן אייביגן זכרון.

פון דעמאָלט אָן זאָגן די אידן אין אַלע תפוצות די דאָזיגע תפילה מיט גרוים כוונה, ראש השנה און יום כיפור, פאַר קדושה פון דער מוסף׳דיגער שמונה עשרה.

די וועלט פירט זיך, אַז ווען איינער דאַרף זיך שטעלן פאַר אַ משפט, גייט ער אַרום פאַר׳דאגה׳ט און נאָכגעלאָזט. ער גייט אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער, ער לאָזט זיך וואַקסן די האָר און ער שניידט נישט די נעגל, ווייל ער ווייסט נישט וויאַזוי דאָס פּראָצעס וועט אויספאַלן. — אָבער אידן זענען נישט אַזוי. ווען עס קומט ראש השנה טוען זיך אידן אָן ווייסע קליידער, און מען שערט זיך אָפּ די האָר און די נעגל, מען עסט און מען טרינקט און מען פרייט זיך ראש השנה, ווייל זיי ווייסן אַז השי״ת וועט צערייסן זייער גזר דין, און ער וועט זיי פאַרשרייבן צו אַלעם גוטן.

(מדרש)

# כבוד פאַר עלטערן

זייער גרויס איז די מצוה מכבד צו זיין עלטערן, און זייער פיל מאָל האָט אַ קינד די מעגלעכקייט אין משך פון טאָג מקיים צו זיין די מצוה פון כבוד אב ואם. מיט יעדער זאַך וואָס מ'טוט, מיט יעדן וואָרט וואָס מ'רעדט — קען מען זיי פאַרשאַפן דאָס גרעסטע פאַרגעניגן. דערמיט אַליין האָט מען שוין מקיים געווען די גרעסטע מצוה.

אַ קינד דאַרף דעריבער נישט וואַרטן מיט טאָן עפּעס גוטס פאַר עלטערן, ביז זיי וועלן הייסן. אויב מ'ווייסט נאָר אַז די עלטערן וועלן דערפון האָבן פרייד און הנאה, דאַרף מען זיך איילן דאָס צו טאָן, נאָך איידער זיי פאַרלאַנגען עס.

דאָס אייגענע איז אויך מיט דעם, וואָס קען זיי פאַרשאַפן צער און עגמת נפש. איידער מ'גייט עפּעס טאָן, דאַרף מען זיך פריער גוט פאַרטראַכטן, צי די עלטערן וועלן דערפון נישט האָבן קיין צער. אויב מ'וויל ערגעץ וואו גיין, דאַרף מען פריער בעטן רשות פון די עלטערן, און זאָגן זיי ווען מ'וועט צוריקקומען. אַ קינד דאַרף זיך באַמיען נישט צו זוימען זיך לאַנג, כדי די עלטערן זאָלן נישט איבער-קלערן און זיין באַזאָרגט.

ווען אַ קינד גייט אין שולע, דאַרף עס זיך באַמיען גוט צו לערנען, אויסהערן די לערער און זיך גוט אויפפירן. זייער אָפט קומט נישט אָן לייכט פאַר די עלטערן צו שיקן זייער קינד אין שולע. דאָס קאָסט געלט און אַ סך מי. ווען דאָס קינד לערנט זיך נישט גוט, עס איז פויל, באַנעמט זיך שלעכט מיט די אַנדערע קינדער, פאַר-שאַפט דאָס אַ סך צער פאַר די עלטערן. ווען אָבער דאָס קינד לערנט, הערט אויס גוט, און באַנעמט זיך אָנשטענדיג און מיט דרך ארץ, דאַן האָבן די עלטערן דערפון אַ סך נחת.

ווען עס זיצן מענטשן ביים טיש, טאָר זיך אַ קינד נישט אָנרופן פריער פאַר די עלטערן. אויב מ'וויל עפּעס זאָגן, דאַרף מען קודם בעטן

רשות ביי די עלטערן. ווען עלטערן זאָגן עפּעס, דאַרפן קינדער זיי נישט אויסבעסערן. מען טאָר זיך אויך נישט זעצן אויף די באַשטימטע פּלעצער פון די עלטערן, סיידן זיי הייסן און גיבן רשות.

אויב די עלטערן מוסר׳ן אוים אַ קינד, אָדער בייזערן זיך אויף אים, טאָר מען נישט צוריקענטפערן. מ׳דאַרף רואיג אויסהערן די שטראָף-רייד און נעמען אויף זיך מער נישט צו טאָן אַזעלכע זאַכן, וואָס פאַרשאַפן פאַרדרוס פאַר די עלטערן און רעגן זיי אויף. אפילו אויב מ׳האָט נישט געטאָן קיין שלעכטס, און די עלטערן האָבן זיך אומזיסט געבייזערט, טאָר מען זיי אויך נישט אָפּענטפערן. מסתמא האָבן זיי געהאַט אַ טעות. נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך באַרואיקט, דאַרף מען זיי דערציילן מיט גרוים דרך ארץ דעם אמת, כדי די עלטערן זאָלן מוחל זיין און מער נישט האָבן קיין פאַראיבל.

מ׳דאַרף זיך געוויינען צו רעדן געלאַסן, ובפרט מיט די עלטערן, שטיל און פול מיט דרך ארץ. אויב מ׳דאַרף עפּעס פון זיי, זאָל מען עס בעטן אויף אַן איידעלן אופן. אַז מ׳באַקומט עפּעס פון זיי, דאַרף מען זיי דערפאַר דאַנקען. מ׳טאָר נישט רופן די עלטערן ביים נאָמען. נאָר ווען עמיצער פרעגט, בשעת די עלטערן זענען נישט דערביי, ווי זיי הייסן, מעג מען זאָגן זייערע נעמען.

וואויל איז דעם קינד וואָס פאַרשאַפט מיט זיין אויפפירונג בלויז כבוד און פרייד פאַר זיינע עלטערן. גליקלעך איז דאָס קינד און גליקלעך זענען די עלטערן, און מען איז זוכה דורך דעם צו לאַנג לעבן פון נחת און פרייד, ווי עס שטייט אין דער הייליגער תורה:

**כבד את אביך ואת אמך,**

**— זיי מכבד דיין פאָטער און דיין מוטער,**

**למען יאריכון ימיך**

**— כדי דו זאָלסט לאַנג לעבן**

**על האדמה אשר ה׳ אלקיך נותן לך.**

**— אויף דער ערד וואָס השי״ת גיט דיר.**

## כבוד פאַר ברידער און שוועסטער

אַן עלטערן ברידער דאַרף מען אויך שעצן. אַזוי הייסט אונז די תורה הקדושה. אויך דאַרף מען שעצן און פאָלגן עלטערע שוועסטער. ווייל דאָס איז דער רצון פון די עלטערן און אַזוי אַרום וועט זיין שלום אין שטוב, וואָס דאָס איז פון די גרעסטע מצוות.

מ׳דאַרף דעריבער טאָן וואָס זיי פאַרלאַנגען: אָפּטרעטן פאַר זיי דאָס אָרט, נישט קעגנרעדן זיי, וכדומה. ווען אָבער זיי פאַרלאַנגען עפּעס צו טאָן וואָס מען טאָר נישט, אָדער אַ זאַך וואָס שטערט אויסצופירן די מצוות פון השם יתברך, טאָר מען זיי נישט פאָלגן. אויב זיי פאַרלאַנגען צו טאָן עפּעס, וואָס דער פאָטער אָדער מוטער האָט פאַרבאָטן, טאָר מען אויך נישט פאָלגן.

אין די אַנדערע זאַכן, וואָס זענען נישט קעגן רצון פון אויבערשטן, אָדער פון די עלטערן, דאַרף מען זיי פאָלגן מיט דער גרעסטער פלייסיגקייט. אַזוי אַרום וועט זיין שלום און ליבשאַפט אין שטוב, און אַלע וועלן זען ווי מיר לערנען פון דער תורה בלויז איידלקייט און גוטסקייט.

קינדער דאַרפן גריסן ביים אַריינקומען אין שטוב און ביים אַוועקגיין, סיי אין דער היים, און סיי ווען זיי קומען צו אַ קרוב אָדער צו אַ פרעמדן.

## כבוד פאַר אַלטע לייט

מ׳דאַרף אויך מכבד זיין אַן אַלטן מאַן, אָדער אַן אַלטע פרוי. אַזוי האָט אונז די תורה געבאָטן. אויך אונזער שכל זאָגט אונז אַזוי. אַלטע לייט האָבן פיל געליטן און פיל געזען אין זייער לעבן. מיר קענען פון זיי אַ סך לערנען. זיי האָבן שוין אויך פיל גוטס געטאָן, פיל מצוות מקיים געווען און זיך דערוואָרבן פיל זכותים.

אויב מ׳זעט אַלטע לייט, אפילו אַזעלכע וואָס קענען נישט קיין תורה, דאַרף מען זיך אויך פאַר זיי אויפשטעלן, ווי פאַר תלמידי

חכמים. מ׳דאַרף זיי אָפּגעבן אַן אָרט צום זיצן און זיי העלפן מיט וואָס נאָר מ׳קען.

אויך אַן אַלטן גוי דאַרף מען אַרויסוויַיזן רעספּעקט. מ׳דאַרף זיך פּאַר אים אַביסל אונטערהייבן, למשל, העלפן אַריבערגיין די גאַס, וכדומה.

די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט מכבד צו זיַין תלמידי חכמים און אַלטע לייט מיט די פאָלגנדע ווערטער:

**מפני שיבה תקום — פאַר אַ גרייַז־גרויען זאָלסטו זיך אויפשטעלן,**
**והדרת פני זקן — און זאָלסט באַשיינען דאָס פּנים פון אַן אַלטן.**

מיט דעם וואָרט „זקן" — אַן אַלטן — וואָס די תורה זאָגט דאָ, מיינט מען אַזאַ איינעם וואָס איז אַלט אין תורה, דער וואָס האָט איינגעהאַנדלט אַ סך תורה וויסן.

ווען מ׳באַגעגנט אַ רב, אַ תלמיד חכם, אָדער אַלטע לייט, טאָר מען נישט אַרונטערלאָזן אָדער אָוועקדרייען די אויגן, און מאַכן זיך ווי גלייך מ׳וואָלט זיי נישט געזען. זייַטיגע מענטשן קענען טאַקע מיינען, אַז מ׳האָט זיי נישט באַמערקט, אָבער דער אויבערשטער זעט דאָך אַלץ, און אים קען מען נישט אָפּנאַרן.

מ׳דאַרף אויך אַרויסווייַזן כבוד פאַר יעדן וואָס איז עלטער פון אונז אין יאָרן, אָדער גרעסער פון אונז מיט וויסן, אין גוטע מידות און אין מעשים טובים.

זיצנדיג מיט זיי צווישן מענטשן, טאָר מען זיך נישט אָנרופן איידער זיי רופן זיך אָן. מ׳דאַרף זיי אַלעמאָל לאָזן רעדן צוערשט. אויב מ׳וויל עפּעס זאָגן דאַרף מען בעטן רשות.

מען דאַרף זיי אויך לאָזן פריער ביים אַריינגיין און אַרויסגיין פון שטוב. מ׳האָט אַמאָל געפרעגט איינעם פון אונזערע הייליגע חכמים „אין וואָס פאַר אַ זכות האָסטו מאריך ימים געווען?" האָט ער צווישן אַנדערע גוטע פירונגען אויסגערעכנט: „איך בין קיינמאָל נישט גע־

גאַנגען פאָראויס פאַר דעם וואָס איז גרעסער געווען פון מיר אין חכמה און אין יאָרן".

עס איז נישט שיין צו זאָגן פאַר אַן עלטערן מענטש „דו", ווי מ'זאָגט צו אַ חבר אָדער אַ פריינדין. פאַר אַן עלטערן מענטש זאָגט מען „איר", למשל: „וואָס ווילט איר?" וכדומה.

פאַר ר' יהושע בן אלם האָט מען מגלה געווען אין חלום אַז זיין שכן אין גן עדן וועט זיין ננס דער קצב. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען און געטראַכט, מיין גאַנץ לעבן בין איך עוסק אין תורה און יראת שמים, איך גיי נישט פיר איילן אָן ציצית און תפילין, און איך האָב געהאַט אַכציג תלמידים, און איצט בין איך גלייך צו ננס הקצב. האָט ער געשיקט נאָך זיינע תלמידים און זיי געזאָגט: „איך וועל אַזוי לאַנג נישט אַריינגיין אין בית המדרש ביז איך וועל נישט אויפזוכן דעם קצב און אויסגעפינען ווער ער איז און ווי ער פירט זיך אויף". — ווען זיי זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט וואו ננס הקצב האָט געוואוינט, האָבן זיך די איינוואוינער געוואונדערט און געפרעגט, צו וואָס דאַרף אַזאַ צדיק און חסיד אַזאַ געמיינעם מענטש. האָט ר' יהושע געשיקט זיינע תלמידים נאָך אים, אָבער ער האָט נישט געוואָלט קומען. ער האָט געמיינט אַז זיי טרייבן פון אים שפּאַס. איז ר' יהושע אַליין געגאַנגען צו אים. האָט אים דער קצב געפרעגט וואָס ער וויל. האָט אים ר' יהושע געפרעגט וואָס זיין באַשעפטיגונג איז און ווי ער פירט זיך אויף. האָט אים ננס הקצב געענטפערט: „איך בין אַ פליייש־סוחר און איך האָב אַן אַלטען פאָטער און מוטער וועלכע קענען נישט שטיין אויף זייערע פיס. יעדן טאָג טו איך זיי אָן און איך גיב זיי צו עסן און וואַש זיי אַרום מיט מיינע הענט". — האָט זיך ר' יהושע באַלד אויפגעשטעלט און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן און אים געזאָגט: „מיין זון, וואויל איז דיר, און וואויל איז מיר וואָס איך האָב זוכה געווען צו זיין דיין שכן אין גן עדן".

(מדרש)

# אַ שופר אין לאַגער

אין די יאָרן צווישן תרצ״ט און תש״ה, האָבן די דייטשע נאַציס, אונטער דער דיקטאַטור פון דעם צורר ישראל היטלער, ימח שמו, אומגעבראַכט מיט שרעקליכער אכזריות אַ דריטל פון אידישן פאָלק. די שחיטות אויף אידן האָבן זיך אָנגעפאַנגען אין דייטשלאַנד און דערנאָך איבער גאַנץ מזרח און מיטל אייראָפּע. אַרום 6 מיליאָן אידן, צווישן זיי איבער אַ מיליאָן קינדער, זענען דורך די דייטשע רוצחים אויסגעמאָרדעט געוואָרן. זיי האָבן קודם פאַרשפאַרט די אידן אין געטאָ׳ס און דערנאָך זיי פאַרשלעפּט אין קאָנצענטראַציע לאַגערן, וואו מען האָט די פרויען און קינדער און עלטערע לייט תיכף אומגעבראַכט, און די אַרבעטס־פעאיגע האָבן זיי פאַרשיקט אין לאַגערן פאַר צוואַנגס־אַרבעט. די לאַגערן האָט מען גערופן „קאָנצענטראַציע־לאַגערן״ אָדער „קאַ־צעט״.

— א —

וועגן דער באַהעלטעניש אין אַ פאַרשטעקטן קעלער אין קאָנצענטראַציע לאַגער, און וועגן דעם אוצר וואָס געפינט זיך דאָרט, — האָבן נאָר געוואוסט אַ קליינע צאָל לאַגער מענטשן.

דאָס איז געווען אַ קאָנצענטראַציע לאַגער פאַר אידן. איבער׳ן טויער פון לאַגער איז געהאַנגען אַ גרויסער טאַוול, אויף וועלכן עס איז געווען אויפגעשריבן: „יולאַג״, וואָס דאָס האָט געמיינט „יודען־לאַגער״. דאָרט אַהין האָבן די דייטשן פאַרשלעפּט פילע טויזנטער אידן.

דער דאָזיגער „יודען־לאַגער״ איז נישט געווען איינער פון די פאַר־ניכטונגס־לאַגערן. נישט געווען דאָרט קיין תליות, נישט קיין גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריומס. דאָס איז געווען אַן אַזוי־גערופענער „אַרבעטס לאַגער״. עס האָט געהייסן אַז מען ברענגט דאָרט אַהין די אידן נאָר צו אַרבעטן.

אָבער אין אמת׳ן איז אויך דער לאַגער געווען אַ פאַרניכטונגס־פּלאַץ. די אויפזיכט איבער די געפאַנגענע אידן האָבן געהאַט די נאַצישע „שטורם־

טרופן", אָדער ווי מען האָט זיי גערופן די עס־עס לייט. דאָס זענען געווען שלעכטע און בייזע רשעים, ביטערע סאַדיסטן, וועלכע האָבן געפּייניגט די אידן אָן אַ ברעקל רחמנות.

לאַנג האָט מען אין דעם לאַגער נישט געקענט אויסהאַלטן. אפילו די שטאַרקסטע האָבן דאָרט נישט געקענט מער לעבן ווי אַ פּאָר חדשים. צו עסן האָט מען כמעט גאָרנישט געגעבן, און אַרבעטן האָט מען געמוזט פון 14 ביז 15 שעה אין אַ מעת לעת. דערצו האָבן די עס־עס אויפזעער געשלאָגן די אידן ביי דער אַרבעט מיט ווילדער רציחה, ביז זיי זענען געפאַלן פון די פּייניגונגען.

די מערדערישע דייטשן האָט נישט געאַרט וואָס די אידן זיינען כסדר אויסגעשטאָרבן. אויפ'ן אָרט פון די אויסגעשטאָרבענע האָבן זיי געבראַכט נייע טראַנספּאָרטן פון אידן, וועמען זיי האָבן ווידער געמאַכט אַרבעטן ביז זיי זענען געפאַלן פון די כוחות.

ווי פאַראייניזאַמטע זאַנגען אויף אַ פעלד נאָכ'ן שניט, זענען נאָך אין לאַגער געבליבן אַ פּאָר אידן פון די ערשטע טראַנספּאָרטן. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס די מערדערישע עס־עס לייט האָבן זיי געלאָזן לעבן. אָבער דאָס איז זיכער געווען פון הימל. די דאָזיגע אַלטע לאַגערניקעס האָבן אין האַרצן געטראָגן אַ גרויסן און הייליגן סוד, און נעמליך: ערגעץ וואו אין אַ ווינקל פון לאַגער איז געווען אַ פאַרבאָרגענער קעלער. דאָרט אינעם קעלער איז געווען אַ קעסטעלע מיט אַן אוצר, וואָס איז זיי געווען טייערער ווי אַלץ אין דער וועלט.

דער דאָזיגער אוצר איז געווען אַ קליין ספר תורה'לע. די אותיות זיינען געווען קליינטשיקע און דער פאַרמעט זייער דין. און נאָר דערפאַר ווייל די ספר תורה איז געווען אַ קליינע האָט מען זי געקענט אַזוי לאַנג אויסבאַהאַלטן פון די אויגן פון די מערדערישע עס־עס לייט.

געברענגט די ספר תורה האָט אַן אַלטיטשקער רב מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, פון דער סלאָוואַקיי, וועמען מען האָט אַהין פאַרשלעפּט. דער אַלטער רב האָט געהאַט אַ מסורה, אַז די דאָזיגע ספר תורה שטאַמט נאָך פון שפּאַניען, פון די צייטן פון דער אינקוויזיציע.

דער אַלטיטשקער רב האָט לאַנג נישט געקענט אויסהאַלטן אין לאַגער. די באָרד האָט מען אים תיכף אָפּגעשוירן. אָבער איידער די דייטשן האָבן אים פאַרפּייניגט, האָט ער צו זיך צוגערופן אַ פּאָר אידן, און פאַר זיי דערציילט

זיין הייליגן סוד און אָנגעזאָגט צו היטן דעם דאָזיגן אוצר, אַז עס זאָל נישט אַריינפאַלן אין די טמא׳נע הענט פון די דייטשע רוצחים.

עס איז אַדורך אַ שטיקל צייט, און אינעם קעסטעלע וואו ס׳איז געלעגן די ספר תורה, האָט מען צוגעלייגט נאָך אַ הייליגן חפץ. אַ שמש פון אַ שול, וועלכער איז געקומען מיט איינעם פון די נייע טראַנספּאָרטן, האָט מיט זיך געבראַכט אַ שופר. און ווידער איז דאָ געשען אַ וואונדער. דער שמש, אַ דאַרער און שוואַכער איד, איז געבליבן לעבן אַ סך לענגער פון די וואָס זענען מיט אים צוזאַמען געקומען. ער איז געווען זיכער, אַז נאָר אין זכות פון דעם שופר האָט ער געקענט אויסהאַלטן. דעריבער האָט ער אויך אין לאַגער זיך אויפ־געפירט ווי אַ שמש. ער פלעגט אויפוועקן אינדערפרי אידן צו דאַווענען. ער פלעגט מודיע זיין די אידן ווען עס פאַנגט זיך אָן שבת, און ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט קובר זיין אידן וואָס זענען געפאַלן טויטע פון די שווערע פּיי־ניגונגען.

עטליכע טעג פאַר ראש השנה האָט דער שמש צוזאַמענגערופן אַ צאָל אידן און זיי שטילערהייט געזאָגט:

— אידן, עס דערנענטערן זיך די הייליגע טעג, די ימים נוראים. לכבוד ראש השנה דאַרף מען זען איינצואָרדענען אין געהיים אַ מנין.

— וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ ראש השנה׳דיג דאַווענען אָן אַ שופר! — האָט איינער פון די אידן אַרויסגעקרעכצט.

— מיר האָבן אַ שופר! יאָ, דאָ אין לאַגער האָבן מיר אַ שופר — האָט זיי דער שמש אויסגעזאָגט זיין סוד. איך האָב אים באַהאַלטן דאָרט וואו עס ליגט באַהאַלטן די ספר תורה. ערב ראש השנה וועלן מיר אים אַריינגעמען אין באַראַק און מיר וועלן אי״ה בלאָזן שופר.

— חס וחלילה! מען טאָר נישט! — האָט זיך איין איד אָנגערופן. — איך וויים דעם דין, און איך זאָג אייך אידן, אַז מ׳טאָר זיך נישט רייצן מיט די רוצחים. אמת, תקיעת שופר איז טאַקע אַ גרויסע מצוה, אָבער די מצוה איז נישט דוחה שבת, דאָס הייסט, ווען ראש השנה פאַלט אויס אים שבת בלאָזט מען נישט קיין שופר... — דאָס איז די בעסטע ראיה. מילא, דאַווענען קען מען שטילערהייט. אָבער, אַז מ׳וועט בלאָזן שופר וועט מען הערן איבערן גאַנצן לאַגער. דאָס איז שוין פּיקוח נפש, און מען טאָר נישט איינשטעלן דעם גאַנצן לאַגער צוליב׳ן שופר.

— דוקא צוליב דעם דאַרף מען יאָ בלאָזן — האָט דער שמש געענטפערט.
— מיר זענען סיי ווי פאַרלוירענע. אונזערע גופים זענען הפקר פאַר יעדן אכזר, פאַר יעדן רוצח... אָבער אונזערע נשמות ווען מיר נישט מפקיר זיין. אונזער נשמה וועלן מיר זיי נישט איבערגעבן! אידן, זענט איר מסכים מיט מיר? — האָט ער אויסגערופן.

— יאָ, יאָ — האָבן אַלע אַנדערע אידען געענטפערט — אויב ס'איז דאָ אַ שופר, איז עס אַ גוטער סימן. לאָמיר נישט פאַרשעמען דעם שופר. לאָמיר מקיים זיין די מצוה, און זאָל זיין וואָס עס וויל.

— ב —

ס'איז געקומען דער טאָג פון ראש השנה.

אַ גרויסן טייל אידן האָבן די דייטשן מיט געוואַלט אַרויסגעשלעפּט צו דער אַרבעט. אָבער די וואָס זענען געבליבן, האָבן זיך באַלד געשטעלט דאַווענען. נאָך אַ נאַכט פריער, האָט דער שמש אַרויסגענומען פון פאַרבאַר־גענעם קעסטעלע דעם שופר און אים באַהאַלטן אין באַראַק. די ספר תורה האָט ער געלאָזן, ווייל ער האָט מורא געהאַט זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין די טמא'דיגע הענט פון די רוצחים. באַלד האָט זיך אָפּגעפונען אויך אַ בעל תוקע. דער בעל תוקע האָט גוט געוואוסט, אַז ער שטעלט זיך איין דאָס לעבן מער ווי אַלע אַנדערע מתפללים, אָבער ער האָט זיך נישט גע־וואַקלט אפילו איין רגע, נאָר זיך אַ דערפרישטער געגרייט צו דער הייליגער מצוה.

ווען מ'האָט אָנגעפאַנגען דאַווענען, האָבן די אידן געשטעלט אַ וואַך פאַר דעם באַראַק. אינדרויסן איז קיינער נישט געווען. די עס־עס לייט זענען נאָך געווען אין זייערע ווילאַ'ס, וואו זיי האָבן געגעסן זייער זאַטן און פעטן פרישטיק. באַלד איז געקומען די צייט פון שופר בלאָזן. דער גאַנצער באַראַק אידן האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם, און דער שמש האָט מיט אַ שטיקענדער שטימע אויסגערופן.

— תקיעה!

טו—ו—ו—ו — האָט אויסגעשאַלט דאָס קול פון שופר, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין יעדן האַרץ קעמערל פון דעם מנין אידן.

— שברים! — האָט אויסגערופן דער שמש, און זיין שטימע איז געוואָרן שטאַרקער און זיכערער.

טו, טו, טו, — האָט זיך געשטאַרקט די שטימע פון שופר, אַז מען האָט אָנגעהויבן הערן דאָס קול אויך אינדרויסן פון באַראַק.

— שברים תרועה! — האָט אויסגערופן דער שמש מיט אַ זיכערער שטימע, שוין אָן מורא און אָן ציטערניש.

טו, טו, טו, טו—טו—טו—טו... — האָט אָפּגעהילכט דער שופר מיט אַ דונערדיגער שטימע, וואָס האָט אָפּגעשאָלט איבערן חלל פון גאַנצן לאַגער און האָט דערגרייכט ביז צו די ווילעס פון די עס.־עס. רוצחים.

„קרויץ־דאָנער־וועטער! וואָס איזט דאָס?!" — האָט מען געהערט ווי עס שרייען די דייטשן פון זייערע ווילאָ'ס. באַלד זענען זיי געקומען צו לויפן מיט גרויסע הינט און ביקסן זיך אַריינגעריסן אין באַראַק מיט רויט־אָנגעצונדענע פנימ'ער פון ווילדער רציחה.

— איצט האָב איך אייך געפּאַקט, איר פאַרפלוכטע אידן, — האָט אויסגעשריגן דער אויבערשטורעמפירער שמידט. — איר גיט צייכנס פאַר די רוסן, די ענגלענדער און אַמעריקאַנער. איצט ווייס איך שון פאַרוואָס מיר ווערן לעצטנס אַזוי שטאַרק באַמבאַרדירט. מיט אייער טרומפּייטער גיט איר זיי צייכנס. מיר וועלן אייך איצט אַלע — — —

— דאָס איז נישט קיין צייכן־סיגנאַל, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די אידן. — דאָס איז אַ שופר. מיר דאַווגען היינט.

— שוויג! האָט געשריגן דער אויבערשטורעמפירער. — זאָגט מיר, ווער איז דאָס געווען דער וואָס האָט אַריינגעשמוגלט דעם שופר און ווער האָט מיט אים געבלאָזן. אויב איר וועט נישט זאָפאָרט זאָגן, וועל איך אייך אַלע שטעלן צו דער וואַנט און אויסשיסן ווי די הינט!

די אידן זענען געוואָרן ווייס ווי קאַלך פון גרויס שרעק. זיי האָבן אַלע גוט געקענט דעם רוצח שמידט, און געוואוסט אַז מען קען זיך מיט אים נישט שפּילן. אָבער אַלע האָבן דאָך געשוויגן. קיינער האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן אַרויסגעבן דעם שמש און דעם בעל תוקע.

— רעדט! — האָט דער עס־עס מאַן געריטשעט און זיך געוואָרפן — זאָגט אויס, ווער איז דער וואָס האָט געבראַכט אייער שופר און האָט געבלאָזן.

די אידן האָבן געשוויגן. זיי זענען געווען גרייט אַלע צו שטאַרבן אויף קידוש השם, און נישט אויסגעבן די צוויי ברידער זייערע, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט דאָס לעבן מקיים צו זיין אַ מצוה.

— אהה, איר שוויגט, איר ווילט נישט זאָגן — האָט געשריגן דער אויבערשטורעמפירער. — איך וועל אייך אַנלערנען! איך וועל נעמען צוואַנציג מענטשן פון אייך. צען פאַר דעם וואָס האָט געבערענגט דעם שופר און צען פאַר דעם וועלכער האָט געבלאָזן. איך וועל זיי אַלעמען דערשיסן, אפשר וועט איר דאַן אָנפאַנגען רעדן.

און נישט טראַכטנדיג פיל, האָט דער עס־עס פירער אויסגעקליבן צוואַנציג אידן און זיי אויסגעשטעלט ביי דער וואַנט. באַלד זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ גרופּע עס־עס לייט, מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן, צילנדיג גלייך צום שיסן.

דער שטורעמפירער האָט שוין געהאַט געעפנט זיין מויל אַרויסצוגעבן דעם באַפעל פאַר די עס־עס סאָלדאַטן צו שיסן, ווען איבער׳ן לאַגער האָט זיך דערהערט אַ שרעקליך פייפעריי. דאָס האָבן די אַלאַרם סיגנאַלן אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערן זיך פרעמדע עראָפּלאַנען צו באָמבאַרדירן די דייטשע פּאָזיציעס.

די עס־עס לייט האָבן זיך דערשראָקן און גענומען לויפן אין גרויס פּאַניק, זיך צו באַהאַלטן אין די שוץ קעלערס ביים עק פון לאַגער.

„פרייט אייך נישט, אידן, מיר וועלן באַלד צוריקקומען און מיר וועלן אייך אַלע אויסשיסן ווי די הינט! — האָט שמידט אויסגערופן, אַנטלויפנדיג זיך אַליין צו ראַטעווען פון די אָנקומענדיגע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען.

אָבער שמידט מיט זיינע סאָלדאַטן זענען קיינמאָל מער נישט צוריקגעקומען. אייניגע טעג האָט מען נישט געוואוסט וואָס עס האָט מיט זיי פּאַסירט. ערשט שפּעטער איז מען געוואויר געוואָרן. שמידט מיט די עטליכע עס־עס לייט, וועלכע האָבן זיך געגרייט צו שיסן די צוואַנציג אידן, האָבן נישט באַוויזן מער זיך אַריינצוקריגן אין דעם שוץ בונקער. זיי האָבן זיך באַמיט צו באַהאַלטן אין אַ קליין וועלדל נעבן לאַגער, ווען ס׳איז אָנגעפאַרן אַן ענגלישער עראָפּלאַן און האָט זיי גענומען באַוואַרפן מיט באָמבעס. איין באָמבע האָט געטראָפן שמידט׳ן אַליין און ער איז צעריסן געוואָרן אויף הונדערט שטיקער. און אויך די אַנדערע עס־עס סאָלדאַטן זענען אַלע גע׳הרג׳עט געוואָרן.

ווען מ'האָט זיך דערוואוסט אין לאַגער פון דער מעשה, האָט דער שמש אַ שמייכלענדיגער געזאָגט:

— דער דייטש איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט אַז דער שופר איז אַ סיגנאַל צייכן. ער האָט בלויז געמאַכט איין טעות. ער האָט געמיינט, אַז מיר גיבן צייכנס צו זיינע שונאים, צו אַמעריקע, ענגלאַנד און רוסלאַנד. אין אמת'ן אָבער, איז דאָס געווען אַ צייכן צו אונזער פאָטער אין הימל, ער זאָל דערזען אונזער צער און באַשטראָפן אונזערע פייניגער. און ער, אין הימל, האָט דערהערט אונזער צייכן.

און דער בעל תוקע האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט:

„כן יאבדו"...

הקב"ה זאָגט, ראש השנה טו איך משפט'ן די וועלט. איך וואָלט געדאַרפט אַרויסטראָגן דעם אורטייל דעם זעלבן טאָג, אָבער איך וואַרט נאָך צען טעג, כדי אידן זאָלן תשובה טאָן. אויב אידן טוען תשובה אין די צען טעג, דעמאָלט טו איך פאַרניכטן אַלע אייערע זינד און איר גייט אַרויס גערעכט פון משפט. אויב איר וועט נישט טאָן קיין תשובה אין די טעג, וועט אייער אורטייל באַשטימט ווערן יום כיפור. און עס איז אייער שולד, וואָרים איך האָב אייך געגעבן די מצוה פון שופר אין ראש השנה, כדי צו דערמאנען אייך צו טאָן תשובה און ציטערן פאַר'ן יום הדין.

(מדרש)

# יום כיפור

## דער הייליגער טאָג

יום כיפור איז דער הייליגסטער טאָג פון יאָר. מען רופט דעם טאָג יום הקדוש — דער הייליגער טאָג.

מיט גרויס בענקעניש ווארטן אידן אויף דעם דאָזיגן הייליגן טאָג, ווייל דאָס איז דער טאָג אין וועלכן עס ווערן אָפּגעווישט אַלע זינד פון די אידן.

מיר ווייסן דאָך אַז די זינד ווערן אָפּגעווישט דורך תשובה. אָבער נישט אַלערליי זינד ווערן באַלד אָפּגעווישט. עס זענען פאַראַן זינד, וואָס אפילו נאָכ'ן תשובה טאָן בלייבט נאָך איבער עפּעס אַ פלעק. דעריבער האָט דער אויבערשטער באַשטימט איין טאָג אינ'ם יאָר, וואָס ער האָט אונז געהייסן מאַכן פאַר אַ יום טוב, און אין דעם טאָג איז השי"ת מוחל אינגאַנצן. ער מעקט אָפּ דעם לעצטן צייכן פון דער באַגאַנגענער זינד. דאָס איז דער צענטער טאָג פון חודש תשרי. ער הייסט טאַקע „יום הכיפורים", אָדער „יום כיפור" — דער טאָג פון פאַרגעבונג, פון אָפּווישן. אין דעם טאָג ווערן אָפּגעווישט די זינד פון די בעלי תשובה. זיי ווערן ווי ניי־געבוירענע קינדער.

## עשרת ימי תשובה

תשובה קאָן מען באמת טאָן אין איין מינוט. ווי נאָר מען זעט איין אַז מען האָט געטאָן אַן עבירה, מען באַדויערט די שלעכטע מעשים און מען באַשליסט מער נישט צו טאָן קיין שלעכטס און קיין עבירות, — האָט מען שוין באמת תשובה געטאָן. אָפּטמאָל האַלט דאָס אָבער נישט אָן לאַנג. אַ סך מאָל איז מען איינגעוואוינט, און

מען דאַרף שטאַרק האָרעווען בכדי אויסצואוואָרצלען פון זיך דאָס שלעכטע.

דעריבער הויבן אידן אָן תשובה צו טאָן שוין אָנפאַנג חודש אלול, און אין משך פון גאַנצן חודש באַמיען זיי זיך צו שטאַרקן אין דער תשובה, וואָס דאָס מיינט אויסוואָרצלען דאָס שלעכטס און איינפלאַנצן אין זיך גוטס.

די צען טעג פון ראש השנה ביז יום כיפור ווערן אָנגערופן „עשרת ימי תשובה" — די צען טעג פון תשובה. דאָס זענען די לעצטע טעג פון תשובה. ווער עס האָט באַוויזן צו בעסערן זיך זינט אָנהויב פון חודש אלול, דאַרף אין די עשרת ימי תשובה פאַרענדיגן זיין אַרבעט. ווער עס האָט פאַרשפעטיגט און ביז ראש השנה נאָך גאָרנישט געטאָן צו פאַרבעסערן זיינע מעשים, קען איצט אין די לעצטע צען טעג ביז יום כיפור תשובה טאָן.

די זיבן טעג וואָס זענען צווישן ראש השנה און יום כיפור, שטייט מען אויף יעדן טאָג גאַנץ פרי — אויסער שבת — און מ'זאָגט סליחות, אַזוי ווי פאַר ראש השנה.

## שבת שובה

דעם שבת צווישן ראש השנה און יום כיפור רופט מען „שבת שובה" (אָדער „שבת תשובה") ווייל מ'לייענט די הפטורה פון די נביאים וואָס הויבט זיך אָן מיט'ן וואָרט „שובה", און עס שמועסט וועגן ענינים פון תשובה.

אין די גאַנצע צען טעג פון עשרת ימי תשובה דאַרף מען זיך ספּעציעל פירן בעסער ווי אַ גאַנץ יאָר. מען דאַרף זיך באַזונדערס אָנשטרענגען אויסצומיידן שלעכטס און טאָן מצוות און מעשים טובים. מ'דאַרף זיך אומגיין מיט רחמנות. מ'דאַרף זיך היטן נישט צו ווערן אין כעס. ווען עמיצער טוט אַן עולה, און מען האָט פאַרדרוס אין האַרצן, דאַרף מען זיך באַמיען באַלד מוחל צו זיין. דאָס אַלץ איז כדי ווערט צו זיין, אַז אויך השי"ת זאָל מיט אונז, ווי מיט אַלע אידן, באַגיין מיט וואָס מער רחמים.

## איבערבעטן

יום כיפור איז דער אויבערשטער מוחל נאָר די זינד, וואָס מען האָט געזינדיגט קעגן דעם אויבערשטן אַליין, אויב מען טוט תשובה. אויב אָבער מען האָט געזינדיגט קעגן אַן אַנדערן מענטש, ווי למשל: אויב מען האָט עמיצן באַשווינדלט, באַליידיגט, באַרעדט, פאַרשאַפט צער, שאָדן געטאָן, אָדער גאָר געשלאָגן — איז דער אויבערשטער נישט מוחל, סיידן מען בעט יענעם איבער און יענער איז מוחל.

פאַר יום כיפור בעט מען דעריבער יעדן איינעם, ווען מען דענקט אַז מען האָט קעגן אים אַן עולה געטאָן, ער זאָל מוחל זיין. היות דער מענטש האָט בטבע אַ שוואַכן זכרון, און מען געדענקט נישט ווען מען האָט באַ'עולה'ט, דאַרף מען דעריבער בעטן יעדן באַקאַנטן ער זאָל אים מוחל זיין.

דער מענטש ווען מען בעט איבער, דאַרף מוחל זיין. דער וואָס וויל בשום אופן נישט מוחל זיין איז אַן אכזר. אויף אַזאַ איינעם זאָגט מען, אַז ער האָט נישט קיין אידיש האַרץ. מיר בעטן דאָך דעם אויבערשטן ער זאָל אונז מוחל זיין, דאַרפן מיר דאָך אוודאי קענען מוחל זיין יענעמס עוולות קעגן אונז.

## כפרות שלאָגן

פאַר יום כיפור איז אַ מנהג ביי אידן צו שלאָגן כפרות. אַ מאַנספאַרשוין נעמט אַ האָן, און אַ פרוי אַ הון. מען בעט דערביי, אַז אויב עס איז באַשערט עפעס שלעכטס ח"ו, זאָל דאָס עוף זיין אַ כפרה — אַן אויסלייזונג פאַר'ן מענטש.

דאָס געלט וואָס די כפרה איז ווערט, אָדער דאָס עוף אַליין, גיבן אידן אוועק פאַר אָרימעלייט, אָדער פאַר צדקה. די קישקעלעך וואַרפט מען אַרויס, ווייל די עופות כאַפּן אַמאָל אַ קערנדל פון פרעמדער תבואה. דערפון דאַרף זיך אַ איד באַרעכענען, ווי ווייט מען דאַרף זיך היטן פון צונעמען דאָס וואָס געהערט נישט צו אים.

## ערב יום כיפורדיגע סעודות

יום כיפור איז דער הייליגסטער יום טוב פון אַלע ימים טובים. אידן פרייען זיך מיט דעם יום טוב, ווייל עס איז נישטאָ קיין גרעסערע פרייד ווי צו זיין ריין פון זינד. אין טאָג פון יום כיפור האָט אונז אָבער השי״ת געהייסן פאַסטן און נישט געניסן פון די אַלע תענוגים וואָס מיר האָבן אין אַנדערע ימים טובים. דערפאַר האָט מען אונז געהייסן עסן און טרינקען ערב יום כיפור. מ'האָט אויך דורך דעם כח צו פאַסטן און פאַרענדיקן די תשובה. עס איז אַ גרויסע מצוה צו עסן און טרינקען ערב יום כיפור. דער אויבערשטער פאַררעכנט אפילו דאָס עסן ערב יום כיפור ווי מ'וואָלט געפאַסט, דאָס הייסט, פונקט ווי מ'וואָלט געפאַסט גאַנצע צוויי טעג — ערב יום כיפור און יום כיפור. געוויינליך עסט מען צוויי סעודות ערב יום כיפור.

## בענטשן די קינדער

ערב יום כיפור פאַרנאַכט, איידער מען גייט אין שוהל צו „כל נדרי״, בענטשן די עלטערן זייערע קינדער. מ'לייגט אַרויף די הענט אויפ'ן קינדס קאָפּ און מען בענשט זיי, זיי זאָלן האָבן אַ גוט יאָר, זיין געזונט און שטאַרק, זיך גוט און גרינג דערציען, צו קענען אָפּהיטן די תורה און מצוות וואָס דער אויבערשטער האָט געבאָטן.

## יום כיפור איז אַ רו־טאָג

יום כיפור האָט די תורה געהייסן פאַסטן פון פאַרנאַכט ביז אויף דער נאַכט. ווי אויך זיך צוריקהאַלטן פון עטליכע באַקוועמ־ליכקייטן, ווי למשל: נישט אָנטאָן קיין שיך פון לעדער, נישט וואַשן זיך און נישט שמירן זיך. מען הערט אויף צו עסן נאָך פאַר ליכט־צינדן און מען מעג עסן ערשט צומאָרגנס ביינאַכט, ווען מען מעג שוין אָנצינדן ליכט. יום כיפור ביינאַכט פאַסטן אפילו קליינע קינדער.

פונקט ווי שבת איז אויך יום כיפור פאַרבאָטן צו טאָן יעדע מלאכה. מען טאָר נישט האַלטן קיין מוקצה, מען טאָר נישט טראָגן, וכדומה.

## תפלות פון קינדער

אויך אידישע קינדער בעטן אין ראש השנה און יום כיפור, אַז דער אויבערשטער זאָל שענקען זייערע עלטערן אַ גוט יאָר און ער זאָל דערפילן אַלע זייערע גוטע בקשות.

אויך קינדער טוען תשובה. זיי נעמען אויף זיך צו זיין גוט אַ גאַנץ יאָר. ווען דער אויבערשטער זעט ווי גוט עס זענען די קינדער, פאַררעכנט ער דאָס ווי אַ זכות פאַר די עלטערן, וואָס האָבן דערצויגן אַזעלכע גוטע קינדער, און ער בענטשט זיי דערפאַר מיט אַ סך גוטס.

ביינאַכט און אַ גאַנצן טאָג דאַוונט מען אין שול, אָדער אין בית המדרש. מען רעכנט אוים ביים דאַוונען די זינד וואָס מען האָט געטאָן אַ גאַנץ יאָר און מ׳בעט ביי השי״ת ער זאָל מוחל זיין; ער זאָל התמ׳ענען אַ גוט יאָר פאַר אַלע אידן, זוכה צו זיין צו טאָן בלויז גוטס.

## דער יום כיפורידיגער טאָג

ווען עס ווערט נאַכט און אידן קערן זיך צוריק פון דאַוונען אַהיים, הייסט עס, מוצאי יום כיפור. מען גייט אַהיים בשמחה זייענדיג זיכער אַז דער אויבערשטער האָט אונז מוחל געווען די חטאים און געשענקט אַ גוט יאָר. אַהיימגייענדיג כאַפּט מען באַלד אריין נאָך אַ מצוה — מחדש זיין די לבנה. אינדערהיים מאַכט מען הבדלה, ווי שבת צו נאַכט, מען עסט אַ סעודה ווי יום טוב, צוליב דער גרויסער פרייד פון דעם וואָס מיר זענען איצט ריינע מענטשן, אָן זינד.

ערליכע אידן, באַלד ווי זיי פאַרענדיגן די סעודת מוצאי יום כיפור, און הגם זיי זיינען מיד פון פאַסטן, לייגן זיך נישט באַלד שלאָפן, נאָר זיי פאַנגען באַלד אָן טראַכטן וועגן טאָן מצוות, און געוויינליך נעמט מען זיך גרייטן אויפצושטעלן די סוכה, אָדער עוסק

זיין אין אַנדערע מצוות פון דעם קומענדן יום טוב סוכות, ווי למשל, קויפן אַן אתרוג.

די פיר טעג צווישן יום כיפור און סוכות זענען אידן שטאַרק פאַרנומען מיט טאָן מצוות. מען באַזאָרגט זיך ארבע מינים — אַן אתרוג, לולב, הדסים און ערבות; מען איז פאַרפאָרעט מיט אויפשטעלן די סוכה און מיט צוגרייטונגען צום יום טוב סוכות.

אידן זענען געגליכן צו ניס, ווי עס שטייט אין פסוק (שיר השירים) „אל גנת אגוז ירדתי". — פונקט ווי אַ ניסנבוים אויב מען פאַרדעקט זיינע וואָרצלען בשעת'ן פלאַנצן דאַן גערעאָטן נישט זיינע פירות; אַזוי אויך אידן, אויב זיי פאַרדעקן זייערע זינד זענען זיי נישט מצליח. פונקט ווי אַ נוס אויב ער פאַלט אַריין אין שמוץ און ווערט פאַרשמירט, נעמט מען אים און מען וואַשט אים אַרום און ער איז גוט צום עסן, אַזוי אויך אידישע קינדער אויב זיי זינדיגן אַ גאַנץ יאָר, קומט יום כיפור און איז מכפר אויף זייערע זינד.

(גמרא, חגיגה)

# רש״י

מיט בערך 900 יאָר צוריק האָט אין דער שטאָט טרויא, אין פראַנקרייך געלעבט אַ איד, אַ גרויסער תלמיד חכם און ירא שמים מיט'ן נאָמען רבי יצחק. ער פלעגט לערנען בייטאָג און ביינאַכט און תלמידים פון גאַנצן לאַנד פלעגן צו אים קומען, בכדי צו געניסן פון זיין תורה און חכמה. ער האָט געשטאַמט פון גאָר אַ געהויבענער משפחה, אָבער ער איז נישט געווען קיין רב. זיין פרנסה איז באַשטאַנען פון האַנדל מיט טייערע שטיינער און דיאַמאַנטן, און דערפון האָט ער מפרנס געווען זיין ווייב מיט באַשיידנקייט. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט.

אַמאָל האָט זיך געמאַכט אַ שווערע צייט, און רבי יצחק האָט פאַר עטליכע טעג גאָרנישט פאַרדינט. ער איז אַרומגעגאַנגען זוכן עפּעס אַ מסחר, אָבער עס איז גאָרנישט אונטערגעקומען. ער האָט אָבער נישט פאַרלוירן זיין בטחון אין השי״ת. ענדליך האָט ער אין אַ שיינעם פרימאָרגן איינגעהאַנדלט אַ טייערן בריליאַנט. דער דאָזיגער שטיין איז געווען אַזוי גרויס און האָט געשיינט מיט אַזאַ ליכטיגן גלאַנץ, אַז באַלד איז דאָס באַקאַנט געוואָרן אין דער גאַנצער שטאָט. אַלע רייכע מענטשן זענען געקומען אָנקוקן אָט דעם טייערן שטיין און אים געוואָלט קויפן.

צווישן די קונים וואָס האָבן באַטראַכט דעם שטיין איז אויך געווען דער גלח פון שטאָט. דער גלח האָט אָנגעבאָטן פאַר דעם בריליאַנט די גרעסטע סומע געלט. ער האָט געוואָלט קויפן דעם איידלשטיין בכדי מיט אים צו באַפּוצן די עבודה זרה, וואָס ער האָט געהאַלטן דעמאָלט אין אויפשטעלן.

ר' יצחק איז דערציטערט געוואָרן ווען ער האָט דערהערט וואָס דער גלח פּלאַנט צו טאָן מיט דעם בריליאַנט וועלכן ער וויל פון אים קויפן. ר' יצחק האָט בשום אופן נישט געוואָלט, אַזאַ שטיין וואָס גייט אַדורך זיין האַנט, זאָל באַנוצט ווערן צו באַצירן אַן אָפּגאָט, און ער האָט זיך פּרובירט אַרויסצודרייען מיט פאַרשידענע תירוצים. אָבער דער גלח האָט נישט אָפּגעלאָזן, ער האָט אָנגעבאָטן צו באַצאָלן צען מאָל אַזויפיל וויפיל ער אַליין האָט באַצאָלט, אַבי צו באַקומען דעם שטיין.

ווען דער גלח האָט געזען אַז ר׳ יצחק וועט דעם שטיין נישט פאַר־קויפן פאַר קיין שום פּרייז, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן אַרויסצובאַקומען פון אים דעם שטיין מיט אַ קונץ. ער האָט איינגעלאַדן ר׳ יצחק׳ן צו מאַכן מיט אים אַ שפּאַציר אויף אַ שיף אויפ׳ן ים. ר׳ יצחק האָט גאָרנישט פאַרדעכטיגט און ער איז מיט אים מיטגעפאָרן אויף דער שיף. שוין זייענדיג אויף דער שיף האָט דער גלח צו אים געזאָגט: אָדער דו פאַרקויפסט מיר דעם שטיין, אָדער איך וואַרף דיך אַריין אין וואַסער!

ר׳ יצחק האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. ער האָט געזען אַז זיין לעבן איז אין גרויס סכנה. אָבער ער איז געווען אַנטשלאָסן נישט אַוועק־צוגעבן דעם שטיין פאַר דער עבודה זרה. מיטאַמאָל האָט אים אין מוח אויפגעבליצט אַ געדאַנק וויאַזוי זיך אַרויסצודרייען פון גלח. ער האָט אַרויס־גענומען דעם שטיין פון דער טאַש און זיך אָנגעפאַנגען מיט אים שפּילן. ער האָט אים געוויזן פאַר׳ן גלח ווי שיין ער איז און ווי ער גלאַנצט. ער האָט אים אויך דערציילט, אַז ער האָט באַצאָלט דערפאַר אַ סך געלט, און אַז אויב ער וועט דעם שטיין איצט פאַרקויפן וועט אים זיין שווער נאָכאַמאָל צו קענען קויפן אַזאַ טייערן בריליאַנט.

דער גלח האָט זיך דערפרייט. ער האָט געגלויבט, אַז איצט איז ר׳ יצחק שוין גרייט אים צו פאַרקויפן דעם שטיין, און אַז ער וויל בלויז דערפאַר נאָך מער געלט. אָבער אינמיטן פון שפּילן זיך מיט׳ן שטיין, האָט ר׳ יצחק אַרויסגעלאָזן אַ גרויס געשריי: „אוי, איך האָב פאַרלוירן מיין גאַנץ פאַרמעגן! דער שטיין איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער. וואָס וועל איך איצט טאָן?״.

אויך דער גלח איז דערשראָקן געוואָרן. ער האָט געהאַט מיטלייד מיט ר׳ יצחק׳ן, ווייל ער האָט געמיינט, אַז דער שטיין איז דורך אַ צופאַל אַרויס־געפאַלן ר׳ יצחק׳ן פון דער האַנט און אַריינגעפאַלן אין וואַסער. ער האָט נישט געוואוסט, אַז ר׳ יצחק האָט טאַקע בכוונה אַרויסגעלאָזן דעם שטיין פון דער האַנט, בכדי ער זאָל נישט דאַרפן אים פאַרקויפן צו נוצן פאַר דער עבודה זרה. ווען ער האָט געזען ווי ר׳ יצחק איז זיך מצער, האָט ער אים אָנגעפאַנגען טרייסטן.

אין אמת׳ן אָבער, האָט ר׳ יצחק זיך נישט מצער געווען. פאַרקערט, ער האָט זיך גאָר געפרייט אין האַרצן, אַז ער האָט געקענט ביישטיין דעם נסיון און מקיים זיין דאָס וואָס שטייט אין דער הייליגער תורה, מען זאָל

ליב האָבן השם יתברך מיט'ן גאַנצן פאַרמעגן — „בכל מאודך". דער מענטש דאַרף דינען דעם אויבערשטן, אפילו ווען ער זאָל דערביי פאַרלירן זיין גאַנץ פאַרמעגן.

אין יענער שעה איז אין בית מדרש פון ר' יצחק דערהערט געוואָרן אַ בת קול פון הימל: „וואויל איז דיר, ר' יצחק. אין זכות פון דיין גרויסער מצוה, וואָס דו האָסט אַריינגעוואָרפן דעם ברילי‍אַנט אין ים, וועט דיר השם יתברך געבן אַן אַנדערן טייערן ברילי‍אַנט. דו וועסט זוכה זיין צו אַ זון וואָס וועט פאַרשיינען און פאַרלייכטן די וועלט מיט זיין תורה און חכמה".

דאָס בת קול איז טאַקע מקוים געוואָרן, ווייל צום יאָר האָט ר' יצחק'ס פרוי געבוירן אַ זון, וועמען מען האָט אַ נאָמען געגעבן שלמה. און דאָס איז געווען דער שפּעטערדיגער גרויסער און הייליגער פאַרטייטשער פון דער תורה רש"י, וואָס דאָס זענען די ראשי תיבות (די ערשטע אותיות) פון רבנו שלמה יצחקי.

* * *

וועגן דעם געבורט פון רש"י ווערט נאָכדערציילט אַ גרויסער נס:

אין דער שטאָט זענען אַמאָל אַריינגעפאָרן אַ גרויסע מחנה סאָלדאַטן אויף פערד. די דאָזיגע רייטער פלעגן יעדעס מאָל אַריינפאָרן אין די שמאָלע אידישע גאַסן אין גרויסן גאַלאָפּ, כדי אָפּצושרעקן די אידישע איינוואוינער, וועמען די פערד האָבן אין זייער שנעלן גאַלאָפּ שיר נישט צעטרעטן.

איינמאָל איז די מוטער פון רש"י געגאַנגען אין שול, האַלטנדיג איר סידור היגטער'ן אָרעם. דאָס איז געווען בעפאָר זי האָט געבוירן רש"י'ן. מיטאַמאָל זענען אַנגעלאָפן אַ מחנה רייטנדיקע סאָלדאַטן. זי האָט נישט געקענט אַנטלויפן, און אויף דער גאַס איז אויך נישט געווען קיין טויער אָדער געוועלב, וואו אַריינצוגיין, צו באַשיצן זיך קעגן די אַנלויפנדיגע פערד. און דאָ פאָרן שוין אָן די רייטער ווילד און שנעל, און זיי לאַכן שוין פונדערווייטנס פון דער הילפלאָזער אידישער פרוי, וועלכע שטייט און ווייסט נישט וואָס צו טאָן.

ווען די מענטשן דורך די פענסטער האָבן געזען אין וואָס פאַר אַ סכנה עס געפינט זיך די פרוי פון ר' יצחק, האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען און וויינען. פרויען האָבן גע'חלש'ט פון גרויס פחד. זיי האָבן געזען, ווי אָט אָט פאָרן אָן די רייטער און וועלן חס ושלום צעטרעטן ר' יצחק'ס ווייב.

די פרוי פון ר׳ יצחק איז געווען אַ גרויסע צדיקת. זי האָט זיך פאַר־לאָזט אויף השם יתברך. זי האָט נישט מער געטאָן ווי זיך צוגעטוליעט צו דער וואַנט און געזאָגט „שמע ישראל...״ די רייטער מיט די פערד זענען שוין אַ שריט פון איר. אָבער מיטאַמאָל איז געשען אַ נס. די וואַנט וואו ר׳ יצחק׳ס ווייב איז געשטאַנען, האָט זיך מיטאַמאָל איינגעבויגן און עס איז דאָרט געוואָרן פלאַץ פאַר אַ מענטש. ר׳ יצחק׳ס ווייב איז געראַטעוועט גע־וואָרן אַ דאַנק דער וואַנט וואָס האָט זיך על פי נס איינגעבויגן. די רייטער זענען דורכגעפאָרן, אָבער פאַר רש״י׳ס מוטער האָט גאָרנישט פאַסירט. זי האָט שטיל געזאָגט צו זיך, אַז דאָס איז אוודאי אין זכות פון דעם קינד.

און זיכער איז אַזוי געווען, ווייל דאָס קינד וואָס איז נישט לאַנג שפּעטער געבוירן געוואָרן איז געווען — רש״י.

ר׳ יצחק האָט געדענקט דאָס בת קול, און אויך אין דעם נס וואָס איז געשען מיט זיין פרוי האָט ער געזען אַ צייכן פון הימל. ווען דער קליינער שלמה איז געבוירן געוואָרן, האָט ער אים באַלד פון קינדווייז אָן מחנך געווען צו תורה און יראת שמים. און שלמה׳לע האָט באַלד זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסן חשק צו לערנען, מיט זיין פרומקייט און איידעלע אידישע מידות. זיינע רבי׳ס האָבן באַלד אין אים געזען, אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער רבי און צדיק.

ר׳ שלמה איז געוואַקסן און מיט זיין ווילן צו לערנען איז ער כסדר געשטיגן אין פאַרשטיין די תורה. ער איז נאָך געווען זייער יונג, ווען ער איז טאַקע אַליין געוואָרן אַ רבי. ער האָט געעפנט אַ ישיבה, און באַלד האָבן גענומען קומען אין זיין ישיבה פילע הונדערטער תלמידים פון אַלע שטעט און לענדער. זיין נאָמען איז באַקאַנט געוואָרן איבעראַל וואו אידן האָבן געוואוינט און רבנים זענען צו אים געקומען מיט שאלות, אָדער זיי האָבן צו אים געשריבן און אָנגעפרעגט יעדעס מאָל ווען זיי האָבן נישט געוואוסט גענוי וואָס צו טאָן.

רבי שלמה האָט אָבער נישט נאָר געלערנט מיט אַ סך תלמידים פון זיין צייט. ער איז אויך געוואָרן דער רבי פון אַלע שפּעטערדיקע דורות אידן.

ווען פיל תלמידים זענען צו אים געקומען, האָט ער געזען, אַז אַ סך פון זיי פאַרשטייען שווער די תורה, אָדער די גמרא. האָט ער זיך דעריבער אַוועקגעזעצט און אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן אָנגעשריבן אַ פירוש אויף דער גאַנצער תורה, דאָס הייסט: די תורה שבכתב און תורה שבעל פה. און

מיט דעם דאָזיגן פּירוש „רש״י״, האָט רבינו שלמה מעגליך געמאַכט, אַז יעדער איד וואָס וויל זאָל קענען לערנען און פאַרשטיין ג־ט׳ס תורה.

אַז אַ איד לערנט חומש, לערנט ער חומש מיט רש״י. אַז ער לערנט גמרא, לערנט ער גמרא מיט רש״י. אָן דעם פּירוש (פּאַרטייטש) פון רש״י, איז אַלץ שווער צו פאַרשטיין. אָבער אַז מען לערנט די תורה מיט רש״י, ווערט אַלץ לייכט און פאַרשטענדליך. עס איז ווי אַ גרויס ליכט וואָס מאַכט ליכטיג די אויגן צו זען אַלץ קלאָר.

ביז צום היינטיגן טאָג, ווען אַן ערליכער איד רעדט וועגן רש״י, רעדט ער מיט גרויס יראת הכבוד. ערליכע אידן רופן אים „רש״י הקדוש״ — דער הייליגער רש״י. ווייל נאָר איינער וואָס איז געווען הייליג און נאָענט צו השם יתברך, האָט געקענט מאַכן אַזאַ פּירוש אויף דער תורה.

* * *

רש״י איז געווען באַרימט אין דער גאַנצער וועלט. אפילו די גוים האָבן באַוואונדערט זיין גרויס חכמה און וויסן.

אין יענער צייט האָט געוואוינט אין פראַנקרייך אַ גרויסער מיליטערמאַן מיט׳ן נאָמען באַליוואַן גאָטפריעד. ער האָט פאַרמאָגט גרויס רייכטום און ער האָט געוואָלט פאַרטרייבן די טערקן פון ארץ ישראל און איינעמען דאָס הייליגע לאַנד. ער האָט צונויפגעזאַמלט פיל מיליטער און ער האָט זיי באַוואָפנט מיט די בעסטע מיליטערישע כלי־זיין, און זיך געגרייט צו גיין אין קריג קעגן די טערקן.

בעפאָר ער האָט געוואָלט אָנפאַנגען די מלחמה, האָט ער באַשלאָסן זיך צו באַראַטן מיט רש״י׳ן, ווייל ער האָט געהערט פון זיין גרויס וויסן און קלוגשאַפט. ער האָט געשיקט איינעם פון זיינע אַדיוטאַנטן צו רש״י׳ן, ער זאָל באַלד צו אים אַריבערקומען. רש״י האָט אָבער נישט געוואָלט מבטל זיין די צייט פון לערנען, און גיין צו אַ מאַן וואָס ער האָט קיינמאָל פריער נישט געקענט. דער גענעראַל איז שטאַרק אין כעס געוואָרן, אויף דער גע־וואַגטקייט פון רש״י׳ן, וואָס ער האָט נישט אויסגעפאָלגט זיין באַפעל, און ער האָט באַשלאָסן זיך אין אים נוקם צו זיין.

גאָטפריעד איז געקומען מיט אַ גרופּע סאָלדאַטן אין רש״י׳ס בית המדרש. ער איז געווען דערשטוינט וואָס אַלע טירן זענען געווען אָפן, אויף די טישן

זענען געלעגן אָפענע ספרים, אָבער ער האָט דאָרט נישט געזען קיין שום מענטש. האָט ער ביי זיך געטראַכט, אַז מסתמא איז רש״י ערשט איצט אַרויס. גאָטפריעד האָט אָנגעפאַנגען רופן: „רבי שלמה! רבי שלמה״! און ער האָט געהערט אַ קול: „וואָס פאַרלאַנגסטו״? — אָבער ער האָט קיינעם נישט געזען רעדן, ער האָט בלויז געהערט אַ שטימע.

אַרויסגייענדיג האָט ער געפרעגט איינעם פון רש״י׳ס תלמידים: „וואו איז דייך רבי״? האָט ער אים געענטפערט: „אָט איז ער ערשט געשטאַנען פאַר דיר און ער האָט מיט דיר גערעדט. דו האָסט אים נישט געזען, ווייל דו ביזט געקומען מיט שלעכטע כוונות, צו נעמען נקמה אין אים, און דעריבער האָט ער זיך נישט באַוויזן צו דיר״.

גאָטפריעד האָט געזען אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ ג־טליכן מאַן, האָט ער געשוואוירען אַז ער וועט אים נישט טאָן קיין שלעכטס. ערשט דאַן איז רש״י צו אים אַרויס און זיך פאַר אים באַוויזן. רש״י האָט זיך פאַרנויגט פאַר׳ן גענעראַל און געפרעגט וואָס ער פאַרלאַנגט.

האָט גאָטפריעד געענטפערט: „איך זעה אַז דו ביזט אַ גרויסער חכם און הייליגער מענטש, און אַז ג־ט איז מיט דיר, וויל איך דיך פרעגן אַן עצה. איך גרייט זיך צו גיין האַלטן מלחמה מיט די מאַכמעדאַנער אין הייליגן לאַנד. איך בין גענוג שטאַרק צוגעגרייט און איך פאַרמאָג אַן אַרמיי פון הונדערט טויזנט רייטער, מיט אַלע נויטיגע וואָפן און געווער. די רייטער זענען שטאַרקע און אויסמושטירטע סאָלדאַטן. אויך האָב איך צווייהונדערט שיפן אויף דעם ים מיט סאָלדאַטן. און זיבן טויזנט פון מיינע סאָלדאַטן געפינען זיך שוין אין עקרון, נישט ווייט פון ירושלים. איצט וויל איך הערן פון דיר וואָס איז דיין מיינונג איבער מיין אונטערנעמונג, און צי וועל איך זיגן אין דער שלאַכט״.

האָט אים רש״י געזאָגט: „דו וועסט באַזיגן די טערקן און דו וועסט איינעמען ירושלים, אָבער דו וועסט דאָרט נישט קעניגן מער ווי דריי טעג. דעם פערטן טאָג וועלן דיך די טערקן אַרויסטרייבן און דו וועסט מוזן אַנטלויפן פון דאָרט און דו וועסט אַהיימקומען נישט מער ווי מיט דריי רייטער. די איבעריגע וועלן אַלע אומקומען אין דער מלחמה״.

גאָטפריעד איז געוועזן שטאַרק אין כעס אויף די רייד פון רש״י׳ן, און ער האָט אים געזאָגט אין אַ שאַרפן טאָן: „וויסן זאָלסטו, אידישער רבי, אויב איך וועל צוריקקומען אפילו נאָר מיט איין פערד מער ווי דו זאָגסט,

דאָן וועל איך זיך אין דיר נוקם זיין און אויך אין אַלע דיינע אידישע ברידער אין גאַנץ פראַנקרייך״.

גאָטפריעד האָט זיך באַלד געלאָזט אין וועג אַריין צו פירן די מלחמה קעגן די טערקן און דעראָבערן ירושלים. די מלחמה האָט אָנגעהאַלטן פיר יאָר. גאָטפריעד האָט איינגענומען ירושלים, אָבער ער האָט געהאַלטן די שטאָט בלויז דריי טעג, דעם פערטן טאָג האָט ער געמוזט פון דאָרט אַנטלויפן. אַלעס וואָס רש״י האָט פאָראויסגעזאָגט איז מקויים געוואָרן. ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין פראַנקרייך מיט דריי רייטער אויף פערד און אויך מיט זיין פערד. ער איז געווען שטאַרק אויפגעבראַכט און ער האָט געטראַכט אויס־צולאָזן זיין גאַנצן צאָרן אויף רש״י־ן, און ער האָט זיך באַרימט פאַר זיינע באַגלייטער. אַז ער וועט זיך נוקם זיין אין רש״י־ן און אין אַלע אידן אין פראַנקרייך, ווייל רש״י׳ס נבואה איז נישט אינגאַנצן מקויים געוואָרן, וואָרים ער האָט זיך צוריקגעקערט מיט דריי רייטער און פיר פערד, אַנשטאָט דריי רייטער און דריי פערד, ווי רש״י האָט פאָראויסגעזאָגט.

אָבער באַלד ווי גאָטפריעד איז אַריינגעריטן מיט זיינע דריי רייטער אין טויער אין טרויא, איז אַרונטערגעפאַלן אַ שטיין פון דעם טויער און גע׳הרג׳עט איין רייטער מיט׳ן פערד צוזאַמען.

גאָטפריעד איז געבליבן דערשטוינט. ערשט איצט האָט ער אָנערקענט די ג־טליכקייט פון דעם הייליגן מאַן, און ער האָט געוואָלט צופאָרן צו רש״י־ן אים צו באַגריסן, אָבער רש״י איז שוין מער נישט געווען אויף דעם עולם. ער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון בלויז 65 יאָר. די צרות פון אידישן פאָלק האָבן געהאַט זייער ווירקונג אויף זיין הייליגן גוף.

* * *

אין יענער צייט האָבן זיך אָנגעפאַנגען די שחיטות אויף אידן דורך די קרייץ־צוגלער. זיי האָבן געמאָרדעט און געראויבט אידן אויף זייערע מלחמה וועגן. דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף זיין געזונט צושטאַנד, און ער האָט נישט געקענט לאַנג אויסהאַלטן.

רש״י האָט נישט איבערגעלאָזט קיין זין, נאָר דריי טעכטער. אָבער, ווייל ער האָט אויסגעקליבן פאַר זיינע טעכטער אײדעמס תלמידי חכמים, האָט ער זוכה געווען צו אייניקלעך גרויסע גאונים און צדיקים. דאָס זענען די

„בעלי התוספות": רבי שמואל, וועלכער איז באַקאַנט אַלס דער רשב"ם; רבי יעקב, וועלכער איז באַקאַנט ווי „רבנו תם", און רבי יצחק, באַקאַנט אַלס דער ריב"ם.

רש"י'ס אייניקלעך זענען געגאַנגען אין די הייליגע וועגן פון זייער גרויסן זיידן. אויך זייערע פירושים ווערן געלערנט ביז'ן היינטיגן טאָג דורך אידן וואָס ווילן זיך קוויקן מיט ג־ט'ס תורה און גיין אין ג־ט'ס וועגן.

די „כנסת ישראל" — דאָס אידישע פאָלק — פרעגט דעם רבונו של עולם: „וואו וועל איך פירן מיינע שאָף אין אַזאַ ביטערן גלות, ווען אידן געפינען זיך אין אַזאַ עת צרה?" ענטפערט השם יתברך: „אויב דו ווייסט נישט וואוהין צו גיין און צו פירן דיינע שאָף, זאָלסטו קוקן אויף די וועגן וואו עס דערקענען זיך נאָך די טריט פון די שאָף וואָס זענען געגאַנגען פריער אויף דעם ריכטיגן וועג! — דאָס מיינט: אויב דו ווייסט נישט ווי זיך אויסצוהיטן פון די שווערע נסיונות אין דעם ביטערן גלות, זאָלסטו זיך אַריינטראַכטן אין די וועגן פון דיינע פריערדיגע עלטערן, וועלכע האָבן מקבל געווען מיין תורה און געהיטן די מצוות, און אויך דו זאָלסט גיין אין זייער וועג.

(רש"י, שיר השירים)

# סוכות

## ניין טעג יום טוב

אָנפאַנגענדיג פון דעם פונפצענטן טאָג אין תשרי, מאַכן מיר לויט דער תורה, גאַנצע ניין טעג יום טוב. דערפון מאַכן מיר, ווי ביי פסח, די ערשטע און די לעצטע צוויי טעג יום טוב. די מיטלסטע פינף זענען נאָר אַ האַלבער יום טוב. מיר רופן די טעג „חול המועד" — וואָכעדיגע טעג פון יום טוב.

די ניין טעג ווערן איינגעטיילט אין צוויי באַזונדערע ימים טובים: זיבן טעג האָבן מיר **סוכות**, און צוויי טעג דעם יום טוב פון **שמיני עצרת** און **שמחת תורה**. די גאַנצע ניין טעג ווערן אין די יום טוב׳דיגע תפילות אָנגערופן: „**זמן שמחתינו**" — די צייט פון אונזער פרייד.

## דער צייכן פו סוכות

די ערשטע טעג ווערן אָנגערופן אין דער תורה „**חג הסוכות**", ווייל דער אויבערשטער האָט אונז געהייסן אין די טעג פון דעם יום טוב צו וואוינען אין סוכות. די מצוה פון סוכה איז צום אָנדענק פון דער צייט ווען די אידן זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, און זיי האָבן דערנאָך געוואַנדערט אין דער מדבר. אין דער צייט פון זייער וואַנדער-וועג אין דער מדבר האָבן זיי געוואוינט אין געצעלטן — סוכות, — וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט קיין שום שוץ קעגן קעלט און היץ, און קעגן ווילדע חיות און די אַרומיגע פעלקער. דאָך אָבער זענען זיי דאָרט געזעסן רואיג און געלערנט תורה, ווייל השי״ת האָט זיי געהיטן און געשיצט.

די גאַנצע געגנט וואו אידן האָבן גערוט אין דער מדבר, האָט דער אויבערשטער אַרומגענומען מיט וואָלקנס. קיינער האָט נישט געקענט צוקומען צו זיי. דאָס האָט די אידן פאַרשאַפט פיל כבוד ביי

די אָרומיגע פעלקער. זיי האָבן אַליין געזען ווי די אידן — אַנדערש פון דער גאַנצער וועלט — ווערן געפירט מיט ניסים.

די מצוה פון סוכה איז אַ צייכן פאַר אידן אויף אייביג, אַז דער אויבערשטער שיצט אונז שטענדיג. ווען אפילו מיר זענען אויס־געשטעלט צו אַלערליי סכנות, ווען עס פעלט אונז אפילו יעדע נאַ־טירליכע שוץ — היט אונז אָפּ דער אויבערשטער. טיילמאָל קומען אויף אונז שרעקליכע צרות, און דעמאָלט דוכט זיך אונז, אַז מיר גייען אונטער, חס ושלום, דאַן ווירקט די הבטחה פון השי״ת, אונז אייביג צו דערהאַלטן.

## די מצוה פון סוכה

די מצוה פון וואוינען אין סוכה זענען מיר מקיים מיט עסן אין דער סוכה. ערליכע אידן שלאָפן אויך אין סוכה, אויב עס איז מעגליך. ערליכע אידן זיצן בכלל וואָס מער אין דער סוכה, אנשטאָט אין דער שטוב. דאָרט לערנען זיי תורה, נעמען אויף געסט און פרייען זיך יעדע מינוט מקיים צו זיין די מצוה פון סוכה.

פרויען זענען פטור פון דער מצוה צו זיצן אין סוכה. ווען מ׳האָט נישט קיין סוכה פאַר זיך אַליין, נאָר צוזאַמען מיט שכנים, זיצן דעריבער נישט די פרויען אין דער סוכה. זיי האָבן אָבער אַ חלק אין דער מצוה דערמיט וואָס זיי דערלאַנגען עסן אין דער סוכה אַריין. זיי גיבן אויך זייער צושטייער צו דער מצוה מיט דעם, וואָס זיי, צוזאַמען מיט זייערע טעכטער, באַצירן די ווענט פון דער סוכה. זיי ווייזן דערמיט אַרויס ווי ווייט זיי האָבן ליב און זענען מכבד די מצוות פון השי״ת. ווען מען האָט אָבער אַליין פאַר זיך אַ סוכה, זיצן אויך די פרויען אין דער סוכה.

די ווענט פון דער סוכה מעג מען מאַכען פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל מען וויל נאָר אַליין. אפילו אינם הויז וואו מ׳וואוינט אַ גאַנץ יאָר, קען מען מאַכן אַ סוכה. דער עיקר איז נאָר אַז דער דאַך, אָדער ריכטיגער דער צודעק — דער סכך — זאָל זיין לויט׳ן דין. דער סכך דאַרף זיין פון אָפּגעריסענע צווייגלעך, אָדער אַנדערע גע־

וויקסן. מ׳דאַרף נישט צודעקן די סוכה צו געדיכט; אַ שטאַרקער רעגן דאַרף קענען דורכגיין. אויך זאָל מען נישט צודעקן צו ווייניג; עס דאַרף זיין אין דער סוכה מער שאָטן ווי זון.

## אתרוג בענטשן

אויף סוכות האָט אונז דער אויבערשטער געגעבן נאָך אַ הייליגע מצוה: „ארבעה מינים״ — אָדער ווי מ׳רופט די מצוה אויף אידיש: אתרוג בענטשן.

די „ארבעה מינים״ — דאָס הייסט די פיר מינים, באַשטייען פון אַן **„אתרוג״** (אַ שיינע פרוכט וואָס וואַקסט אין די וואַרימע לענדער); אַ **„לולב״** (אַ צווייג פון אַ פּאַלמען בוים); דריי ריטלעך **„הדסים״** (שמעקעדיגע צווייגלעך) און צוויי ריטלעך **„ערבות״** (קליינע צווייגלעך וועלכע וואַקסן נעבן אַ וואַסער). מ׳בינדט צוזאַמען דעם לולב מיט די הדסים און ערבות אין איין קיישעלע, וואָס ווערט אויס־געפלאָכטן פון לולב־בלעטער. די הדסים מיט די ערבות דאַרפן אַרומנעמען דעם לולב, אַלע ווי זיי וואַקסן מיט׳ן שפּיץ אין דער הויך. דער רוקן פון לולב דאַרף זיין אויסגעשטעלט צום מענטש וואָס האַלט זיי, און צוזאַמען מיט׳ן אתרוג שאָקלט מען מיט די אַלע פיר מינים.

יעדן טאָג פון די סוכות טעג — אויסער שבת — נעמט מען אין די הענט איין מאָל אין טאָג די פיר מינים און מען מאַכט אויף זיי אַ ברכה, דאָס הייסט מ׳בענשט אתרוג, און דאַן שאָקלט מען דערמיט. מענער שאָקלען מיט די פיר מינים קעגן אַלע פיר זייטן פון דער וועלט, און אויך קעגן הימל און ערד. אַזוי טוט מען גאַנצע זיבן טאָג.

פאַר׳ן מקיים זיין די מצוה דאַרף מען, פּונקט ווי ביי אַלע מצוות, מאַכן אַ ברכה: על נטילת לולב. מען נעמט דאָס בינטל פון לולב מיט די ערבות און הדסים אין דער רעכטער האַנט און דעם אתרוג אין דער לינקער האַנט און אַזוי שאָקלט מען.

דעם ערשטן טאָג יום טוב מאַכט מען אויך פאַר׳ן אתרוג בענטשן די ברכה „שהחיינו״. אויב דער ערשטער טאָג געפאַלט אים שבת,

און דעמאָלט שאָקלט מען צום ערשטן מאָל ערשט דעם צווייטן טאָג, מאַכט מען דעם צווייטן טאָג אַ שהחיינו.

## דער צייכן פון אתרוג

נישט אַלעמאָל האָט אונז די תורה אָנגעגעבן די טעמים פון די מצוות, ווייל אַ איד דאַרף מקיים זיין די מצוות פון דער תורה, ווען אפילו מ׳פאַרשטייט נישט פאַרוואָס השי״ת האָט אַזוי געבאָטן. דער פאַרשטאַנד פון מענטש איז באַגרענעצט און נישט תמיד קען ער אַלץ פאַרשטיין און באַגרייפן.

פאַר אַ סך מצוות האָט אונז אָבער די תורה יאָ געזאָגט אַ טעם, אָדער עס האָבן אונז געזאָגט אַ טעם אונזערע חכמים. די תורה איז אָבער אַזוי טיף, אַז פאַר איין מצוה קענען זיין, אויסער דעם טעם וואָס די תורה און די הייליגע חכמים האָבן אונז געזאָגט, נאָך פיל אַנדערע טעמים, וואָס נאָר לומדים און ערליכע אידן קענען זיי וויסן.

איינס פון די טעמים פאַרוואָס מיר בענטשן אתרוג איז דאָס, ווייל סוכות איז די צייט ווען די פרוכטן פון די פעלדער זענען שוין איינגעזאַמלט און אָנגעגרייט פאַר׳ן מענטש צום עסן אין קומענדיגן יאָר. דער איד נעמט דעריבער פירות אין זיינע הענט און הויבט זיי אויף צו השי״ת. דערמיט ווייזט ער, אַז אַלץ וואָס דער מענטש פאַרמאָגט איז נישט זיין אייגנטום, נאָר אַלץ קומט פון השי״ת.

ווי געזאָגט, מאַכט מען אויך מיט די ארבעה מינים „נענועים״ — מ׳שאָקלט מיט זיי צו די פיר זייטן פון דער וועלט און אין דער הויך און דער נידער, צו ווייזן אַז די גאַנצע וועלט און אַלעם וואָס איז דאָ אין איר, געהערט בלויז צו השם יתברך. ער הערשט אויבן און אונטן, און ער איז דער געוועלטיגער אין הימל און אויף דער ערד, אויף די וואַסערן און אויף דער טריקעניש און אַלע פיר זייטן פון דער וועלט.

צוליב נאָך אַ טעם שאָקלען מיר אויף אַלע זעקס זייטן, כדי דערמיט צו בעטן דעם אויבערשטן ער זאָל אונז באַשיצן פון בייזע ווינטן פון אַלע זייטן.

## הושענות און הושענא רבה

אין די סוכות טעג זאָגט מען ביים דאַווענען אַ ספּעציעלע תפילה, וועלכע הויבט זיך אָן מיט׳ן וואָרט „הושענא״ — העלף! ווען מען זאָגט די תפילה גייט מען אַרום מיט׳ן אתרוג און לולב אַרום דער בימה, וואו עס געפינט זיך אַ ספר תורה.

דעם זיבעטן טאָג סוכות רופט מען „הושענא רבה״. אין דעם טאָג זאָגט מען זיבן תפילות „הושענא״ און מען גייט אַרום זיבן מאָל די בימה וואו עס געפינען זיך אַלע ספר תורה׳ס. אין די הושענות בעט מען אַממייסטנס אויף פּרנסה און אַז עס זאָל אַ גאַנץ יאָר נישט אויספעלן קיין וואַסער פאַר די תבואות און פּירות, און עס זאָל ממילא זיין אַ שפע אויף דער וועלט. און דער עיקר בעט מען אויף דער גאולה שלימה, און אַז אידן זאָלן שוין אויפגעריכט ווערן.

עס איז אויך געשריבן אין די הייליגע ספרים אַז אין טאָג פון הושענא רבה איז דער אָפּשלוס פון די ימים נוראים און די ענד־גילטיגע חתימה צום גוטן אָדער, ח״ו, צום שלעכטן. צוליב דעם דאַווענט מען הושענא רבה אַ סך תפילות מיט׳ן ניגון פון די ימים נוראים. דער בעל תפילה וואָס דאַווענט פאַר׳ן עמוד טוט אָן אַ קיטל. מ׳גיט צדקה און אין דער שול הערשט אַ ימים נוראים׳דיגע שטימונג. מען ווינשט זיך אַ „גוט קוויטל״, „אַ גמר חתימה טובה״.

הושענא רבה נעמט יעדער אַ „הושענא״ — אַ בינטל פון פינף ריטלעך ערבות, און ביים סוף פון די הושענא תפילות קלאַפּט מען מיט דער „הושענא״ פינף מאָל אין דער ערד. דער מנהג שטאַמט נאָך פון די צייטן פון די הייליגע נביאים.

## שמיני עצרת

דער אויבערשטער האָט אונז געזאָגט, אַז נאָך די זיבן טעג סוכות זאָלן מיר אָנהאַלטן דעם יום טוב נאָך איין טאָג — דעם אַכטן טאָג. אַזוי ווי איינער זאָגט צו אַ גוטן פריינט און ליבן גאַסט: „ס׳איז מיר שווער זיך צו שיידן פון דיר, בלייב איבער ביי מיר נאָך אַ טאָג!״ דערפאַר רופט מען דעם טאָג „**שמיני עצרת**״ — דער אַכטער טאָג פון אָנהאַלטן דעם יום טוב.

שמיני עצרת איז אַ יום טוב פון פרייד. אין דעם טאָג זאָגט מען אויך די „תפילת גשם" — גשם בענטשן. מען בעט השי"ת ער זאָל געבן רעגן אין דעם קומענדיגן יאָר, כדי די תבואות זאָלן וואַקסן און עס זאָל זיין אַ שפע אויף דער וועלט. פון דעם טאָג אָן און ווייטער זאָגט מען אין דער שמונה עשרה „משיב הרוח ומוריד הגשם" — ביז דעם ערשטן טאָג פסח.

## שמחת תורה

אין ארץ ישראל איז יעדער יום טוב נאָר איין טאָג — אויסער ראש השנה, וואָס איז אומעטום צוויי טעג. סוכות מיט שמיני עצרת צוזאַמען זענען אין ארץ ישראל אַכט טעג. פסח זיבן טעג. שבועות — איין טאָג. אין אַלע אַנדערע לענדער אויסער ארץ ישראל, מאַכן מיר אָבער צוליב אַ ספּעציעלן טעם, צוויי טעג יום טוב. אַזוי אַרום איז אין חוץ לארץ פאַראַן ניין טעג סוכות; אַכט טעג פסח און צוויי טעג שבועות.

דער ניינטער טאָג פון סוכות איז דעריבער נישט מער, ווי דער זעלביגער שמיני עצרת, און ער ווערט אויך אָנגערופן שמיני עצרת. מיר רופן אים אָבער אויך שמחת תורה, ווייל אין דעם טאָג ענדיגט מען דאָס לייענען אין דער תורה. די לעצטע סדרה פון דער תורה איז „וזאת הברכה", און אין שמחת תורה ענדיגט מען לייענען די סדרה. און טאַקע באַלד פאַנגט מען אָן אויפסניי צו לייענען די סדרה „בראשית", כדי זי ווידער צו ענדיגן דעם קומענדיגן שמחת תורה.

דער דאָזיגער טאָג ווערט דעריבער געפייערט מיט באַזונדערער שמחה. אין דער שול מאַכט מען הקפות (מ'גייט אַרום מיט די ספרי תורה'ס זיבן מאָל אַרום דער בימה) און מ'טאַנצט מיט דער תורה. מען פרייט זיך וואָס השי"ת האָט אונז געגעבן אַזאַ טייערע און הייליגע תורה. קינדער האַלטן פּאַפּירענע פענער און קליינע תורה'לעך. אויך פרויען קומען אין דער ווייבער שול צו זען ווי מ'טאַנצט ביי די הקפות. אין פיל חסידישע בתי מדרשים און שולן מאַכט מען די

הקפות אויך שמיני עצרת אין אָוועגט, און אין טייל פלעצער אפילו שמיני עצרת ביטאָג אויך.

שמחת תורה ביטאָג ביים דאַווגען ווערט יעדער אויפגערופן צו דער תורה. אפילו קינדער באַקומען אויך אַן עליה, אויב זיי קענען נאָר מאַכן אַ ברכה. דאָס איז צו ווייזן, אַז יעדער איד, אויב ער וויל נאָר, קען ער האָבן אַ חלק אין דער תורה הקדושה.

פון יום כיפור ביז סוכות זענען אידן פאַרנומען מיט טאָן מצוות, איינער איז באַשעפטיגט ביים מאַכן די סוכה, אַ צווייטער איז פאַרטאָן אין באַזאָרגן אַ לולב מיט אַן אתרוג, און דעם ערשטן טאָג סוכות נעמען די אידן דעם אתרוג מיט׳ן לולב און לויבן דעם אויבערשטן. זאָגט השם יתברך: איך האָב אייך שוין מוחל געווען אַלע אייערע זינד ביז איצט, אָבער פון איצט אָן און ווייטער, זאָלט איר אייך גוט באַרעכענען און אַכטונג געבן אויף אייערע מעשים.

(מדרש, אמור)

# דער פּרייז פון אַן אתרוג

יעדעס יאָר, באַלד נאָך שבועות, פלעגן די פירער פון דער אידישער קהלה אין ווילנע אַרויסשיקן ספּעציעלע שליחים אין ווייטע לענדער און גרויסע שטעט, כדי פון דאָרט צו ברענגען אַ פּאָר אתרוגים פאַר דער שטאָט און פאַר אירע באַרימטע רבנים.

די שליחים פלעגן זיך אַרויסלאָזן אין וועג אויף עטליכע חדשים. זיי האָבן נישט געקויפט סתם יעדן אתרוג וואָס איז זיי געקומען אין האַנט, נאָר זיי האָבן זיך תמיד באַמיט צו געפינען די שענסטע אתרוגים, כדי די אידן אין ווילנע זאָלן קענען מקיים זיין די מצוה פון אתרוג אויפ'ן שענסטן אופן.

עס האָט זיך אָבער אַמאָל געמאַכט אַ שלעכט יאָר. אין די לענדער וואו עס וואַקסן שיינע אתרוגים איז געווען אַ שלעכט גע־רעטעניש. עס זיינען נאָר געוואַקסן ווינציג אתרוגים און די דאָזיגע זענען געווען פאַרדאַרט און פאַרקרומט, ס'איז אפילו געווען אַ שאלה צי מען מעג איבער די דאָזיגע אתרוגים בכלל מאַכן אַ ברכה, ווייל די תורה האָט דאָך געזאָגט „פרי עץ הדר", — דער אתרוג דאַרף זיין אַ שיינע פרי.

ווי יעדעס יאָר, האָט די קהילה פון ווילנע אויך אין יענעם יאָר אַרויסגעשיקט אירע שליחים. זיי האָבן געוואַנדערט פון איין אָרט צום אַנדערן. זיי האָבן געזוכט און געגישטערט, אָבער אָן דערפאָלג. פאַרביטערטע און אַנטוישטע זענען זיי צוריקגעקומען קיין ווילנע מיט ליידיגע הענט.

די חשוב'ע פּרנסים (פירער) פון דער ווילנער קהלה זענען אַרומ־געגאַנגען ווי אָן קעפּ. זיי האָבן פּשוט נישט געקענט עסן און שלאָפן. וואָס הייסט? ווי איז דאָס געהערט געוואָרן אַז אַזאַ עיר ואם בישראל ווי ווילנע זאָל זיין סוכות אָן אַן אתרוג?

זענען זיך די בעלי בתים פון ווילנע צונויפגעקומען צו אַ גרויסער אסיפה. די פּנים׳ער פון אַלע אַנוועזנדע זענען געווען באַזאָרגט און פאַרכמורעט. שוין אָפּגערעדט פון דער גאַנצער שטאָט. מען וועט שוין ווי עס איז געפינען אַן אתרוג וואָס זאָל זיין כשר. אָבער וואָס וועט זיין מיט׳ן גאון? דער גאון איז דאָך אַ געוואַלדיגער מדקדק אין מצוות און פאַר אים קען מען נישט יוצא זיין מיט סתם אַן אתרוג, אפילו ווען ער איז על פי דין כשר, נאָר מען מוז האָבן אַן אמת׳ן „הדר”.

אַ גאַנצע נאַכט זענען די פרנסים פון ווילנע געזעסן ביי דער אסיפה און באַשלאָסן נישט אויפצוגעבן זייער פאַרזוך צו געפינען אַן אמת׳ן הדר פאַר׳ן גאון. „ניין!” — האָבן די בעלי בתים פון ווילנע זיך געזאָגט איינער דעם אַנדערן, — „ווילנע קען נישט דערלאָזן, אַז דער קרוין פון זייער קאָפּ זאָל נישט קענען מקיים זיין די מצוה פון ארבעה מינים ווי אין אַלע פריערדיגע יאָרן.

די קהלה לייט פון ווילנע האָבן דעריבער באַשלאָסן נאָכאַמאָל אַרויסצושיקן אַ שליח נאָך אַן אתרוג. דאָסמאָל האָבן זיי אויסגעקליבן דעם פעאיגסטן און ענערגישסטן מענטש פון אַלע, און זיי האָבן אים אָנגעזאָגט צו ברענגען אַן אתרוג פאַר יעדן פּרייז. זיי האָבן אים אויך אָנגעזאָגט אַז ער זאָל זיך נישט רעכענען מיט קיין שום סומע, און אויב ער וועט נישט קענען ברענגען אַ פּאָר שיינע אתרוגים פאַר קהל, זאָל ער ברענגען כאָטש איין הדר פאַר׳ן גאון.

דער שליח האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין אין גרויס איילעניש. די צייט איז שוין געווען קורץ און ער האָט זיך געגרייט פאַר אַ לאַנגער און ווייטער נסיעה. אָבער ער איז נאָר אָפּגעגאַנגען איין טאָג, און ווען ער איז אין אָוונט אַריינגעגאַנגען איבערנעכטיגן אין אַ גאַסטהויז פון אַ אידישן גאַסט-געבער, האָט ער פּשוט נישט געוואָלט גלויבן זיינע אייגענע אויגן. אויפ׳ן פענסטער פון דעם גאַסט-געבער׳ס הויז האָט ער מיטאַמאָל דערזען אַן אתרוג.

דאָס איז נישט געווען עפּעס סתם אַן אתרוג, נאָר טאַקע אַן אמת׳ער הדר. נישט געווען אויפ׳ן אתרוג אפילו קיין שפּרינקעלע.

און דער גידול פון אונטן ביז אַרויף איז געווען ווי אַ טורעם. ממש אַזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך ווי אַן אתרוג דאַרף אויסזען.

— אפשר וועט איר מיר פאַרקויפן דעם אתרוג ? — האָט דער שליח אַ פרעג געטאָן דעם גאַסט-געבער. איך בין גרייט אייך צו געבן פאַר דעם אתרוג אַ גוטן פרייז.

— חס ושלום ! — האָט געענטפערט דער גאַסט-געבער אַ דערשראָקענער — וואָס הייסט איך וועל פאַרקויפן דעם אתרוג ? אַ גאַנץ יאָר האָב איך געזאַמלט און אָפּגעשפּאָרט אַ פרוטה צו אַ פרוטה, אַבי צו קענען מקיים זיין די טייערע מצוה. ווי קענט איר מיר אפילו פאָרשלאָגן אַזאַ זאַך ?

דער שליח האָט אָנגעבאָטן דעם אַרענדאַר אַ הויכן פרייז, אָבער דער גאַסט-געבער האָט זיך נישט געלאָזט ווייכער מאַכן. דער שליח האָט אים דאַן פאַרגעשלאָגן נאָך אַ גרעסערע סומע געלט, אָבער דער גאַסט-געבער האָט אַלץ נישט געוואָלט אפילו הערן דערפון.

ווען דער שליח האָט דערזען אַז דער גאַסט-געבער איז טאַקע נישט גרייט צו פאַרקויפן דעם אתרוג פאַר קיין שום פרייז, האָט ער ענדליך אויסגעזאָגט דעם גאַסט-געבער דעם גאַנצן אמת, אַז דער אתרוג וועלכן ער וויל קויפן איז באַשטימט נישט פאַר קיין אַנדערן ווי פאַר'ן ווילנער גאון.

ווי נאָר דער גאַסט-געבער האָט דערהערט דעם נאָמען פון גאון, האָבן זיינע אויגן אויפגעלויכטן. ער איז מיטאַמאָל ווייכער געוואָרן און אַ זאָג געטאָן צום שליח :

— גוט, איך בין גרייט צו פאַרקויפן אייך דעם אתרוג, אָבער נאָר מיט איין תנאי, אַז דער שכר פון דער מצוה פון גאון זאָל זיין מיין.

דער שליח איז פשוט דערציטערט געוואָרן פון דעם מאָדנעם פאָרשלאָג. אָבער דער גאַסט-געבער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין :

— איך בין אַ פּראָסטער איד, וואָס וואוינט שטענדיג צווישן גוים, ווייט פון אַ אידישן ישוב און ממילא דערווייטערט פון אידישקייט. אַ

גאַנץ יאָר וואַרט איך אויף אַ געלעגנהייט מקיים צו זיין אַ גרויסע מצוה. ענדליך האָט מיר דאָס דער אויבערשטער צוגעשיקט היי־יאָר. איצט, אַז איר זאָגט אַז דער אתרוג איז פאַר׳ן גאון, בין איך גרייט אייך אַוועקצוגעבן דעם אתרוג, אָבער נאָר מיט׳ן באַדינג, אַז דער שכר וואָס דער גאון וועט זיך פאַרדינען ביי מקיים זיין די מצוה זאָל זיין מיין. ווייל אָן דעם אתרוג, ווער ווייסט צי איך וועל נאָך אין מיין לעבן קענען מקיים זיין אַזאַ מצוה.

דער שליח האָט זיך לאַנג געוואַקלט. אָבער ער האָט דאָך מורא געהאַט אַדורכצולאָזן די געלעגנהייט. ווער ווייסט — האָט ער געטראַכט — צי ער וועט נאָך ערגעץ וואו קענען געפונען אַזאַ אתרוג. אַזויפיל שליחים זענען שוין געפאָרן זוכן אתרוגים און אַלע זענען זיי צוריק־געקומען מיט גאַרנישט.

נישט האָבנדיג קיין אַנדערע ברירה, האָט דער שליח ענדליך מסכים געווען. ער האָט אונטערגעשריבן פאַר׳ן גאַסט־געבער אַ פּאַפּיר, אַז ער פאַרקויפט פאַר אים דעם שכר פון ווילנער גאון׳ס מצוה פון אתרוג בענטשן.

ווען דער שליח איז צוריקגעקומען קיין ווילנע מיט׳ן אתרוג, איז די שטאָט געוואָרן מלא שמחה. די פּרנסים פון דער שטאָט איז אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ. זיי האָבן ענדליך אָן אתרוג פאַר׳ן גאון. און נאָך וואָס פאַר אַן אתרוג, טאַקע אַן אמת׳ער הדר!

אָבער בעת די גאַנצע שטאָט איז געווען פריילעך, איז דער שליח אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטרויערטער און פאַרדאגה׳טער. דאָס האַרץ האָט אים געציטערט פאַר דעם פּרייז וואָס ער האָט באַצאָלט פאַר׳ן אתרוג. ווי אַזוי קען ער דאָס דערציילן דעם גאון?

ערב סוכות האָט אָבער דער שליח מער נישט געקענט וואַרטן. ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אַריין צום גאון און אים דערציילט די מעשה מיט׳ן גאַסט־געבער. מיט אַ קלאַפּנדיג האַרץ איז ער געשטאַנען פאַר׳ן גאון, וואַרטנדיג וואָס דער גאון וועט זאָגן וועגן דעם טויש וואָס ער האָט געמאַכט מיט׳ן אַרענדאַר.

אָבער דער גאון, ווען ער האָט דערהערט די געשיכטע מיט'ן גאַסט־געבער, האָט ער זיך גאָר דערפרייט. זיינע אויגן און דאָס גאַנצע פנים האָבן אויפגעלויכטן פון גרויס שמחה.

— אַה, ווי גוט! — האָט דער גאון אויסגערופן פון גרויס באַגייסטערונג. — דאָסמאָל וועט מיין מצוה זיין גאַנץ און אָן דעם מינדעסטן פגם. קיין שכר פאַר דער מצוה וועל איך דאָך נישט האָבן, וועל איך דאָך קענען מקיים זיין די מצוה אינגאַנצן לשם שמים, נאָר כדי צו דערפילן דעם אויבערשטנס רצון. טאָ וואָס קען נאָך זיין אַ גרעסערע זכיה ווי דאָס?!

ר' אבין זאָגט: ווען צוויי מענטשן גייען אַרויס פון אַ משפט, ווייסן מיר נישט וועלכער פון זיי עס האָט געזיגט. ווען מען זעט אָבער אַז איינער פון זיי טראָגט אַ זיגערישע צווייג אין זיין האַנט, ווייסן מיר אַז ער האָט געוואונען. אַזוי אויך די אידן און די גוים גייען אַריין ראש השנה צום משפט פאַר דעם רבונו של עולם, און מיר ווייסען נישט ווער עס האָט מנצח געווען. ערשט ווען די אידן גייען אַרויס און די לולבים מיט די אתרוגים אין זייערע הענט, ווייסן מיר אַז זיי האָבן מנצח געווען.

(מדרש, אמור)

# צדקה

דער הייליגער צדיק רבי שמעלקא פון ניקלשבורג איז געווען אַ גרויסער בעל צדקה. ער פלעגט אַוועקגעבן אויף צדקה כמעט אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

איינמאָל איז צו אים געקומען אַן אָרעמאַן מיט אַ גרויס געוויין, אַז ער האָט נישט מיט וואָס צו שפייזן זיין בני בית, און אַז ער מיט זיינע קינדער גייען אוים פאַר הונגער.

דער רבי ר׳ שמעלקא האָט נישט געהאַט אין שטוב אפילו קיין איין פרוטה. ער האָט געוואָלט געבן דעם אָרעמאַן עפּעס אַ זאַך פון דער שטוב, ער זאָל עס פאַרקויפן און איינהאַנדלען דערפאַר עסנוואַרג, אָבער אַלע גוטע שטוב-חפצים האָט ער שוין לאַנג געהאַט אַוועקגעגעבן און דאָס וואָס איז געבליבן איז געווען אַלט און אָפּגעטראָגן, און האָט נישט געהאַט קיין שום ווערט.

דער רבי ר׳ שמעלקא האָט אָבער נישט געוואָלט אַוועקשיקן דעם אָרעמאַן מיט ליידיגע הענט, האָט ער געזוכט און גענישטערט. נאָך לאַנג זוכן האָט ער געפונען אין דער טאַש פון אַן אַלט קלייד פון זיין רביצין אַ גאָלדן רינגל. ר׳ שמלעקא האָט נישט לאַנג געטראַכט. ער האָט דאָס רינגל אַוועקגעגעבן דעם אָרעמאַן, ער זאָל עס פאַר-קויפן און פאַר דעם געלט זאָל ער קויפן עסנוואַרג פאַר זיין משפּחה.

דער אָרעמאַן איז אַרויסגעגאַנגען פון רב׳ם הויז אַ צופרידענער. גראַד איז אָנגעקומען די רביצין, און ווען זי האָט געזען ווי דער אָרעמאַן גייט אַרוים אַ שמייכלענדיגער, האָט זי זיך געוואונדערט, וואָרים זי האָט דאָך געוואוסט אַז איר מאַן האָט נישט געהאַט קיין פרוטה אין שטוב. „וואָס האָט איר מאַן, דער רב, געקענט געבן דעם אָרעמאַן?״ — האָט די רביצין ביי זיך געטראַכט.

אין דעם מאָמענט האָט זי זיך דערמאַנט אין איר גאָלדן רינגל און זי האָט אויפגעציטערט. דאָס איז דאָס איינציגע וואָס איז איר

פאַרבליבן פון איר גאַנץ צירונג וואָס זי האָט באַקומען פון אירע עלטערן צו דער חתונה. דאָס איבעריגע האָט איר מאַן שוין לאַנג פריער געהאַט פאַרטיילט אויף צדקה. ווי נאָר זי איז אַריינגעקומען אין הויז איז זי צוגעגאַנגען צו איר באַהעלטעניש, און דאָס רינגל איז טאַקע נישט געווען.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָט די רביצין אויסגערופן אַ פאַרצווייפלטע. — דו האָסט דאָך איצט אַוועקגעגעבן דאָס לעצטע וואָס מיר פאַרמאָגן. און צווייטנס, דאָס איז אַ טייער רינגל און צוזאַמען מיט׳ן איידלשטיין איז עס ווערט דרייהונדערט גילדן, און דער דאָזיגער אָרעמאַן וועט עס זיכער פאַרקויפן פאַר עטליכע גולדן.

ווען ר׳ שמעלקא האָט דאָס דערהערט, איז ער אַרויס פון שטוב און גענומען נאָכלויפן דעם אָרעמאַן. דער אָרעמאַן האָט געזען ווי דער רב לויפט אים נאָך, האָט ער געמיינט אַז דער רב האָט חרטה באַקומען און וויל איצט צוריקנעמען דאָס רינגל. האָט ער דעריבער אָנגעפאַנגען צו אַנטלויפן. ענדליך האָט אים דער רב דעריאָגט און אים געזאָגט:

„הערט אויס, ר׳ איד! איר זאָלט וויסן, אַז דאָס רינגל וואָס איך האָב אייך געגעבן האָט אַ טייערן שטיין און איז ווערט דריי-הונדערט גילדן. זייט פאָרזיכטיג מען זאָל אייך נישט אויסנאַרן!״

דער רב איז אַהיימגעקומען אַ צופרידענער און געזאָגט צו דער רביצין: „זאָרג זיך נישט. איך האָב נאָך באַוויזן צו טרעפן דעם אָרעמאַן און אים געזאָגט וויפיל דאָס רינגל איז ווערט. ער וועט עס נישט פאַרקויפן פאַר אַ שיבוש...״

# דער ישמח משה זצ״ל

## דאָס וואונדער־קינד

זינט אידן זענען געוואָרן אַ פאָלק ביים באַרג סיני, האָט זיי דער באַשעפער געגעבן אין יעדן דור גרויסע און הייליגע מענטשן, צדיקים און חכמים, וועלכע זאָלן פירן דעם כלל ישראל אין די ריכטיגע וועגן. און כדי אַלע אידן זאָלן תמיד קענען האָבן אַ חלק אין דער תורה, האָט ער די צדיקים, גענוי ווי די אידן, צעשפּרייט איבער פאַרשידענע לענדער און מדינות, כדי זיי זאָלן לערנען מיט די אידן צו האַלטן זיך נאָענט צום רבונו של עולם.

מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, האָט דער אויבערשטער באַגליקט דאָס אונגאַרישע אידנטום מיט אַזאַ גרויסן גאון און צדיק. דאָס איז געווען דער איהעלער רב און רבי, רבי משה טייטעלבוים זצ״ל, דער „ישמח משה״.

רבי משה טייטעלבוים איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטעלע פּרעמישלא אין גאַליציען. ער האָט געשטאַמט פון אַ חשוב׳ער רבנישער משפחה פון גאונים און צדיקים. נאָך ווען ער איז געווען אַ קינד, האָט מען געקענט זען אַז ער גייט אין די פוסטריט פון זיינע גרויסע און הייליגע אור־עלטערן. ער איז געווען מיט אַ סך אַנדערש פון די אַנדערע קינדער, וועלכע האָבן מיט אים צוזאַמען געלערנט אין חדר. בעת די אַנדערע האָבן זיך געשפּילט איז דער יונגער משה׳לע תמיד געזעסן און געלערנט. בעת אַנדערע קינדער האָבן אָפטמאָל שנעל אָפּגעכאַפּט זייער דאַווענען, האָט ער געדאַווענט געלאַסן וואָרט ביי וואָרט און מיט כוונה. ער האָט אַלעמאָל געזוכט צו זיין אין דער געזעלשאַפט פון תלמידי חכמים, בכדי אויפצוכאַפּן זייער תורה.

ווען דער פאָטער פון יונגן משה׳לע האָט געזען ווי גרויס עס איז זיין זון׳ס חשק צו לערנען תורה, האָט ער אים אַוועקגעשיקט לערנען צו זיין ברודער, אַ גרויסער גאון און צדיק, וועלכער איז געווען רב אין קאָלבאַסאָוו, און שפּעטער צו זיין פעטער פון זיין מוטער׳ס צד, צום באַרימטען סטריזשאָווער רב. אַזוי אַז ווען משה׳לע איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, איז ער שוין געווען באַרימט אַלס עילוי, וועגן וועמען מען האָט אין דער גאַנצער געגנט גערעדט און שטאַרק געלויבט זיין וואונדערליכן קאָפּ און גרויס בקיאות אין תורה.

## אַ גביר'שער איידעם

אין דער שטאָט פּרעמישל האָט דאַן געוואוינט אַ איד אַ גרויסער גביר מיט'ן נאָמען ר' ניסן, וועלכער איז דערצו געווען אַ גרויסער למדן. ר' ניסן איז צוליב זיין לומדות, נדבנות און איידלקייט געווען באַקאַנט און געשעצט אין דער גאַנצער מדינה. און ווען ער האָט געוואָלט אַ שידוך טאָן מיט זיין איידעלער און פרומער טאָכטער שרה, האָט מען אים גערעדט די שענסטע און רייכסטע שידוכים.

צווישן אַנדערע באַרימטע בחורים האָט מען אים אויך פאָרגעשלאָגן דעם יונגען עילוי משה טייטלבוים. ר' ניסן האָט נישט געקענט באַשליסן וועלכן פון די בחורים אויסצוקלייבן. האָט ער צונויפגענומען פערציג תלמידי חכמים און זיי האָבן געגומען דעם יונגן משה טייטלבוים אויף אַ פאַרהער אין לערנען. דאָס יונגע בחור'ל האָט זיי אַלע באַזיגט מיט זיין גרויס בקיאות און שאַרפן קאָפּ. ר' ניסן איז געווען שטאַרק צופרידן, אָבער ער האָט זיך אַלץ נישט געקענט אַנטשליסן. עס זיינען פאַר אים פאָרגעשטאַנען עטליכע גוטע שידוכים און ער האָט שווער געקענט דעצידירן. האָט ער דעריבער אַריינגערופן זיין טאָכטער שרה און ער האָט צו איר געזאָגט:

— הער זיך איין, טאָכטער טייערע, מען שלאָגט מיר פאַר פאַר דיר דריי שידוכים. איינער אַ בחור, אַ גרויסער למדן, אָבער זייער אָרעם. דער צווייטער קען אַביסעל לערנען, אָבער ער איז אַביסעל פאַרמעגליך. דער דריטער קען נישט לערנען, דערפאַר אָבער איז ער אַ גרויסער גביר, און זיין פאָטער איז אַ רייכער מאַן און ער פאַרמאָגט פיל געלט. וועלכן פון זיי ווילסטו אַלס חתן?

— געלט? — האָט זיך די יונגע שרה פאַרקרומט — וואָס פאַר אַ גליק איז געלט? געלט קען מען היינט האָבן און מאָרגן קען מען עס פאַרלירן. מען קען עס פאַרלירן דורך שלעכטע געשעפטן, רויבער קענען עס צונעמען. תורה אָבער קען קיינער נישט צונעמען. דאָס איז אַן אייביגקייט.

ר' ניסן האָט שוין פאַרשטאַנען וועמען זיין פרומע טאָכטער האָט אויסגעקליבן אַלס חתן, און אַזוי אַרום איז דער יונגער משה טייטלבוים געוואָרן ר' ניסן'ס איידעם.

נאָך דער חתונה האָט זיך רבי משה טייטלבוים אַוועקגעזעצט לערנען מיט נאָך מער פלייסקייט און התמדה ווי פריער. ער איז אַוועקגעפאָרן אויף

נאָך דריי יאָר קיין סטריזשאָוו לערנען, און זיין יונגע רביצין, די צדיקת שרה, האָט אים נישט געשטערט. פאַרקערט, זי איז געווען גליקליך ווען זי האָט געהערט, אַז איר יונגער מאַן זיצט טאָג און נאַכט און לערנט מיט אויסערגעוויינליכער התמדה און שטייגט פון טאָג צו טאָג אַלץ העכער און העכער אין תורה.

נאָך דריי יאָר איז רבי משה טייטלבוים צוריקגעקומען קיין פּרעמישל, און צו זיבעצן יאָר האָבן אים שוין אַרומגערינגלט פילע צענדליגער תלמידים וואָס זענען געקומען זיך קוויקן מיט זיין תורה וואָס האָט געשפּרודלט פון אים ווי פון אַ קוואַל.

ר׳ ניסן איז געווען גליקלעך מיט זיין איידעם און ער האָט אים אויס־געהאַלטן מיט אַלעם וואָס ער האָט באַדאַרפט. אָבער דאָס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל דער שווער ר׳ ניסן איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט נאָר אַ קליין פאַרמעגן, וואָס האָט קוים געקלעקט אויף פּרנסה. אָבער רבי משה טייטלבוים האָט נישט פאַרצווייפלט. ער איז ווייטער געזעסן און געלערנט. ערשט ווען דאָס פאַרמעגן האָט זיך אויסגעלאָזן האָט רבי משה טייטלבוים באַוויליגט אָנצונעמען אַ רבנות.

## רב אין שיניאַווע

רבי משה טייטלבוים איז בסך הכל אַלט געווען זעקס און צוואַנציג יאָר ווען ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין שיניאַווע. דאָס איז נישט געווען קיין קלייניקייט. שיניאַווע האָט פריער געהאַט באַרימטע רבנים און נישט לאַנג פריער איז דאָרט געווען רב דער באַרימטער רבי ר׳ שמעלקא. דאָס ווייזט אַליין ווי גרויס מען האָט געשעצט רבי משה׳ן, ווען מען האָט אים פאַרבעטען אויף אַזאַ אָנגעזעען רבנות.

רבי משה איז טאַקע נאָך געווען אַ יונגערמאַן, אָבער ער איז שוין געווען גרויס אין תורה, חכמה און צדקות. דאָס האָט מען באַלד געקענט זען וויאַזוי ער האָט זיך גענומען פירן זיין קהלה. אין זיין פּנקס האָט ער פאַרשריבן וואָס ער נעמט זיך פאָר צו טאָן אַלס רב. נעמליך:

צו דרש׳נען און וועקן דאָס פאָלק צו תשובה און דינען דער אויבערשטן; אַכטונג צו געבן אויף די געשעפטסלייט זיי זאָלן זיך פירן ערלעך אין די מסחרים; צו זען אַז די אָרימעלייט זאָלן נישט געדרודפט ווערן, אַז די

אַרבעטער זאָלן באַקומען זייער לוין אין דער צייט; אַז די אידישע קינדער זאָלן האָבן וואו צו לערנען תורה, באַזונדערס די יתומים; און צו זען אַז די בעלי עבירה זאָלן באַשטראָפט ווערן.

אויף דעם אַלעם האָט רבי משה טייטלבוים געוואַכט מיט גרויס פּינקט־ליכקייט און יעדע וואָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ געוויסער צייט נאָכצוטראַכטן וואָס נאָך מען קען טאָן, כדי די אידן זאָלן גיין אין גלייכן וועג, סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו.

אָבער נישט נאָר פאַר זיין שטאָט האָט דער שיניאַווער רב געזאָרגט. יעדע גוטע תקנה וואָס ער האָט איינגעפירט און געזען אַז עס ברענגט מיט זיך גוטס פאַר די אידן פון זיין שטאָט, האָט ער עס באַלד מיטגעטיילט צו זיינע פריינד רבנים אין אַנדערע אידישע קהילות, און ער האָט זיי אויפ־געפאָדערט אַז אויך זיי זאָלן טאָן דאָס זעלבע אין זייערע שטעט. אַזוי אַרום איז רבי משה טייטלבוים געוואָרען נישט נאָר דער רב פון זיין קהילה אַליין, נאָר אויך פאַר אַנדערע קהלות איבערן לאַנד.

די זאָרג פאַר דער שטאָט האָט אים צוגענומען אַ סך צייט, דאָך האָט ער אויך נאָך געפונען צייט כדי צו לערנען און שטייגן פון טאָג צו טאָג נאָך העכער אין מדריגות התורה. ער האָט זיך געמאַכט אַ סדר נישט דורכ־צולאָזן קיין שום טייל פון דער תורה וואָס ער זאָל נישט לערנען.

ער האָט געלעבט בצימצום. שיניאַווע איז נישט געווען קיין רייכע שטאָט, און קיין שכר פאַר רבנישע טעטיקייטן האָט ער נישט געוואָלט נעמען, אָבער פון דעם ווייניקן וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער זיך געטיילט מיט אָרימע תלמידי חכמים און בני תורה. אויך זיין רביצין, הגם זי איז געווען אַ רייכע טאָכטער און איז געווען געוואוינט צו לעבן אין עשירות, האָט מיט פרייד און צופרידנקייט אויף זיך גענומען דאָס אָרימע לעבן, ווייל זי האָט געפונען אַ גליק אין דער גרויסקייט און צדקות פון איר מאַן און זיינע מעשים פאַר'ן כלל.

## די מפּלה פון אַ שונא ישראל

אָבער טראָץ זיין צדקות, האָט רבי משה אויך באַקומען שונאים אין דער שטאָט. דאָס זיינען געווען די מאָדערנע לייט, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט פירן בדרך התורה און זיי האָבן נאָך געוואָלט אַראָפּפירן אַנדערע

פון אידישן וועג. הגם ר׳ משה איז געווען בלויז גוטסקייט און רחמנות, דאָך האָט ער אָבער צו די דאָזיקע זינדיקע אידן נישט געחנפ׳עט און גע־שמייכלט, נאָר ער האָט זיי כסדר געמוסר׳ט. זיי האָבן אים דערפאַר פיינט באַקומען. זיי האָבן צוגערעדט דעם הערשער פון שטאָט ער זאָל פאַרטרייבן דעם רב פון דער שטאָט.

אָבער זייער פּלאַן האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן. דער פירשט האָט טאַקע שוין געהאָט באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן דעם רב, אָבער אַ פּאָר טעג, איידער ער האָט געוואָלט אויספירן די גזירה קעגן רב, איז ער גע׳הרג׳עט געוואָרן פון אַ קויל פון זיין אייגענער ביקס, און די גזירה איז בטל געוואָרן.

רבי משה טייטלבוים איז מיט יעדן טאָג געוואָרן מער באַרימט צוליב זיין תורה און צדקות. פון אַלע לענדער האָבן צו אים געשריבן רבנים זייערע שווערע און פאַרפּלאָנטערטע שאלות.

## ביים „חוזה״ פון לובלין

אין יענער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ שטרייט צווישן חסידים און מתנגדים. רבי משה טייטלבוים, ווי אַ סך גרויסע רבנים פון זיין צייט, איז געווען אַ מתנגד. ער האָט נישט געהאַלטן פון די חסידים און זייערע פירונגען. ער האָט געגלויבט אַז זיי לערנען נישט גענוג און זענען מבטל אַ סך דינים פון שולחן ערוך. אַזוי האָט מען אים דערציילט וועגן די חסידים און רבי משה טייטלבוים האָט עס געגלויבט. ער האָט זיך דעריבער אַ לאַנגע צייט געהאַלטן ווייט פון חסידים און פון חסידישע רבי׳ס.

אָבער ווען רבי משה טייטלבוים האָט גענומען פאַר אַן איידעם דעם יונגן גאון רבי ארי׳ לייב ליפשיץ (וועלכער איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס דער ווישניצער רב) האָט ער געזען, אַז וואָס מען האָט אים ביז איצט דערציילט וועגן חסידים איז נישט אמת. זיין איידעם איז געווען אַ חסיד און ער האָט געזען אַז ער איז אַ למדן און אַ צדיק. פון דאָזיגן איידעם האָט ער זיך געלאָזט צורעדן צו פאָרן צום הייליגן לובלינער רבי׳ן, דעם „חוזה״, און אַליין זיך איבערצייגן אין דער גרויסקייט פון די חסידישע מנהיגים.

דער שיניאַווער רב רבי משה טייטלבוים האָט באַשלאָסן צו פאָרן צום „חוזה״ קיין לובלין.

ער איז באַלד געוואָרן אַ חסיד און פון די אָנגעזעענסטע תּלמידים און פריינד פון חוזה. דער חוזה האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד און זיך געפרייט וואָס ער האָט צובאַקומען אַזאַ גרויסן און הייליגן צדיק אין זיין חברותא.

אויך די חסידים אין אַלע שטעט אין פוילן און גאַליציען האָבן זיך שטאַרק געפרייט וואָס דער שיניאַווער רב איז געוואָרן אַ חסיד, און זיי האָבן אים באַלד געוואָלט אויפנעמען פאַר זייער רבי׳ן, אָבער דער שיניאַווער רב האָט, צוליב זיין גרויסער באַשיידנקייט, אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון.

## איהעלער רבי

רבי משה טייטלבוים איז געווען דריי און צוואַנציג יאָר רב אין שיניאַווע. דערנאָך איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין איהעל, אונגאַרן, וואו ער איז פאַרבליבן ביז צום סוף פון זיין הייליגן לעבן.

פון איהעל איז זיין נאָמען נאָך מער באַרימט געוואָרן איבער דער גאַנצער אידישער וועלט. דאָ האָט ער געפירט אַ גרויסע ישיבה מיט הונ־דערטער תלמידים. דאָ האָבן אויך חסידים אָנגעהויבן צו פאָרן צו אים. אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט ווערן רבי. ווען אידן זענען צו אים געקומען מיט בקשות פאַר פרנסה, פאַר אַ קראַנקען וכדומה, האָט ער זיי געשיקט צו אַנדערע רבי׳ס. איינמאָל האָט ער געשיקט אַ איד צום הייליגן רבין ר׳ מענדעלע רימאַנאָווער. אָבער דער רימאַנאָווער צדיק האָט צוריק־געשיקט דעם איד צום איהעלער רב און אים געזאָגט:

„זאָגט דעם איהעלער רב, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט ער זאָל זיך מער נישט באַהאַלטן. איך ווייס אַז ער איז גרויס און הייליג און אידן קענען ביי אים געהאָלפן ווערן. זאָל ער אַליין מתפּלל זיין פאַר אייך, און איר וועט זיכער געהאָלפן ווערן״.

אַ לאַנגע צייט האָט דער איהעלער רב נישט געוואָלט ווערן רבי. ערשט ווען עס זענען אין איין יאָר נפטר געוואָרן דער חוזה פון לובלין און דער קאָזשעניצער מגיד, האָט ער באַין ברירה מסכים געווען צו ווערן אויך אַ רבי.

טויזנטער חסידים האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען צום איהעלער רב און ער האָט זיי מדריך געווען אויפ׳ן דרך פון חסידות. טויזנטער זענען גע־קומען מיט זייערע פּראָבלעמען און בקשות, און דער גרויסער צדיק האָט זיי געהאָלפן מיט זיין תפילה און מיט זיינע קלוגע און ג־טליכע עצות האָט ער

זיי געהאָלפן אין אַן עת צרה. ער פלעגט פאַר אַ סך אידן געבן קמיעות, און מען האָט שוין געוואוסט, אַז ווער עס באַקומט אַ קמיע פון איהעלער רב האָט אַ ישועה.

אָבער נישט נאָר חסידים האָבן זיך געווענדעט צום איהעלער רב נאָך הילף. אויך מתנגדים זענען צו אים געקומען אין אַן עת צרה. און נישט נאָר אידן, נאָר אויך גויים פלעגן קומען צום איהעלער רב נאָך אַ ברכה און נאָך אַן עצה. אידן האָבן אַ דאַנק דעם געהאַט גרויסע טובות. עס ווערט דערציילט, אַז אַ באַרימטער אונגאַרישער מיניסטער לאַיאָש קאָשוט, איז געוואָרן אַ גרויסער אוהב ישראל, אַ דאַנק דעם איהעלער רב. די מעשה איז געווען אַזוי: ווען דער קליינער לאַיאָש קאָשוט איז אַלט געווען ניין יאָר, איז ער שווער קראַנק געוואָרן, און קיין שום מעדיצינישע רפואות האָבן נישט געהאָלפן. זיין מוטער איז געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. זי האָט געהערט וועגן דעם ג־טליכן מאַן דעם איהעלער רב און וועגן זיינע וואונדער, האָט זי דעריבער געוואָלט פאָרן צום אידישן הייליגן צדיק, נאָך אַ ברכה. אָבער איר מאַן, וועלכער איז געווען אַן אָנגעזעענער אונגאַרישער פירשט און אַ שונא ישראל, האָט דאָס נישט געוואָלט דערלאָזן. ערשט ווען די דאָקטוירים האָבן אויפגעגעבן זייערע באַמיאונגען צו ראַטעווען דעם קליינעם קאָשוט, האָט ער איר געלאָזן פאָרן צום איהעלער רב. דער איהעלער רב האָט געגעבן אַ ברכה אַז דער קליינער לאַיאָש קאָשוט זאָל געזונט ווערן, און ער האָט דאָס מבטיח געווען פאַר דער מוטער. ער האָט איר אויך צוגעזאָגט, אַז איר זון וועט אויסוואַקסן און זיין אַ גרויסער פאַטריאָטישער פירער פון אונגאַרישן פאָלק. אַזוי איז טאַקע געווען. און ווען דער קליינער לאַיאָש קאָשוט איז גרויס געווען און געוואָרן דער פירער פון אונגאַרישן פאָלק האָט ער צוליב דעם געטאָן אַ סך טובות פאַר דער אידישער באַפעלקערונג.

אויך באַרימטע רבנים און גאונים פלעגן זיך צו ווענדן צו אים נאָך אַ ברכה און ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין. ווען עס איז ביים באַרימטן גאון דעם חתם סופר זצ״ל, קראַנק געוואָרן אַ זון (דער שפּעטערדיגער „כתב סופר״) האָט ער געשיקט אַ בריוו צום איהעלער רב ער זאָל פאַר אים מתפלל זיין. עס איז אינטערעסאַנט צו דערציילן, אַז דער בריוו פון חתם סופר האָט זיך פאַרשפּעטיקט אויף דער פּאָסט, יום כיפור ביי טאָג האָט זיך דער איהעלער רב געפרעגט אויב עס איז נישט פאַראַן עפּעס אַ ידיעה פון פרעסבורג, די שטאָט וואו דער חתם סופר האָט געוואוינט, ווייל ער האָט געזען ווי דער

חתם סופר בעט זיך ביי אים ער זאָל אים אַ טובה טאָן מיט זיין תפילה. ערשט מוצאי יום הקדוש האָט מען געעפענט די בריוו און געזען דעם בריוו פון חתם סופר, אין וועלכן ער בעט דער ישמח משה זאָל מתפלל זיין, אַז זיין זון זאָל האָבן אַ רפואה. אויך זיין אינגערן זון, רבי שמעון סופר, (וועלכער איז שפּעטער געוואָרן רב אין קראָקע), האָט זיין פאָטער דער חתם סופר געשיקט צום ישמח משה, ווען ער איז געוועזן אַ חתן, נאָך אַ ברכה.

אין זיין גרויסער קדושה, פלעגט דער איהעלער רב זען אַ סך וואונדערליכע זאַכן אין זיינע חלומות. די דאָזיגע חלומות זענען פאַרצייכנט אין פאַרשידענע ספרים, און עס זענען דאָרט פאַראַן אַ סך וואונדערליכע זאַכן. אויך אַ סך חידושי תורה, האָט דער איהעלער רב געזען אין חלום, און ער האָט זיי שפּעטער פאַרצייכנט אין זיינע באַרימטע הייליגע ספרים.

## אין קאַמף קעגן משכילים

אין יענער צייט זענען אין אונגאַרן ווי אין גאַליציען, אויפגעשטאַנען אידן וואָס האָבן גענומען אַראָפּגיין פון דרך התורה. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו פירן ווי גויים, קליידן זיך ווי גויים און לעבן ווי גויים. אפילו דעם אידישן דת האָבן זיי געוואָלט צוגלייכן און צופּאַסן, ענליך צו דער רעליגיע פון די גויים — להבדיל. זיי האָבן אין די שולן גענומען מאַכן פאַרשידענע ענדערונגען, ענליך, להבדיל, צו די קירכעס.

דער איהעלער רב צוזאַמען מיט'ן „חתם סופר" האָבן זיך גענומען מיט'ן גאַנצן ברען און מיט גרויס אייפער צו באַקעמפן די דאָזיגע פאַרדאַרבענע, און געוואָרנט דעם כלל ישראל מען זאָל זיך דערווייטערן פון זיי און פון זייערע פירונגען.

אין איהעל גופא האָט רבי משה טייטלבוים איינגעפירט פאַרשידענע תקנות, כדי נישט צו דערלאָזן אַז אידן זאָלן דערווייטערט ווערן פון דעם הייליגן וועג וואָס אידן האָבן זיך געפירט אין די פריערדיגע דורות. אין זיין צייט האָט טאַקע אידישקייט געבליט מיט דער פולער פּראַכט אין דער גאַנצער געגנט.

די באַמיאונגען פון איהעלער רב און חתם סופר האָבן געטראָגן פּירות. יעדער פון זיי אויף זיין שטייגער, אוןביידע צוזאַמען, האָבן זיי געשטאַרקט די ערליכע אידן אין אונגאַרן זיך אַנטקעגנצושטעלן קעגן די אָפּגעפרעמדטע

אידן און זייערע פאַרפירערישע פירער. אַזוי אַרום האָבן זיי געראַטעוועט דאָס אונגאַרישע אידנטום פון אַ גייסטיגער ירידה.

## דער באַרימטער דרשן

גאַר אַ סך האָט דער איהעלער רב אויפגעטאָן מיט זיינע באַרימטע און פייערדיקע דרשות. ער האָט געהאַט אַ פערלדיג מויל און ער האָט מיטגעריסן זיינע צוהערער מיט׳ן כח פון זיינע הייליגע פלאַם־פייערדיגע רייד. די דרשות זענען געווען אַזוי וואונדערלעך שיין, אַז מענטשן האָבן זיי געקענט הערן פאַר לאַנגע שעה׳ן און נישט ווערן מיד.

ער פלעגט שאַרף מוסר׳ן זיינע צוהערער און ער פלעגט אָנווייזן אויף דער גרויסער עבירה וואָס אידן באַגייען אפילו מיט׳ן מינדעסטן אָפּנויג פון דרך התורה. אָבער ער פלעגט דאָס אַלץ זאָגן מיט אַזאַ ליבשאַפט, ווי אַ טאַטע שטראָפט זיינע קינדער. זיינע הייליגע רייד האָבן דעריבער תמיד אַריינגעדרונגען אין אידישע הערצער.

ספּעציעל זענען באַרימט געווען זיינע דרשות וואָס ער פלעגט זאָגן יעדן שבת אָפּאָנגענדיג פון ראש חודש אלול ביז הושענא רבה. די דאָזיגע דרשות זענען געווען איין פלאַמיגער רוף צו טאָן תשובה, און אַ סך אידן, אפילו שוין שטאַרק דערוויטערטע און גאַנץ זינדיגע, האָט ער צוריקגעבראַכט צו אידישקייט מיט זיינע הייליגע דרשות.

## אַ לעבן פון קדושה

זיין גאַנץ לעבן איז געווען געהייליקט פאַר תורה און אידישקייט. פון עולם הזה האָט ער כמעט ווי נישט נהנה געווען. אַלע טעג און נעכט זענען געווען הייליג צו לערנען אַליין, און מיט אַנדערע; צו פירן די קהילה; העלפן מענטשן מיט עצות און תפלה; געבן צדקה צו אָרימע לייט און שרייבן תורה.

ער איז כמעט ווי נישט געשלאָפן און אויך געגעסן האָט ער זייער ווייניק. דער ישמח משה פלעגט אַ סך צו פאַסטן בייטאָג, און ערשט נאָך האַלבער נאַכט האָט ער עפּעס טועם געווען.

יעדער טריט זיינער איז געווען געוואויגן און געמאָסטן. גאַנץ באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט אין דער מצות צדקה. ער פלעגט געבן גמילות חסדים און באַזונדערס „מתן בסתר" פאַר אָפּגעקומענע גבירים.

כל ימיו האָט ער געטרויערט אויף חורבן בית המקדש און מתפלל געווען אַז משיח זאָל שוין קומען. זיין אמונה אין ביאת המשיח איז טאַקע געווען אויסערגעוויינלעך שטאַרק. ער האָט אַלעמאָל געהאַפט, אַז אָט אָט טאַקע היינט קומט משיח. ער האָט געוואוינט אין אַן ענגער אָרימער דירה, און ווען מען האָט אים אַמאָל פאָרגעשלאָגן ער זאָל זיך אַריבערציען אין אַ נייער גרעסערער דירה, נעבן בית המדרש, האָט ער געזאָגט: „צו וואָס דאַרף איך אַ דירה, אַז באַלד קומט שוין משיח, און וואָס וועל איך טאָן מיט דער דירה?״

ער האָט כסדר גערופן און געוועקט די אידן צו תשובה, כדי צו דער־נענטערן דאָס קומען פון משיח. איידער ער איז נפטר געוואָרן האָט ער געזאָגט: „ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז איך וועל אויסלעבן די יאָרן און משיח וועט נישט קומען, וואָלט איך עס זיכער נישט געקענט אויסהאַלטן. איך וואָלט אַוועק פון גרויס צער אַ סך פריער...״

שבת כ״ח תמוז אין יאָר תר״א, האָט ער נאָך אַ קורצער קראַנקהייט אויס־געהויכט זיין הייליגע נשמה. די גאַנצע אידישע וועלט איז געוואָרן איינגעהילט אין גרויס טרויער. פילע טויזנטער זענען געקומען צו דער לויה, צווישן זיי די באַרימטסטע גאונים און צדיקים פון יענער צייט, און אים שטאַרק באַוויינט.

## די ירושה

דער איהעלער רב האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסע גייסטיגע ירושה, פון וועלכער ערליכע אידן איבער דער גאַנצער וועלט שעפן גייסטיג לעבן ביזן היינטיגן טאָג.

קודם זענען דאָס זיינע גרויסע הייליגע ספרים „ישמח משה״ אויף תורה, נביאים וכתובים; „השיב משה״ אויף הלכה און שאלות ותשובות; און דאָס ספר „תפלה למשה״ אויף תהלים. די דאָזיגע ספרים זענען זינט דער פטירה פון ישמח משה, מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, צענדליקער מאָל איבער־געדרוקט געוואָרן, און ווערן געלערנט פון אידן תלמידי חכמים ביזן היינטיגן טאָג.

די דאָזיגע ספרים זענען אַ קוואַל פון טיפער און הייליגער מחשבה, בליציקע רעיונות און פאַרטייטשונגען, וואָס מאַכן פשוט ליכטיג די אויגן צו פאַרשטיין די אייביקע רייד פון אונזערע נביאים און חכמים. זיי ברענגען אַריין אַ שטראָם פון הייליקייט און יראת שמים וואָס דערהויבן די וואָס קענען פאַרשטיין זיינע הייליגע רייד.

אָבער נישט ווייניגער וויכטיג איז די ירושה וואָס ער האָט איבערגעלאָזט מיט זיינע קינדער און אייניקלעך, באַרימטע גאונים און צדיקים, וועלכע האָבן פאָרגעזעצט און זעצן פאָר צו פירן גרויסע אידישע מאָסן אויף זיין הייליגן וועג ביזן היינטיקן טאָג.

נאָך זיין פטירה האָט איבערגענומען דאָס פירן זיין עדה אידן זיין איינציגער זון רבי אלעזר ניסן זצ"ל. נאָך אים זיין זון רבי יקותיאל יהודא זצ"ל, סיגעטער רב, מחבר פון די באַרימטע ספרים "ייטב לב", "ייטב פנים" און "אבני צדק". נאָך אים זיין זון רבי חנניא יום טוב ליפּא, סיגעטער רב, מחבר פון ספר "קדושת יום טוב". נאָך אים זיינע צוויי זון: רבי חיים צבי זצ"ל, סיגעטער רב, מחבר פון ספר "עצי חיים" און יבדל לחיים טובים דער סאַטמאַרער רבי שליט"א, וועלכער האַלט אָן די דינאַסטיע און די גאָלדענע קייט פון די פריערדיגע צדיקים.

אַ צווייטע קייט פון צדיקים און רביים איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין אידעם רבי ארי' לייב ליפשיץ, ווישניצער רב, דער מחבר פון "ארי' דבי עילאי". זיינע קינדער און אייניקלעך זיינען געווען באַקאַנטע רביים אין גאַליציע ביז צום חורבן פון גאַליצישן אידנטום.

# דער שכר פאַר כבוד אב ואם

געווען אַמאָל אַ גוי מיט'ן נאָמען דמא בן נתינה. דער דאָזיגער דמא פלעגט שטאַרק מכבד זיין זיינע עלטערן. איינמאָל איז ער איינגעלאַדן געוואָרן צו אַ באַראַטונג, וואו עס זענען זיך צונויפגעקומען די אָנגעזעענסטע לייט פון שטאָט. דמא בן נתינה איז געווען זייער רייך, האָט ער אָנגעטאָן דאָס שענסטע מלבוש, וואָס איז געווען אויסגעוועבט פון זייד און גאָלד, און ער איז אַוועק צו דער באַראַטונג. מען האָט אים דאָרט געזעצט אויבן אָן און מען האָט אים צוגעטיילט גרויס כבוד.

דמא'ס מוטער איז דעמאָלט געווען קראַנק און געריררט פון זינען. ווען זי האָט זיך דערוואוסט אַז איר זון געפינט זיך אויף אַ באַראַטונג, איז זי געגאַנגען דאָרט אַהין. זי איז אַריין אין זאַל, וואו איר זון איז געזעסן בראש פון די חשוב'סטע לייט, און אים אָנגעהויבן זידלען און שעלטן, פאַר די אויגן פון די אַלע פאַרזאַמלטע. דאַן האָט זי אים אָנגעהויבן שלאָגן, געשפּיגן אים אין פּנים, צעריסן אויף אים זיין טייערן מלבוש און מיט אַ שוך געשלאָגן אים אין קאָפּ.

אַלע פאַרזאַמלטע זענען געבליבן שטאַרק געפּלעפט. זיי האָבן זיך געוואָלט אָננעמען פאַר דמא'ן. אָבער דמא אַליין האָט אפילו נישט געפּרואווט זיך צו ווערן און אַנטקעגנצושטעלן. ער איז געשטאַנען און שטילערהייט מיט דרך ארץ מקבל געווען אַלץ באהבה. ער האָט נאָר מיט אַ בעטנדיק קול זיך געבעטן ביי איר:

„גענוג, מאמע!"

שלאָגנדיג אים איז פאַר דער מוטער אַרויסגעפאַלן דער שוך פון דער האַנט. דמא האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אויפגעהויבן דעם שוך און איר עס דערלאַנגט צוריק אין דער האַנט אַריין, כדי זי זאָל נישט האָבן דערפון קיין צער.

* * *

מיט אַ צייט שפּעטער, האָבן זיך די אידישע חכמים דערוואוסט, אַז ביי דמא בן נתינה איז פאַראַן צו קויפן אַ זעלטענער שטיין, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט פאַר די קליידער פון כהן גדול.

זענען די חכמים אַוועק צו אים און געזאָגט:

מיר האָבן געהערט אַז ביי דיר געפינט זיך אַן אבן טוב, וואָס מיר באַדאַרפן פאַר׳ן כהן גדול׳ס בגדים. פאַרקויף אונז דעם שטיין און מיר וועלן דיר געבן טויזנט גילדן.

דמא בן נתינה איז אַריינגעגאַנגען אין זיין שטוב אַרויסצו־ברענגען דעם שטיין, אָבער ווען ער איז אַריינגעקומען אין צימער האָט ער געזען ווי דער פאָטער ליגט און שלאָפט און ער האַלט זיין פוס אָנגעלענט אויפ׳ן קעסטל וואו עס געפינט זיך דער שטיין.

איז ער אַרויס צו די חכמים און צו זיי געזאָגט:

„איך קען אייך איצט נישט פאַרקויפן דעם שטיין, ווייל מיין פאָטער שלאָפט און איך קען אים נישט אויפוועקן.

האָבן די חכמים געטראַכט, אַז דמא מאַכט דאָ אַ קינץ און ער וויל אַ העכערן פּרייז. האָבן זיי זיך אָנגעהויבן צו דינגען און אים פאַרגעשלאָגן מער געלט. ביז זיי זענען שוין געווען גרייט צו געבן צען טויזנט גילדן. אָבער דמא בן נתינה האָט זיי געענטפערט:

„ווען אפילו איר זאָלט מיר געבן אַ פולע שטוב מיט גאָלד און זילבער, וועל איך נישט גרינגשעצן דעם כבוד פון מיין פאָטער און אים אויפוועקן פון שלאָף״.

ווי ער איז אַזוי געשטאַנען און גערעדט מיט די חכמים, האָט זיך זיין פאָטער אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דמא איז אַריין אין שטוב און אַרויסגעבראַכט דעם שטיין.

ווען די חכמים האָבן דערזען דעם שטיין, האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט. זיי האָבן אַרויסגענומען די צען טויזנט גילדן און אַוועק־געלייגט פאַר דמא בן נתינה אויפ׳ן טיש, אַזוי ווי זיי האָבן פריער געזאָגט, אַז זיי וועלן אים געבן.

— ניין! — האָט דמא געזאָגט — אָפּגעהיטן זאָל איך ווערן צו נעמען ביי אייך צען טויזנט גילדען. נעמט אייך צוריק ניין טויזנט גילדן און גיט מיר נאָר איין טויזנט. איך וויל נישט פאַרקויפען מיין פאָטערס כבוד.

* * *

דער שכר פאַר דמא בן נתינה איז נישט לאַנג שפּעטער געקומען.

אַ יאָר שפּעטער האָבן די חכמים געזוכט אַ פּרה אדומה, און זיך דערוואוסט, אַז אַזאַ רויטע קו, וואָס איז נישט לייכט געווען צו באַקומען, איז געבוירן געוואָרן טאַקע נישט ביי קיין אַנדערן ווי ביי דמא בן נתינה. פאַר דער דאָזיגער קו האָט דמא בן נתינה באַקומען צען טויזנט גילדן.

# שבת

אין זעקס טעג האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די וועלט, און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט. אַזוי האָט אויך דער אויבערשטער באַפוילן די אידן אין זיין תורה: „זעקס טעג מעגסטו אַרבעטן, אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו דיין ג־ט, דו זאָלסט נישט טאָן קיין שום אַרבעט".

## די באַדייטונג פון שבת

דער אויבערשטער האָט געגעבן פאַר די אידן דעם שבת, ווייל אידן זענען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק פון אויבערשטן. מיט אָפּהיטן דעם שבת, זאָגן אידן עדות דערויף, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט. ווען עס קומט פאַר שבת, וואַרפט דער איד אַוועק יעדע אַרבעט און באַשעפטיגונג און ער באַווייזט דערמיט פאַר דער גאַנצער וועלט זיין גלויבן אין דעם וואָס עס שטייט אין דער תורה, אַז „אין זעקס טעג האָט דער אויבערשטער געמאַכט דעם הימל און די ערד, דעם ים און אַלץ וואָס איז פאַראַן אויף דער וועלט, און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט".

אָבער נישט נאָר האָט דער אויבערשטער באַשאַפן די גאַנצע וועלט. ער איז אויך אויף אייביג דער מלך מלכי המלכים, דער הערשער פון דער וועלט, וועלכער באַוואַכט די גאַנצע וועלט און קיין שום זאַך פּאַסירט נישט אָן זיין ווילן. די תורה זאָגט אונז אַז שבת איז אויך אַ „זכר ליציאת מצרים", — אַ געדענק־טאָג אַז אידן זענען אַרויס פון מצרים. אידן געדענקען אַז די וועלט פירט זיך נישט אַליין, און אַז אַלץ וואָס קומט פאָר אויף דער וועלט, די אַנטשטייאונג פון פעלקער און זייער פאַרשווינדן, די פרייהייט פון מענטש אָדער זיין פאַרשקלאַפונג, זיין רייכקייט אָדער אָרעמקייט, שטאַרקייט אָדער שוואַכקייט — אַלץ איז אָפּהענגיג פון דעם ווילן פון השם יתברך. און ער האָט באַפרייט די אידן פון גלות מצרים.

אויך אין מצרים האָבן אידישע קינדער געהיט שבת. דער מדרש דערציילט, אַז משה רבינו איז געקומען צו פרעה'ן און אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט אַזוי אָנגיין מיט זיין פאַרשקלאַפונג פון די אידן און לאָזן זיי אַרבעטן אַ גאַנצע וואָך, נישט אַפּרוענדיג זיך אפילו קיין איין טאָג אין דער וואָך, וועלן די אידן נישט קענען טאָן זייער אַרבעט ווי געהעריג, און דאָס וועט ברענגען שאָדן פאַר די מצריים. האָט פרעה נאָכגעגעבן משה'ס פאַרלאַנג און ער האָט געהייסן משה'ן אויסקלויבן איין טאָג אין דער וואָך אַלס רו-טאָג. האָט משה אויסגעקליבן דעם טאָג פון שבת.

ווען עס קומט שבת, וואַרפט דער איד אַוועק אַלע זיינע טעגליכע באַשעפטיגונגען. ער דאַרף נישט אַרבעטן און נישט האַנדלען, נישט קויפן און נישט פאַרקויפן, ער פאַרגעסט אין אַלע זיינע טעגליכע זאָרגן, ער מאַכט אפילו נישט קיין שום פּלענער וואָס צו טאָן צומאָרגנס נאָך שבת. מיט דעם אַלעם באַווייזט דער איד זיין אמונה אין דער הערשאַפט פון השי"ת איבער דער וועלט.

ווען דער איד היט שבת באַווייזט ער, אַז דער מענטש קען נאָר אַזויפיל טאָן און אויפטאָן וויפיל דער אויבערשטער לאָזט אים און דערלויבט אים. דער איד פאַרשליסט זיין געשעפט פאַר שבת, ווען אפילו ער קען דעם טאָג בעסער פאַרדינען ווי אַ גאַנצע וואָך. ער וואַרפט אַוועק זיין אַרבעט, ווען אפילו ער קען פאַר דער אַרבעט קריגן טאָפּלט געצאָלט. ער באַווייזט דערמיט זיין אמונה, אַז פאַקטיש קען דער מענטש קיינמאָל נישט מער פאַרדינען וויפיל ג-ט וויל, ער קען קיינמאָל נישט ווערן רייכער ווי עס איז אָנגעצייכנט אין הימל, און אַז אַלץ וואָס פּאַסירט מיט אים איז נאָר ווייל אַזוי וויל השי"ת.

## שבת דער צייכן פון אידישקייט

שבת איז דער קען-צייכן פון אַ איד, ווייל מיט אָפּהיטן שבת באַווייזט דער איד צי ער גלויבט אין השי"ת, אָדער ח"ו נישט. ווען אַ איד האַנדלט אָדער אַרבעט אים שבת, ח"ו, איז אַ סימן אַז ער גלויבט נישט אין דער תורה. ער מיינט, אַז אויב ער וועט האַנדלען אָדער אַרבעטן שבת וועט ער האָבן מער געלט. דאָס איז אַ באַווייז

אַז ער גלויבט נישט אַז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט קומט פון השי"ת. דעריבער זאָגן אונזערע חכמים „דער איד וואָס איז מחלל שבת איז פונקט אַזוי ווי ער וואָלט געלייקנט אין דער גאַנצער תורה".

אויב אַ איד איז מחלל שבת ח"ו, שליסט ער זיך אויס פון כלל ישראל, ווייל די תורה האָט באַצייכנט דעם שבת אַלס „אות" (צייכן) וואָס פאַרבינדט דאָס אידישע פאָלק מיט השם יתברך. און ווען אַ איד איז מחלל שבת, צערייסט ער די דאָזיגע פאַרבינדונג.

אַ גרויסער צדיק, דער חפץ חיים זצ"ל, האָט פאַרגליכן דעם שבת צו אַ שילד אויף אַ געשעפט. פאַראַן אַמאָל — האָט דער חפץ חיים געזאָגט — אַז אַ געשעפט גייט שלעכט. מען קען דאָס דער־קענען. אין געשעפט איז פאַראַן ווינציגער סחורה, מען זעט ווייניגער קונים און די שויפענסטער זענען נישט אַזוי שיין דעקאָרירט. אָבער כל זמן עס הענגט נאָך אַ שילד איז אַ סימן אַז דאָס געשעפט עקזיסטירט נאָך און ער קען נאָך ווידער מצליח זיין און אויפבויען צוריק דאָס געשעפט. ווען אָבער מען נעמט אַראָפּ די שילד, דאַן ווייסט יעדער אַז דאָס געשעפט האָט באַנקראָטירט.

דאָס זעלבע איז מיט'ן שבת. ווען אַ איד ווערט שוואַכער אין אידישקייט קען מען דאָס לייכט דערקענען. ער לערנט ווייניגער און ער היט נישט אָפּ אַלע מצוות ווי געהעריג. ער פירט זיך נישט ווי אַלע אַנדערע ערליכע אידן. אָבער כל זמן ער היט נאָך שבת, באַווייזט ער נאָך אַ סימן פון צוגעבונדנקייט צו אידישקייט. דער שבת איז זיין „אידישקייטס־שילד". מיט'ן מאָמענט אָבער ווען ער ווערט אַ מחלל שבת, האָט ער פון זיך אַראָפּגענומען די שילד, דעם לעצטן סימן פון אידישקייט.

## אָפּהיטן שבת

טאַקע דערפאַר האָבן אידן אין אַלע צייטן אָפּגעהיט דעם שבת מיט מסירת נפש. אַלע שונאים פון אידן וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן קעגן אידן האָבן זיך תמיד באַמיט קודם צו שטערן שמירת שבת. די שונאי ישראל וואָס האָבן זיך פאַרלייגט אויף די אידן, האָבן

געוואוסט אַז ווי נאָר אידן וועלן אויפהערן אָפּהיטן שבת, וועלן זיי נישט קענען מער עקזיסטירן.

ווען אנטיוכס האָט געוואָלט די אידן מאַכן פאַר גריכן, איז זיין ערשטע גזירה געווען, אַז אידן זאָלן נישט אָפּהיטן שבת. אויך די רוימער האָבן פאַרבאָטן די אידן צו היטן שבת. און אַזוי אויך שפּעטער אין אַלע צייטן.

אָבער אידן האָבן זיך תמיד באַמיט אָפּצוהיטן שבת. אידן האָבן זיך געלאָזט הרגענען און נישט געוואָלט מחלל שבת זיין. אויך אין אונזערע צייטן, אין די נאַצישע לאַגערן און אין די וועלדער פון סיביר האָבן אידן זיך מוסר נפש געווען אָפּצוהיטן שבת. ווייל אידן האָבן געוואוסט אַז שבת איז דער קען-צייכן פון אידישקייט און דער בונד — דער „ברית", ווי די תורה רופט עס אָן — וואָס פאַרבינדט דאָס אידישע פאָלק מיט'ן אויבערשטן און וואָס מאַכט זיי אַנדערש פון אַלע פעלקער פון דער וועלט.

## די דינים פון שבת

די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט ווי אַזוי אָפּצוהיטן דעם שבת'דיגן טאָג און וויאַזוי אים צו הייליגן. ביים באַרג סיני האָט מען די אידן אָנגעזאָגט נישט צו טאָן 39 פאַרשידענע אַרבעטן (ל"ט מלאכות), ווי למשל: זייען, דרעשן, מאָלן, באַקן, קאָכן, שערן, וואַשן, פאַרבן, וועבן, בינדן, נייען, אַרויסטראָגן פון איין אָרט צום צווייטן, און נאָך אַנדערע אַרבעטן. אָבער בכדי מען זאָל אָפּהיטן שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין און ווי די תורה האָט באַפוילן, האָבן אונזערע הייליגע חכמים אונז אָנגעוויזן אויף אַ ריי אַנדערע זאַכן וואָס מען טאָר נישט טאָן אום שבת.

די דינים פון שבת זענען זייער אַ סך, און מען דאַרף לערנען די הלכות און איינחזר'ן זיי, כדי צו וויסן וואָס מען מעג טאָן שבת און וואָס מען טאָר נישט טאָן. נאָר אַז מען היט ערליך דעם שבת, קען מען פילן די אמת'ע קדושה פון שבת.

## די קדושה און שמחה פון שבת

הגם די תורה האָט אונז געגעבן אזויפיל געזעצן פאַר שבת, דאָך איז דער שבת פאַר אונז נישט קיין לאַסט וואָס איז שווער צו היטן. פאַרקערט, דער שבת׳דיגער טאָג איז אַ טאָג פון דער גרעסטער שמחה, פון דער שענסטער פרייד וואָס אַ איד קען האָבן. נאָר די וואָס האָבן נישט קיין געפיל פאַר אידישקייט, וואָס ווייסן נישט די שיינקייט פון אידישן פאָלק קענען מיינען אַז ס׳איז שווער אָפּצוהיטן שבת. אָבער מיר ווייסן אַז אָפּהיטן שבת איז דער גרעסטער תענוג און שמחה.

ווען עס קומט דער שבת׳דיגער טאָג פילט זיך דער איד פריילעך און דערהויבן. ער וואַרפט אַוועק אַלע וואָכעדיגע זאָרגן און פאַרבינדט זיך דורך זיינע תפילות און זמירות מיט דעם קוואַל פון שענסטן און טייערסטן — מיט השם יתברך אַליין. אין טאָג פון שבת זאָרגט דער איד נישט וועגן פרנסה אָדער געשעפט. ער ווייסט און האָט בטחון, אַז דער אויבערשטער וועט איהם שוין פאַרזאָרגן. ער איז מלא פרייד וואָס דער אויבערשטער האָט אונז אויסדערוויילט צו זיין אַ ג־טליך פאָלק, און וואָס מיר זיינען עדות אויף דער הערשאַפט פון השי״ת אויף דער וועלט דורך היטן דעם שבת.

## די צוגרייטונגען צו שבת

צום שבת גרייט מען זיך מיט גרויס פרייד און בענקשאַפט. לכבוד שבת ווערט דאָס הויז גערייניגט און אויסגעפּוצט. די בעסטע מאכלים און געטראַנקען ווערן צוגעגרייט פאַר שבת. מען טוט זיך אָן די שענסטע קליידער. מען עסט צוזאַמען ביי איין טיש און מען פאַרברענגט צוזאַמען מיט די קינדער אין דעם דאָזיגן גרויסן טאָג.

פרייטאָג אין דער פרי שטייען אויף די פרויען פריער ווי אַ גאַנצע וואָך, כדי צו באַקן חלות אויף שבת. די מאַמע גרייט צו אין משך פון ערב שבת די שבת׳דיגע מאכלים. אַלע קינדער, און בפרט די מיידלעך זיינען בייהילפיג אין די צוגרייטונגען צום שבת. יעדער טוט עפּעס אַן אַרבעט לכבוד שבת. גרייטן צו טיש, שטעלן די לייכטערס מיט די ליכט, און אַזוי ווייטער.

לכבוד שבת טוט זיך יעדער אָן פרישע וועש און קליידער. מען פוצט אוים די שיך. מען שערט זיך אָפּ די נעגל. די האָר ווערן פאַרקעמט. מען נעמט אַרוים אַלעס פון די טאַשן און מען לייגט אַוועק די מוקצה זאַכן. די אַלע זאַכן דאַרפן געטאָן ווערן באַצייטנס, כדי פאַר ליכט צינדן זאָל אַלעס זיין גרייט.

ווי שיין איז ווען די מאַמע בענשט ליכט. אַלעס אין שטוב פינקלט, אַלעס איז ציכטיג און זויבער. די שטוב איז פאַרשמעקט מיט דעם ריח פון די באַטעמ׳טע שבת׳דיגע מאכלים. דער טאַטע גייט מיט די אינגלעך אין שול דאַוונען. אויף דער גאַנצער שטוב ליגט אַ קדושה׳דיגע אַטמאָספערע.

ווען דער טאַטע קומט אַהיים פון שול, שמייכלט אַראָפּ פון זיין פנים דער „גוט שבת". די שבת ליכט ברענען. דער טאַטע פאַנגט אָן זינגען „שלום עליכם", „אשת חיל" און אַנדערע זמירות. דער פראַכטפולער קידוש און דערנאָך די גאַנצע שבת׳דיגע סעודה איז אַ פאַרגעניגן וואָס פילט אָן דאָס הארץ מיט פרייד און תענוג.

די שבת׳דיגע סעודות, מיט די זמירות, פאַרמאָגן אין זיך אַזויפיל קדושה און חן וואָס עס איז נישט מעגליך צו שילדערן. דאָס בענטשן געלאַסן און דאָס פאַרברענגען דערנאָך מיט די בני בית גיט צו נאָך מער גענוס און הנאה צו דער קדושה פון שבת.

אונזערע הייליגע חכמים דערציילן אַז שבת איז געווען איינס פון די שענסטע מתנות וואָס השם יתברך האָט געהאַט באַהאַלטן בעת ער האָט באַשאַפן די וועלט, און אַט די דאָזיגע מתנה האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר אונז אידן.

## די תפילות פון שבת

די תפילות פון שבת זענען אַנדערש פון די תפילות וואָס מיר דאַוונען אַ גאַנצע וואָך. פרייטאָג צו נאַכטס הויבט מען אָן דאָס שבת׳דיגע דאַוונען מיט „לכו נרננה". אויך שבת אין דער פרי דאַוונט מען מערערע מזמורים פון תהלים און אויך די תפלה „נשמת כל חי", וואו מיר ברענגען אַרוים אונזער גרויסע ליבשאַפט צו השם יתברך

און אַ טיפן דאַנק דערפאַר וואָס ער האָט באַשאַפן אַזאַ גרויסע און שיינע וועלט און ער פירט זי מיט חסד און גערעכטיגקייט.

אויך די שמונה עשרה איז אַן אַנדערע ווי אַ גאַנצע וואָך. אין דער שבת'דיגער שמונה עשרה בעט מען נישט אויף די טעגליכע באַדערפענישן, ווי מען טוט דאָס אַ גאַנצע וואָך, ווייל שבת דאַרף דער איד גאָרנישט. אַלץ וואָס מען זאָגט אין דער שבת'דיגער שמונה עשרה איז אַ לויב צו השם יתברך וואָס ער האָט אונז געהייליגט דורך דעם שבת.

יעדן שבת ביי טאָג לייענט מען אַ פּרשה פון דער תורה. אויסער דעם לערנט מען אין דער היים די תורה וויפיל עס איז נאָר מעגליך.

## ראש חודש בענטשן

יעדן שבת פאַר ראש חודש טוט מען אין שול ראש חודש בענטשן: מ'רופט אויס אין וועלכן טאָג, אָדער וועלכע צוויי קומענדיגע טעג עס וועט זיין ראש חודש. אין טאָג פון ראש חודש זאָגט מען הלל, מען לייענט און מ'דאַוונט מוסף.

## שלש סעודות

שבת דאַרף מען עסן דריי סעודות — „שלש סעודות". די ערשטע סעודה איז פרייטאָג צו נאַכטס, די צווייטע סעודה איז שבת ביי טאָג, און די דריטע סעודה (סעודה שלישית אָדער שלש סעודות) שבת פאַרנאַכט. אַ סך אידן עסן די דריטע סעודה „שלש סעודות" צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אידן אין שול, אָדער גייען צו זייער רבי'ן, וואו אידן פאַרברענגען צוזאַמען אין זמירות און הערן אויס דברי תורה, וואָס דערפון קריגן זיי אַריין אַ גייסט פון קדושה אויף אַ גאַנצער וואָך.

## הבדלה און מלוה דמלכה

מוצאי שבת מאַכט מען הבדלה. מען צינדט אָן צוויי ליכט

און אַ הבדלה און מען זאָגט די ברכות פון „המבדיל". פאַר הבדלה זאָגן די פרויען און מיידלעך די תפילה „ג־ט פון אברהם".

„ג־ט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב, באַהיט דיין פאָלק ישראל אין דיין לויב. דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק, די וואָך זאָל אונז קומען צו געזונט, צו לעבן, צו מזל, צו שלום, צו עושר וכבוד און צו אַלעם גוטן געווין, אמן סלה".

ביי הבדלה שמעקט מען אויך בשמים און מען מאַכט אַ ברכה „בורא מיני בשמים".

נאָך הבדלה מאַכט מען אַ פּערטע סעודה צו באַגלייטן דעם הייליגן שבת. די סעודה ווערט אָנגערופן „מלוה דמלכה" — דאָס באַגלייטן פון דער קעניגין (שבת). ביי דער מלוה דמלכה סעודה זינגט מען זמירות און מען פאַרברענגט צוזאַמען מיט ערליכע אידן.

# דער כח פון שבת

דאָס איז געווען אין אַ פרייטאָג צו נאַכט. אין עס-זאַל, אַרום דעם געדעקטן טיש לכבוד שבת, איז געזעסן די גאַנצע רייכע משפחה כהן און געגעסן די ערשטע שבת סעודה. מען האָט אָנגעהויבן זינגען די שבת׳דיגע זמירות. פּלוצים איז אַריינגעקומען די באַדינערין און געמאָלדן, אַז עפּעס אַ הויכער באַאַמטער ווינשט זיך צו רעדן מיט׳ן בעל הבית.

דער באַאַמטער איז אַריינגעקומען און געזאָגט:

— אַנטשולדיגט מיר פאַר שטערן אייך אין אייער עסן. אָבער איך קום אין אויפטראַג פון זיין מאַיעסטעט, דעם פירשט היינריך. ער האָט געבעטן איר זאָלט אים זאָפאָרט שיקן די פאָלגנדע טעפּיכער. זאָגנדיג דאָס האָט ער איבערגעגעבן דעם בעל הבית אַ צעטל מיט אַ רשימה פון טייערע טעפּיכער, וואָס דער פירשט וויל קויפן. דער פירשט האָט דעם זעלבן אָוונט געהאַט איינגעלאַדן אַ ריי הויכע געסט און ער האָט געוואָלט באַצירן זיינע זאַלן מיט די טעפּיכער.

— עס טוט מיר זייער לייד — האָט געענטפערט דער סוחר כהן — אָבער איך קען היינט נישט דינען דעם פירשט. עס איז שוין איצט העכער אַ שעה שבת און איך וועל עס ערשט קענען טאָן מאָרגן נאַכט, נאָך שבת.

— אָבער אַנטשולדיגט הער כהן — האָט דער באַאַמטער אויס-גערופן — די אויפנאַמע אין פּאַלאַץ קומט פאַר היינט אָוונט, און נישט מאָרגן. ווי קענט איר דאָס אָפּלייגן. מאָרגן פרי וועלן די געסט שוין אָוועקפאָרן, און דאַן וועט מען די טעפּיכער נישט מער דאַרפן.

— אָבער איצט איז שבת — האָט געענטפערט דער איד כהן.
— ביטע, גיט דאָס איבער דעם פירשט, אַז טראָץ מיין בעסטן ווילן קען איך אים היינט נישט פאַרקויפן די טעפּיכער, ווייל היינט איז שבת.

דער באַאַמטער איז אַוועק, אָבער מיט אַ שעה שפּעטער איז ער נאָכאַמאָל געקומען. דאָסמאָל האָט ער געהאַט אין דער האַנט אַ פּערזענליכן בריוו פון פּירשט, אין וועלכן ער בעט נאָכאַמאָל, באַלד צו ליפערן אים די טעפּיכער. ער איז גרייט איצט צו באַצאָלן פאַר די טעפּיכער אַ דרייפאַכיגן פּרייז. ער בעט אים נאָכאַמאָל נישט צו־ריקצושיקן זיין שליח מיט ליידיגע הענט. צום שלום פון בריוו איז געווען אַ וואָרענונג, אַז אויב ער וועט נישט אויספאָלגן די ביטע, וועט ער חרטה האָבן, און דער פּירשט וועט מער קיינמאָל פון אים גאָרנישט קויפן.

אָבער אויך דער בריוו און די וואָרענונג האָט נישט געהאָלפן. „ביטע, ענטפערט דעם פּירשט, אַז דאָס איז אוממעגליך. עס איז היינט שבת — האָט כהן באַפוילן.

ווען דער באַאַמטער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט אין הויז פון הער כהן געהערשט אַן אָנגעשטרענגטע שטימונג. אַלע האָבן געוואוסט וואָס עס מיינט זיך צו צעקריגן מיט'ן פּירשט היינריך. דאָס גאַנצע גרויסע געשעפט פון דער משפחה איז געווען אָפּהענגיג פון דעם מסחר וואָס זיי האָבן געטאָן מיט'ן פּירשט און מיט זיינע פריינט. איצט איז אַלץ פאַרלוירן, — האָבן אַ טייל משפחה מיטגלידער געטראַכט.

— מיר האָבן דאָך געקענט איבערגעבן אים די טעפּיכער, נישט נעמענדיג היינט באַצאָלט, און אַפילו נישט זאָגנדיג דעם פּרייז, — האָט איינער פון די זין געפרעגט.

— חס ושלום, — האָט זיך אָנגערופן די אַלטיטשקע באָבע. — האָט נישט קיין חרטה. זייט שטאָלץ און צופרידן וואָס איר האָט אויס־געהאַלטן דעם נסיון און געברענגט אַ קרבן פאַר'ן שבת.

מוצאי שבת האָט דער הער כהן באַקומען אַ דרינגענדע איינ־לאַדונג צו קומען אין פּאַלאַץ. די גאַנצע משפחה האָט זיך זייער גע־זאָרגט און אויך הער כהן איז געגאַנגען אין פּאַלאַץ מיט אַ שווער האַרץ.

ווי גרוים איז דעריבער געווען די איבעררעשונג פון הער כהן צו זען ווי דער פירשט גייט אים אנטקעגן מיט א שמייכל און נעמט אים אויף מיט נאך מער פריינטשאפט ווי יעדעס מאל.

דער פירשט האט געבעטן אנטשולדיגונג פון הער כהן פאר דעם וואס ער האט אים גורם געווען עגמת נפש א נאכט פריער, און ער האט אים דערציילט די פאלגנדע געשיכטע.

צווישן די געסט וואס זענען צו אים געקומען א טאג פריער, איז געווען איינער א פירשט א גרויסער שונא ישראל. זיי האבן צווישן זיך געשמועסט וועגן אידישן פאלק, און אין מיטן געשפרעך, האט זיך אנגערופן דער שונא ישראל, אז ביי אידן איז געלט דאס העכסטע אין דער וועלט. איך האב אים געזאגט, אז דאס איז נישט אמת. די אידן האבן א תורה, און דאס איז ביי זיי דאס טייערסטע, און אז פאר דער תורה זיינען זיי גרייט אלץ מקריב צו זיין. מיר האבן זיך לאנג געשפארט. איך האב אים געוואלט באווייזן, אז עס איז אזוי, און דעמאלט האב איך צו דיר געשיקט מיין באאמטן, כדי דיך אויס־צופרובירן.

— איך בין צופרידן — האט דער פירשט ווייטער געזאגט, — וואס דו ביזט בייגעשטאנען דעם נסיון, און איך האב דורך דיר באזיגט יענעם פירשט דעם שונא ישראל. איך וועל ווייטער פארבלייבן דיין קונה און איך וועל דיר נאך שאפן אנדערע קונדן, צווישן די פירשטן אין קעניגליכן פאלאץ.

הער כהן איז שפעטער געווארן א געשעפט אגענט אין קע־ניגליכן הויף. ער האט א דאנק דעם געקענט טאן א סך גרויסע טובות פאר אידן.

# ראש חודש

דער אידישער לוח איז איינגעשטעלט לויט דעם גאַנג פון די לבנה, און אַ דאַנק דעם ווייסן מיר ווען עס פאַלן אוים די ימים טובים. דערמיט איז דער אידישער לוח אַנדערש פון די גוי׳אישע קאַלענדאַרן, וועלכע ציילן זייערע יאָרן און חדשים לויט דעם גאַנג פון דער זון.

ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען איז אין טאָג פון ראש חודש, גענוי ווי שבת און יום טוב, געברענגט געוואָרן אַ קרבן מוסף. ראש חודש איז אַזוי אַרום געווען אַ יום טוב, און אין אַ געוויסן זין ענליך צו שבת און יום טוב. אַזוי איז טאַקע געווען אין די צייטן פון די נביאים און ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען.

אָבער אויך היינט צו טאָג ווערט דער טאָג פון ראש חודש אָפּגעהיטן. אין ראש חודש טאָר מען נישט פאַסטן. פרויען נייען נישט אין ראש חודש. און ערליכע אידן עסן אַ ספּעציעלע סעודת ראש חודש.

די נעמען פון די חדשים זענען: ניסן, אייר, סיון, תמוז, אב, אלול, תשרי, חשון, כסלו, טבת, שבט, אדר. כאָטש מיר רעכענען דעם אָנפאַנג פון יאָר דעם ערשטן טאָג פון חודש תשרי (ראש השנה), דאָך איז אָבער דער ערשטער טאָג פון חודש ניסן דער „ראש השנה פון די חדשים״, און דעריבער פאַנגען מיר אָן צו רעכענען ניסן אַלס דעם ערשטן חודש.

דער חודש „אב״ ווערט אויך גערופן „מנחם אב״, ווייל אין דעם חודש איז דאָס בית המקדש חרוב געוואָרן צוויי מאָל, און מיר בעטן השי״ת ער זאָל אונז טרייסטן פאַר די פאַרלוסטן וואָס מיר האָבן געליטן אין דעם חודש. דער חודש „חשון״ ווערט אויך אָנגערופן „מרחשון״, ווייל אין דעם חודש איז געווען דאָס מבול, דעריבער גיט מען צו דאָס וואָרט „מר״ (ביטער) צום וואָרט חשון.

ווי אויבן געזאָגט רעכנט זיך דאָס אידישע יאָר לויט דעם גאַנג פון דער לבנה, וואָס איז בלויז 354 טעג. און כדי אויסצוגלייכן דאָס

יאָר פון דער לבנה מיט'ן יאָר פון דער זון ווערט איינמאָל אין צוויי-דריי יאָר צוגעגעבן נאָך אַ חודש. דאָס ווערט געטאָן אין לעצטן חודש אדר, אַזוי אַז טיילמאָל זענען פאַראַן צוויי אדר'ס אין יאָר — אַן אדר א' און אַן אדר ב'. ווען עס זענען פאַראַן צוויי אדר'ס, דאָס הייסט דרייצן חדשים, דאַן הייסט דאָס יאָר אַן עיבור-יאָר.

יעדעס מאָל ווען מען זעט די לבנה אויפסניי, אָדער אַ טאָג שפּעטער, איז ראש חודש — דער אָנפאַנג פון נייעם חודש. אַמאָל פאַלט ראש חודש אוים איין טאָג און אַמאָל צוויי טעג. דער דאָזיגער טאָג ראש חודש האָט אַ באַזונדערע באַדייטונג אין אידישן לוח און האָט אין זיך אַן ענליכקייט צו יום טוב.

## קידוש לבנה

עטליכע טעג נאָך ראש חודש איז מען מחדש די נייע לבנה פונעם נייעם חודש. „קידוש לבנה" מאַכט מען אין אָוונט. מען זאָגט אַ ברכה און געוויסע תפלות אויף דער גאַס, פון וואַנען מען קען זען די לבנה. אויב עס איז פאַרוואָלקנט לייגט מען אָפּ קידוש לבנה אויף אַ טאָג אָדער עטליכע טעג שפּעטער.

נאָך קידוש לבנה זינגט מען אַ זמר לכבוד דער נייער לבנה.

# די קרייץ צוגן

מיט בערך 900 יאָר צוריק האָבן די מאָכמעדאַנער איינגענומען ירושלים און פאַרפעסטיגט זייער הערשאַפט איבער ארץ ישראל. צווישן די קריסטן אין אייראָפּע האָט דאָס אַרויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט. אין ארץ ישראל האָבן דעמאָלט געוואוינט אַ סך קריסטן, וועמען די מאָכמעדאַנער האָבן אָנגעהויבן צו צווינגען אָנצונעמען די מאָכמעדאַנישע רעליגיע. די מאָכמעדאַנער האָבן אויסער דעם אויך פאַרשוועכט די קירכעס און פאַרשידענע פּלעצער אין ארץ ישראל וואָס זענען פאַרהייליגט ביי די קריסטן.

ווען עס האָבן זיך פאַרשפּרייט די ידיעות וועגן דעם וויאַזוי די מאָכ־מעדאַנער הערשן אין ארץ ישראל, האָט דער דעמאָלסדיגער פּויפּסט צונויפ־גערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג פון פראַנצויזישע רייטער, ביי וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן אַ גרויסע אַרמיי קיין ארץ ישראל, כדי צו באַפרייען דאָס לאַנד פון די מאָכמעדאַנער און דאָרט איינפירן אַ קריסטליכע הערשאַפט.

די יעניגע וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי האָט מען אַ נאָמען געגעבן „קרייץ־צוגלער”, ווייל אויף זייערע מונדירן האָבן זיי זיך געלאָזט אָננייען אַ גרויסן צלם, אַלס צייכן אַז זיי גייען קעמפן פאַר אַ „הייליגער” זאַך... די „קרייץ־צוגלער” האָט מען צוגעזאָגט אַ גאַנצע ריי גוטע זאַכן אַלס באַלוינונג פאַר זייער אָפּפערווויליגקייט. צווישן אַנדערן האָט מען זיי אויך פאַרשפּראָכן צו באַפרייען זיי פון אַלע זייערע חובות. דעריבער האָבן זיך אין דער אַרמיי אָנגעשלאָסן אַלע מינים פאַרברעכער און אַוואַנ־טוריסטן, וועלכע האָבן נישט געוואָרט ביז זיי וועלן אָנקומען קיין ארץ ישראל, נאָר שוין אין פראַנקרייך גופא האָבן זיי אָנגעהויבן צו מאָרדן און צו רויבן.

אין דער ערשטער ריי האָבן זיי זיך גענומען צו די שוצלאָזע אידן. אַ געוויסער גלח, אַ רשע, איז אַרויסגעקומען מיט אַ רוף צו די קרייץ־צוגלער: „איר גרייט זיך איצט צו פירן אַ קריג מיט די אומגלויביגע מאָכמעדאַנער טויזנטער מיילן אַוועק, ווען דאָ אויפן אָרט געפינען זיך טויזנטער אומגלויביגע אידן, וואָס זייערע עלטערן האָבן גע׳הרג׳עט אונזער גאָט. לאָמיר קודם כל

נעמען נקמה אין די אידן. לאָמיר זיי צווינגען אָנצונעמען אונזער גלויבן, און אויב נישט — לאָמיר זיי אויס׳הרג׳ענען״!

די בלוטיגע „קרייץ־צוגלער״ וואָס זענען, ווי שוין געזאָגט, באַשטאַנען פון מיאוסע פאַרשוינען, גנבים און מערדער און אַלערליי אויסוואורפן, האָבן זיך שנעל אָנגעכאַפּט אין דאָזיגן רוף. און אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ תקופה פון שרעקליכע יאָרן, וואָס קען באַצייכנט ווערן אַלס איינע פון די בלוטיגסטע אין דער אידישער געשיכטע.

די באַנדעס קרייץ־צוגלער זענען קודם כל באַפאַלן די אידן אין דער פראַנצויזישער שטאָט רואן, וואו זיי האָבן אַריינגעטריבן אַלע אידן אין דער שטאָטישער קירכע. די אידן וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דאָס קריסטליכע גלויבן, האָבן זיי אויפ׳ן אָרט דערהרגעט און דאָס פאַרמעגן צו־גערויבט פאַר זיך.

פון פראַנקרייך אויפן וועג קיין ארץ ישראל זענען די קרייץ־צוגלער אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד און זיך אויך דאָרט אַ לאָז געטאָן איבער די אידישע קהלות צו מאָרדן און צו רויבן. צוערשט האָבן זיי חרוב געמאַכט די פרעכטיגע אידישע קהילה אין טרויש, און פון דאָרט זענען זיי אַוועק קיין שפייער, וואו עס האָבן געוואוינט אַ סך אידן.

די אידן אין שפייער האָבן שוין געוואוסט וואָס עס דערוואַרט זיי, און דעריבער זענען אַ סך אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן. אַ טייל האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין פּאַלאַץ פון דעם דאָרטיגן בישאָף, וועלכער איז געווען פריינטליך צו די אידן. פאַר לאַנגע טעג האָבן די קרייץ־צוגלער געבושעוועט אין שפייער, געהרגעט די אידן וואָס זיי האָבן געפונען, פאַרברענט די שולן און בתי מדרשים און צוגערויבט דאָס גאַנצע אידישע האָב און גוטס. דערנאָך האָבן זיי זיך געלאָזט צום פּאַלאַץ פון בישאָף וואו עס האָבן זיך געפונען די אויסבאַהאַלטענע אידן.

פון אָנפאַנג האָט דער בישאָף פּרובירט צו שיצן די אידן, אָבער אויך ער האָט מורא באַקומען פאַר די קרייץ־צוגלער. דער בישאָף איז דאַן געקומען מיט אַ פאָרשלאַג צו די אידן זיי זאָלן זיך שמד׳ן ר״ל. די אידן האָבן זיך אַלע ווי איינער אָפּגעזאָגט. זיי האָבן בעסער געוואָלט שטאַרבן, איידער פאַרבייטן זייער אמונה. דער בישאָף האָט זיי דעריבער אַרויסגעוואָרפן פון זיין פּאַלאַץ.

די קרייץ־צוגלער האָבן אַוועקגעשלעפּט די אידן אין דער קירכע און זיי געגעבן אַן אויסוואַל: שמד אָדער טויט. די אידן זענען געווען אומדערשראָקן

און אויסגעקליבן דעם טויט איידער שמד. אַזוי זענען אַ סך אידן אומגעקומען על קידוש השם.

פון שפייער זענען די באַנדיטן אַוועק קיין ווירמייזא (וואָרמס) און עס האָבן זיך דאָרט אין זיי אָנגעשלאָסן נייע באַנדעס פון פאַרברעכער. אויך אין וואָרמס האָבן זיך אַ סך אידן באַהאַלטן אין שלאָס פון דאָרטיגן בישאָף. זיבן טעג האָט זיי דער בישאָף אויסבאַהאַלטן, אָבער דאַן איז ער צו זיי געקומען און געזאָגט אַז ער קען זיי מער נישט באַשיצן. ער האָט זיי געראַטן, אַז זיי זאָלן זיך שמד'ן ר"ל. די אידן האָבן געבעטן צייט זיך צו איבערטראַכטן. דער בישאָף איז אַוועק, זייענדיג זיכער אַז די אידן וועלן נאָכקומען זיין פאַרלאַנג. ווען עס איז אַדורך אַ שטיקל צייט און די אידן זענען נישט געקומען מיט קיין ענטפער, האָט דער בישאָף באַפוילן צו עפענען די טירן פון זאַל וואו די אידן האָבן זיך געפונען. די קרייץ־צוגלער זענען אַריין און זיי האָבן פאַר זיך געזען אַ שרעקליך בילד. אַלע אידן וואָס זענען געווען אין זאַל האָבן זיך אַליין אויסגעהרג'עט. זיי האָבן אַלע אויסגעוועלט דעם טויט, כדי מען זאָל זיי נישט קענען צווינגען עובר צו זיין אויף דער שבועה וואָס זיי האָבן געגעבן ביים באַרג סיני.

ענליכע טראַגעדיעס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין פיל אַנדערע שטעט און אידישע קהלות איבער דייטשלאַנד און בעמען, באַזונדערס אין די שטעט מאַינץ און קעלן, ביים טייך רהיין.

די גבורה פון די אידן אין מאַינץ איז פאַרצייכנט אין אַ ספּעציעלער קינה וואָס מיר זאָגן ביזן היינטיגן טאָג אין תשעה באב.

ווען די אידן אין דער שטאָט קעלן האָבן געהערט אַז די קרייץ־צוגלער דערנענטערן זיך, האָבן זיי זיך פאַרזאַמלט אין שול אָנגעטאָן אין קיטלען, ווי אין יום כיפור, און אויף זיך גענומען אומצוקומען אויף קידוש השם. אָבער אַ טייל זענען געראַטעוועט געוואָרן. דער אַרצי־בישאָף פון קעלן איז געווען אַ פריינטליכער מענטש און ער האָט די אידן געלאָזט אויסבאַהאַלטן ביי די גוים אין שכנותדיגע אָרטשאַפטן. ווען די קרייץ־צוגלער זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט האָבען זיי כמעט נישט געקענט געפונען קיין אידן. זיי האָבן אַזוי לאַנג געזוכט ביז זיי האָבן אויסגעפונען אַ פּאָר אידן, וועמען זיי האָבן געוואָלט צווינגען צו שמד. די אידן האָבן אָבער בעסער אויסגעקליבן צו שטאַרבן אויף קידוש השם. אַ סך האָבן זיך אַליין אַריינגעוואָרפן אין דעם טייך רהייך, כדי זיך נישט צו דאַרפן בוקן צום צלם.

זוכנדיג אין קעלן איבער די הייזער, האָבן די רשעים געפונען דעם רב פון שטאָט רבי יצחק. דער רב איז שוין געווען גרייט אויף אַלעם, אָנ־געטאָן אין קיטל און אין טלית מקדש השם צו זיין. די קרייץ־צוגלער האָבן דעם אַלטן רב אָװעקגעשלעפּט אין זייער קירכע. זיי האָבן אים געוואָלט צווינגען צו קושן דעם צלם. אָבער דער רב האָט אויף דעם אַ שפּיי געטאָן און מיט אַ געשריי „שמע ישראל" אומגעקומען אויף קידוש השם.

אַזוי האָבן די קרייץ־צוגלער געבושעוועט, ביז זיי זענען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. אין דער ערשטער צייט האָבן זיי געהאָט אַביסל נצחונות און איינגענומען דאָס לאַנד. באַלד אָבער זענען זיי פאַרטריבן געוואָרן דורך די מאַכמעדאַנער. פופציג יאָר שפּעטער האָבן די קריסטן אונטערגענומען אַ צווייטן קרייץ צוג און דערנאָך אַ דריטן קרייץ צוג. יעדעס מאָל זענען די קרייץ־צוגן געווען פאַרבונדן מיט פאַרגיסן אידיש בלוט און רויבן אידישע פאַרמעגנס.

דורך די אַלע יאָרן האָבן די אידן אַרויסגעוויזן גרויס העלדישקייט, מסירת נפש און געטריישאַפט צו דער אמונה, צו השי"ת און צו זיין הייליגער תורה. די דאָזיגע גבורות און מסירות נפש זענען אויף אייביג פאַרצייכנט געוואָרן אין פיל פיוטים, קינות און תפילות וואָס מיר זאָגן ביזן היינטיגן טאָג.

# חנוכה

דעם פינף און צוואנציגסטן טאָג אין חודש כסלו, פאַנגען זיך אָן די ליכטיגע חנוכה-טעג.

אין משך פון אַכט טאָג צינדט מען אָן אין אַלע אידישע היימען די חנוכה-ליכט מיט פרייד און געזאַנג, מען זאָגט יעדן טאָג הלל און מען פרייט זיך מיט דעם גרויסן נס וואָס האָט אַמאָל פּאַסירט צו אונזערע עלטערן אין די דאָזיגע טעג.

דאָס איז געווען מיט העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק אין ארץ ישראל. די אידן וואָס האָבן געוואוינט אין הייליגן לאַנד, זענען טאַקע נישט געווען אינגאַנצן פריי, ווייל איבער ארץ ישראל, פּונקט ווי איבער אַלע אַנדערע לענדער אין אַזיע, האָט דעמאָלט געהערשט די מעכטיגע סירישע מלוכה. דאָך האָט דאָס די אידן נישט שטאַרק געקימערט. דאָס איינציגע וואָס די אידן האָבן באַדאַרפט טאָן, איז געווען צו צאָלן צו די סיריער געוויסע שטייערן. אין לאַנד גופא האָבן זיך די סיריער ווייניג וואָס געמישט, און אידן זענען געווען פריי זיך אויס-צולעבן ווי זיי האָבן געוואָלט.

אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן צום ערגערן. אין סיריען איז אויפגעשטאַנען אַ מלך אַן אכזר, מיט׳ן נאָמען אַנטיוכס עפּיפאַנעס. כדי צו שטאַרקן זיין מלוכה האָט אנטיוכס געוואָלט, אַז אַלע מענטשן וואָס וואוינען אין די לענדער איבער וועלכע סיריע האָט געהערשט, זאָלן זיין גלייך, זאָלן רעדן די זעלבע שפּראַך, דינען די זעלבע אָפּגעטער און פירן אַן ענליך לעבן.

באַזונדערס איז אים שטאַרק נישט געפעלן געוואָרן וואָס די אידן זענען אַנדערש ווי די גויים. עס האָט אים נישט געפעלן וואָס די אידן האָבן אַן אייגענע תורה מיט מצוות און לעבן זיך אויף זייער אייגענעם שטייגער. האָט ער דעריבער אָנגעהויבן אַרויסגעבן גזירות געגן די אידן. ער האָט פאַרבאָטן די אידן דאָס לערנען זייער תורה, דאָס אָפּהיטן שבת, מל זיין אידישע קינדער און מקיים זיין

אַלע אַנדערע מצוות פון דער תורה. ער האָט זיך אָנגעהויבן מישן אין בית המקדש און באַפוילן דאָרט אַריינצושטעלן אַ גריכישן אָפּגאָט.

דאָס ערגסטע איז געווען וואָס אויך צווישן די אידן האָבן זיך געפונען אַ סך רשעים וואָס האָבן גערן אויפגענומען די גזירות פון אנטיוכס. די דאָזיגע אידן האָט מען גערופן „העלעניסטן", דערפאַר וואָס זיי האָבן געוואָלט זיין ווי די העלענער, די גוים, און זיך אויס־מישן מיט זיי. זיי האָבן זיך גערופן מיט גוי'אישע נעמען און אָפּ־געלאָכט פון ג־ט'ס מצוות. זיי האָבן אויך געהאָלפן די סאָלדאַטן פון אנטיוכס דורכצופירן די גזירות קעגן דער תורה.

מיטאַמאָל איז געקומען אַ ישועה. אין קליינעם שטעטעלע מודיעין האָט געוואוינט דער כהן גדול מתתיהו מיט זיינע פינף זין. דער הייליגער מתתיהו האָט נישט געוואָלט הערן פון אנטיוכס' גזירות. ער און זיינע קינדער און די אידן אין מודיעין האָבן ווייטער אָפּגעהיטן די תורה און מצוות. מיטאַמאָל זענען קיין מודיעין אָנגעקומען אַ גרופּע אָפיצירן און סאָלדאַטן. זיי האָבן צוזאַמענגערופן די אידן מיט מתתיהו בראש אויפ'ן מאַרק פּלאַץ. זיי האָבן דאָרט אויפגעשטעלט אַ מזבח און פאַרלאַנגט פון מתתיהו ער זאָל דאָרט ברענגען אַ קרבן צום גריכישן אָפּגאָט. מתתיהו האָט געענטפערט מיט אַ שטאָלצן ניין! „איך און מיינע זין און מיינע ברידער זענען אַנטשלאָסן טריי צו בלייבן דעם בונד וואָס ג־ט האָט געשלאָסן מיט אונזערע אבות" — האָט מתתיהו געענטפערט דעם גריכישן אָפיציר.

אויפ'ן פּלאַץ האָט זיך אָבער אָפּגעפונען אַ אידישער העלעניסט, און דער דאָזיגער רשע איז צוגעגאַנגען צום מזבח און דאָרט געוואָלט ברענגען אַ חזיר פאַר אַ קרבן. מתתיהו האָט גאָרנישט געטראַכט, נאָר גענומען אַ שווערד און דער'הרג'עט דעם אידישן רשע. זיינע זין און די אַנדערע אידן זענען באַלד באַפאַלן די סירישע אָפיצירן און סאָלדאַטן. אַ סך פון זיי האָבן זיי דער'הרג'עט און די איבעריגע זענען אַנטלאָפן אין גרויס שרעק.

מתתיהו און זיינע זין האָבן געוואוסט, אַז אנטיוכס וועט וועלן אין זיי נקמה נעמען. האָט ער גענומען זיינע זין און די איבעריגע ערליכע אידן און איז מיט זיי אַנטלאָפן אין די בערג. פון דאָרט

האָבן זיי אָנגעהויבן כסדר אָנצוגרייפן אנטיוכס' אַרמייען און זיי אָנטאָן גרויסע צרות. באַזונדערס זענען זיי כסדר באַפאַלן די פלעצער פון די גריכישע אָפּגעטער און זיי צעשטערט.

אינצווישן איז דער אַלטער מתתיהו געשטאָרבן. נאָר פאַר זיין טויט האָט ער צוזאַמענגערופן זיינע זין און זיי אויפגעפאָדערט ווייטער פאָרצוזעצן דעם קאַמף געגען די אידישע שונאים. אַלס קאָמאַנדיר האָט ער באַשטימט זיין זון יהודה, וועלכער איז געווען דער שטאַרקסטער און מוטיגסטער פון די ברידער.

יהודה און זיינע ברידער האָבן געוואוסט, אַז זיי זענען שוואַכער און אַז זייער מחנה פון קעמפער איז פיל קלענער ווי די גרויסע און באַוואָפנטע אַרמייען פון אנטיוכס. אָבער דאָס האָט אים נישט אָפּגעשראָקן. ער האָט געוואוסט, אַז ג־ט איז שטאַרקער און מעכטיגער פון די גרעסטע חיילות. אויף זיין פאָן האָט ער אויפגעשריבן מכב"י, וואָס דאָס זענען די ראשי תיבות פון די ווערטער מי כמוך באלים ד' און איז ערשט אַרויס אין אַן אמת'ער מלחמה מיט די סיריער.

ג־ט האָט טאַקע געהאָלפן און די שוואַכע האָבן באַזיגט די שטאַרקע. דאָס קליינע הייפעלע אידישע קעמפער האָט באַזיגט די צענדליגער טויזנטער סאָלדאַטן פון אנטיוכס. די סיריער האָבן געליטן איין מפלה נאָך דער אַנדערער, ביז זיי זענען אַנטלאָפן אין גרויס בהלה.

יהודה המכבי און זיינע ברידער האָבן צוריק איינגענומען ירושלים און זיי האָבן פון דאָרט פאַרטריבן די סיריער און זייערע אידישע מיטהעלפער. זיי האָבן אָפּגערייניגט דאָס בית המקדש פון די גריכישע אָפּגעטער. זיי האָבן אויפגעשטעלט אַ נייעם מזבח און אים באַנייט דעם פינף און צוואַנציגסטן טאָג אין כסלו.

פון דעם באַנייען דאָס מזבח, שטאַמט טאַקע דאָס וואָרט „חנוכה" — וואָס דאָס מיינט באַנייען. דאָס וואָרט „חנוכה" מאַכט אויך „חנו כ"ה", וואָס דאָס באַדייט אַז זיי האָבן גערוט צום סוף פון זייערע מלחמות אין פינף און צוואַנציגסטן טאָג (כ"ה).

אָבער דער גרעסטער נס איז ערשט פאָרגעקומען נאָכדעם. ווען עס איז געקומען דער אָוונט און מען האָט באַדאַרפט אָנצינדן די

מנורה, האָט מען ערשט דערזען אַז עס איז נישט איבערגעבליבן מער ווי אַ קליין ביסעלע ריינער אויל. אַלע קריגלעך מיט אויל וואָס זענען געווען אין בית המקדש זענען טמא געוואָרן דורך די סיריער און העלעניסטישע געצנדינער. נאָר איין קריגעלע אויל איז געפונען געוואָרן וואָס איז געווען באַהאַלטן און פאַרזיגלט מיט'ן זיגל פון דעם כהן גדול. אָבער אין דעם קריגעלע איז געווען גענוג אויל נאָר בלויז אויף איין נאַכט. ביז צום מאַכן נייעם ריינעם אויל האָט באַדאַרפט נעמען גאַנצע אַכט טעג.

אָבער דער אויבערשטער האָט באַוויזן אַ נס און דאָס קליינע ביסעלע אויל האָט געלויכטן פאַר גאַנצע אַכט טעג, ביז עס איז פאַרטיג געוואָרן דער נייער אויל. צום זכר פון דאָזיגן נס האָבן די חכמים אונז געגעבן די מצוה פון חנוכה צו צינדן ליכט און דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר די אַלע נסים און חסדים וואָס ער האָט געטאָן אין יענער צייט מיט אונזערע עלטערן.

## די חנוכה ליכט

גאַנצע אַכט טעג, אָנפאַנגענדיג פון פינף און צוואַנציגסטן טאָג אין כסלו, צינדן מיר חנוכה ליכט. דעם ערשטן טאָג איין ליכטל, דעם צווייטן טאָג צוויי ליכטלעך, און אַזוי כסדר ביז אַכט טעג.

אידן וואָס זענען מדקדק במצוות באַמיען זיך צו צינדן חנוכה ליכט מיט ריינעם אויל פון איילבירטן, אָדער ווי מען רופט עס „שמן זית". דערפאַר ווייל אויך אין בית המקדש האָט מען געצינדן די מנורה מיט שמן זית. אָבער אויך אַנדערע אוילן און אויך ליכטלעך זענען כשר, אויב זיי ברענען נאָר שיין און קלאָר.

די חנוכה ליכט דאַרף מען שטעלן אַזוי אַז מען זאָל זיי קענען זען. דאָס איז בכדי באַקאַנט צו מאַכן דאָס נס וואָס דער אויבערשטער האָט געטאָן מיט די אידן. דערפאַר שטעלט מען געוויינליך די חנוכה מנורה אויפ'ן פענסטער. אַנדערע זענען זיך נוהג צו שטעלן די מנורה נעבן דער טיר, אַנטקעגנאיבער דער מזוזה. ווי ביי יעדער מצוה באַמיען זיך ערליכע אידן צו האָבן אַ שיינע חנוכה-מנורה, ווי ווייט דאָס איז נאָר מעגליך.

מען צינדט די חנוכה ליכט באַלד ווי עס ווערט פינסטער, אָבער מען מעג אויך צינדן חנוכה ליכט אַ גאַנצע נאַכט. אָבער עס מוז זיין אין דער צייט ווען דאָס בני בית שלאָפט נאָך נישט. נאָר ווי ביי אַלע מצוות, טוען זיך ערליכע אידן צואיילן מקיים צו זיין די מצוה און לייגן נישט אָפּ אויף שפּעטער. דעריבער עסט מען אויך נישט פאַר חנוכה ליכט צינדן.

די חנוכה ליכט דאַרפן ברענען נישט ווייניגער ווי אַ האַלבע שעה, דעריבער דאַרף מען אַכטונג געבן אַריינצוטאָן גענוג אויל, אַז די חנוכה ליכט זאָלן נישט אויסגיין פריער. פרייטאָג פאַרנאַכט דאַרף מען אַריינגעבן גענוג אויל עס זאָל ברענען ווייניגסטנס אַ האַלבע שעה אין שבת.

ביי חנוכה ליכט צינדן פאַרזאַמלט זיך די גאַנצע משפחה און פאַר'ן צינדן מאַכט מען די ברכה: „אשר קדשנו במצוותיו וצונו להדליק נר חנוכה". דערנאָך זאָגט מען די ברכה: „שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה". די ערשטע נאַכט חנוכה מאַכט מען אויך די ברכה „שהחיינו", און מען דאַנקט דעם אויבערשטן וואָס ער האָט אונז געמאַכט דערלעבן די צייט צו קענען זיך פרייען מיט חנוכה.

נאָך די ברכות צינדט מען אָן ליכטלעך. מען פאַנגט אָן פון לינקס און מען גייט צוריק אויף רעכטס. בשעת'ן צינדן זאָגט מען „הנרות הללו..." מיט די חנוכה ליכטלעך טאָר מען זיך נישט באַדינען, מען טאָר נישט אָנצינדן פון זיי און מען טאָר נישט לייענען קעגן דער ליכט פון די חנוכה ליכטלעך. דעריבער איז מען זיך נוהג אָנצו־צינדן אַ באַזונדער ליכטל, וואָס מען רופט עס „שמש", כדי נישט נהנה צו זיין פון די חנוכה ליכט.

נאָכ'ן צינדן זינגט מען „מעוז צור ישועתי..." און נאָך אַנדערע זמירות און תפילות ותשבחות פאַר'ן אויבערשטן פאַר די נסים וואָס ער האָט מיט אונז געטאָן אין יענע טעג אין דער זעלבער צייט.

ערב שבת פאַרנאַכט דאַרף מען קודם צינדן חנוכה ליכט און דערנאָך צינדט מען די שבת ליכט. מוצאי שבת מאַכט מען צוערשט הבדלה, און דערנאָך צינדט מען די חנוכה ליכט.

## חנוכה מנהגים

עס איז אַ מנהג, אַז פרויען זאָלן נישט טאָן קיין שום אַרבעט אין דער צייט וואָס די חנוכה-ליכט ברענען. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין יענע טעג פון אנטיוכס הרשע זענען געווען אַ סך ביטערע גזירות אויך אויף די אידישע פרויען. באַזונדערס פרייען זיך די פרויען דערמיט, וואָס אַ אידישע טאָכטער, יהודית, האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אינעם נצחון פון די אידן איבער דער סירישער אַרמיי (זע די געשיכטע פון יהודית).

עס איז אַ מנהג צו געבן פאַר די קינדער חנוכה-געלט. דאָס האָט אויך אַ טיפערן זין, גענוי ווי אַלע אַנדערע אידישע מנהגים, וואָס האָבן אַלע אַ טיפן באַדייט. דאָס וואָרט חנוכה איז פאַרבונדן מיט'ן וואָרט „חנוך" — דערציען. אידישע עלטערן זענען מחנך זייערע קינדער אין די טעג פון חנוכה, כדי זיי זאָלן לערנען מיט מער חשק און אויף זיך נעמען דעם עול פון תורה און יראת שמים.

מיט'ן דאָזיגן געלט שפּילן די קינדער אין די חנוכה טעג „דריידל". שפּילן דריידל איז נאַטירליך נישט קיין מצוה, אָבער היות קינדער האָבן זיך דאָך ליב צו שפּילן, האָט מען זיי געגעבן אַ שפּיל וואָס זאָל זיי דערמאנען דעם נס פון חנוכה. אויף די דריידלעך איז אויסגעקריצט די אותיות: נ ג ה ש — דאָס מיינט „נס גדול היה שם" — אַ גרויס נס איז דאָרט געווען. דערפון קען מען זען, אַז ווען אידישע קינדער שפּילן זיך, דאַרף אויך די שפּיל זיין אַ געהייליגטע. אפילו ווען מען שפּילט זיך, דאַרף מען אויך געדענקען דעם אויבערשטן, וואָס ער טוט מיט אונז כסדר אַזויפיל נסים און גוטס.

## תפילות פאַר חנוכה

אין די טעג פון חנוכה זאָגט מען אין דער שמונה עשרה און אויך אין בענטשן די תפילה „ועל הנסים". מען דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר די נסים, פאַר דער הילף און פאַר די וואונדער וואָס ער האָט געטאָן מיט אידישע קינדער אין די טעג פון מתתיהו בן יוחנן כהן גדול, ווי די שוואַכע האָבן באַזיגט די שטאַרקע, די ווייניגע האָבן געשלאָגן די צאָלרייכע, די צדיקים האָבן צעשמעטערט די רשעים

און ווי דער אויבערשטער האָט באַוויזן דאָס גרויסע נס מיט'ן קריגעלע אויל, וואָס מען האָט דערפון געצונדן גאַנצע אַכט טעג.

אינדערפרי נאָך שחרית זאָגט מען גאַנץ הלל. די תפילה הלל איז, ווי איר ווייסט, אַ דאַנק צום רבונו של עולם פאַר די וואונדער און חסדים מיט וועלכע ער פירט די וועלט, און באַזונדערס פאַר די גוטסקייט וואָס ער טוט מיט זיין אידיש פאָלק. אין די טעג פון חנוכה, ווען אידן דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר זיינע נסים, איז פאַסיג צו זאָגן הלל.

גאַנץ חנוכה לייענט מען אין דער תורה די פרשה פון באַנייען דעם משכן. דאָס איז דערפאַר, ווייל אין דעם פינף און צוואַנציגסטן טאָג אין כסלו איז פאָרגעקומען דער „חנוכת המשכן" אין דער מדבר. אויך ווען די אידן האָבן באַנייט דאָס צווייטע בית המקדש, איז דאָס אויך פאָרגעקומען דעם 24טן טאָג אין כסלו און די שמחה פון באַנייען דאָס בית המקדש איז פאָרגעקומען דעם 25-טן טאָג אין כסלו.

# די חנוכה ליכטלעך

שוין בערך צוויי טויזנט יאָר צינדן מיר אידן די חנוכה ליכטלעך. גאָר אַ סך ווייסן אונז צו דערציילן די חנוכה ליכטלעך. זיי געדענקען נצחונות און צרות; שמחות און אומגליקן.

מען האָט זיי געצונדן אין אַלע וועלט טיילן און אין אַלע דורות פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר. געווען ציימן ווען מען האָט זיי געצונדן אין פּרעכטיגע זילבערנע מנורות, און צייטן ווען מען האָט זיי געצונדן אין אָרימע בלעכערנע אָדער הילצערנע לייכטער. געווען צייטן ווען מ'האָט זיי געצונדן אין פּאַלאַצן און רייכע וואוינונגען, און צייטן ווען מ'האָט זיי געצונדן אין פינסטערע קעלערן אָדער אין טיפע וועלדער.

גאָר אַ סך קען מען, און מען דאַרף לערנען פון די דאָזיגע חנוכה ליכטלעך.

„דו האָסט איבערגעגעבן שטאַרקע אין די הענט פון שוואַכע, אַ סך אין די הענט פון ווייניגע״... — זאָגן מיר אין דער תפילה פון „על הנסים״.

פאַרוואָס און וויאַזוי?

דאָס איז דערפאַר, ווייל עס זיינען אויפגעשטאַנען צדיקים קעגן רשעים און טהורים קעגן טמאים. נישט דאָס געווער און נישט די שטאַרקייט פון דער פויסט האָבן דעצידירט דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה; נאָר די קדושה און צדקות האָבן באַזיגט די טומאה און דאָס רשעות.

אויף וואָס זענען די חשמונאים אַרויס אין קאַמף?

נישט בכדי איינצונעמען פרעמדע טעריטאָריעס, און אויך נישט בכדי צו פאַרגרעסערן דעם אייגענעם כבוד אָדער פּרעסטיזש. זיי זענען אַרויס פירן אַ מלחמה פאַר השם יתברך, פאַר דער פאַרטיידיגונג פון

דער תורה, פאַר דער קדושה פון אידישן פאָלק, קעגן די אינערליכע און אויסערליכע שונאים.

נישט נאָר די יוונים זענען קעגן אונז אויפגעשטאַנען אין יענע טעג, נאָר אויך זינדיגע אידן, וועלכע האָבן זיך געוואָלט גלייכן צו די גריכן; זיי האָבן געוואָלט איבערנעמען די העלעניסטישע קולטור און זיך אַסימילירן מיט די שונאי ישראל. די דאָזיגע אידן האָבן געוואָלט פאַרטוישן די אייביגע געטליכע תורה אויף דער קולטור פון די גוים.

און טאַקע אויך קעגן זיי זענען אויפגעשטאַנען די חשמונאים. ווי די לויים נאָכ'ן חטא פון עגל אין דער מדבר, האָבן אויך די חשמונאים נישט געקוקט ווער דאָס איז. אפילו ווען דאָס איז געווען אַ פאָטער אָדער אַ ברודער, און זיי האָבן מיט אייפער געקעמפט פאַר ג-ט און זיין תורה.

אַ סך, גאָר אַ סך, קען מען לערנען פון אָט די חנוכה ליכטלעך.

אדרבא, זעט אַליין, אויף וועלכן טאָג האָט מען באַשטימט דעם חנוכה יום טוב? נישט אין דעם טאָג ווען עס איז אויסגעפאַלן דער מיליטערישער זיג איבער די יוונים; נישט אין דעם טאָג ווען מתתיהו כהן גדול און זיינע קינדער האָבן פאַרטריבן די גריכן פון לאַנד. ניין, דער יום טוב איז באַשטימט געוואָרן אינעם טאָג ווען די אידן האָבן אָפּגערייניגט דאָס בית המקדש און באַנייט דאָס אָנצינדן פון דער מנורה.

דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס אידישע פאָלק איז נישט קיין פאָלק פון קאַמף, אַ פאָלק פון דער שווערד. מיר זענען אַ פרידליך פאָלק. אַלץ וואָס אידן ווילן איז, אַז מען זאָל זיי לאָזן צורו און נישט שטערן צו גיין אין וועג פון השם יתברך און זיין תורה.

יאָ, אַ סך דאַרף מען לערנען פון די הייליגע חנוכה ליכטלעך.

ווייניג אין צאָל זענען געווען די חשמונאים. נישט נאָר זענען זיי געווען אַ קליינע צאָל אין פאַרגלייך מיט די יוונים, נאָר קליין איז אויך געווען זייער צאָל אין פאַרגלייך מיט די אָפּגעפרעמדטע אידן, די אַסימילירטע העלעניסטן. אָבער זיי האָבן נישט רעזיגנירט און נישט

פארצווייפלט. זיי זענען דאך געווען גרייט צו קעמפן. זיי האבן זיך נישט געשעמט ארויסצוגיין אין גאס און דעמאנסטרירן זייער אידישקייט, מיט זייער אידישן לשון, מיט זייער אידישער הלבשה, מיט זייער אידישער אנדערשקייט.

און דער סוף? דער סוף איז געווען אז זיי האבן געזיגט, מיט דער הילף פון השי״ת.

# די צוואה פון מתתיהו

ווען מתתיהו דער כהן גדול האט דערפילט אז זיינע כוחות פארלאזן אים און אז זיינע טעג זענען געציילטע, האט ער צוזאמענגערופן זיינע פינף זין און צו זיי געזאגט:

„שלעכטע טעג קומען איצט אויף דעם כלל ישראל. דעריבער רוף איך אייך, מיינע זין, שטייט אויף צום קאמף פאר ג-ט און זיין תורה. שוינט נישט אייער אייגן לעבן, נאר זייט גרייט זיך מקריב צו זיין פאר דעם בונד וואס ג-ט האט געשלאסן מיט אייערע עלטערן.

„פארקוקט אייך אויף די מעשים פון אייערע אור-עלטערן אין די אמאליגע צייטן, און זיי וועלן זיין פאר אייך א כבוד און א פראכט פאר אלע שפעטערדיגע דורות.

„אברהם אבינו האט זיך געלאזט פון נמרוד'ן אריינווארפן אין קאלך-אויוון, פאר זיין אמונה אין אויבערשטן, און ער איז דערפאר דער שטאם-פאטער פון אידישן פאלק; יוסף הצדיק האט אפגעהיטן ג-ט'ס מצוות אויך דעמאלט ווען ער איז געווען אין געפאנגענשאפט, און מען האט אים דערפאר באלוינט מיט דעם וואס ער איז געווארן א קעניג איבער מצרים; פנחס האט זיך אנגענומען פאר ג-ט'ס מצוות, און דערפאר איז ער און זיינע קינדער געווארן כהנים; יהושע בן נון האט אפגעהיטן ג-ט'ס מצוות, און ער איז דערפאר געווארן דער מנהיג פון די אידן און ער האט זיי אריינגעפירט קיין ארץ ישראל; כלב האט זיך אנטקעגנגעשטעלט די מרגלים און געזאגט דעם אמת, און ער איז דערפאר באלוינט געווארן; דוד איז געגאנגען אין גוטן וועג, און ער האט זוכה געווען צו דער קרוין פון מלכות אויף אייביג;

אליהו האָט זיך איינגעשטעלט פאַר ג־ט׳ס כבוד קעגן די נביאי הבעל און ער איז אויפגעגאַנגען אין הימל; חנניה מישאל און עזריה האָבן געהאַט בטחון אין השי״ת, און זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן פון ברענענדיגן אויוון; אויך דניאל איז אַרויס גאַנץ פון לייבן־גרוב, דערפאַר ווייל ער איז מיט זיין גאַנצן האַרץ געווען צום רבונו של עולם.

„געדענקט דעריבער, מיינע קינדער, די געשעענישן פון אַלע פריערדיגע דורות, וועט איר זען, אַז ווער עס פאַרזיכערט זיך אין השי״ת, ווערט אַרומגערינגלט און באַשיצט מיט חסד.

„און איצט, האָט נישט קיין מורא און שרעקט אייך נישט פאַר׳ן צאָרן און כח פון רשע. זיין גאַנץ גרויסקייט איז ווי דער היישעריק פון פעלד. היינט קומט ער מיט אַ שטורעם, אָבער מאָרגן איז ער פאַרשוואונדן. דעריבער, מיינע זין, שטאַרקט אייערע הערצער אין ג־ט׳ס תורה, און ג־ט וועט אייך דערהויבן״.

# יהודית

## א

די דאָזיגע געשיכטע האָט פּאַסירט אין די טעג פון חשמונאים.

די שטאָט בתול, אין ארץ ישראל, איז געוואָרן באַלאַגערט פון דעם שונא׳ס מיליטער. אָנגעפירט מיט דער באַלאַגערונג האָט אַ סירישער גענעראַל מיט׳ן נאָמען אליפארנא. דער דאָזיגער גענעראַל איז געווען באַרימט מיט זיין אכזריות. ווען ער האָט פאַרנומען אַ שטאָט, האָט ער נישט געהאָט קיין רחמנות אפילו אויף פרויען און קינדער. די אידן פון דער שטאָט האָבן דעריבער געקעמפט מיט די לעצטע כוחות בכדי נישט צו דערלאָזן אַז אליפארנא זאָל איינעמען בתול.

אָבער די כוחות פון אליפארנא זענען געווען אַ סך שטאַרקער ווי די אידישע. זיי האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט אַזוי שטאַרק, אַז מען האָט נישט געקענט אַריין און נישט אַרויס. עס האָט אָנגעהויבן אויספעלן שפּייז און וואַסער און די שטאָט־איינוואוינער האָבן מער נישט געהאַט קיין כח דאָס אויס־צוהאַלטן. זיי זענען זיך דעריבער צוזאַמענגעקומען אויפ׳ן גרויסן מאַרק פּלאַץ און געפאָדערט פון דעם שטאָט־הויפּט עוזי׳ און זיינע ראַטגעבער, אַז מען זאָל זיך אונטערגעבן.

עוזיה האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט געוואוסט, אַז אליפארנא מיט זיין אַרמיי זענען פיל שטאַרקער פון די אידן. ער האָט אָבער געהאָפט, אַז השי״ת וועט שיקן עפּעס אַ נס און די אידן וועלן געהאָלפן ווערן. האָט ער דעריבער געענטפערט צו די אידן: „גיט אונז נאָך פינף טעג צייט. אויב ביז דעמאָלט וועט די ישועה חלילה נישט קומען, וועלן מיר זיך דאַן אונטערגעבן...״

די אידן פון שטאָט זענען אַוועק אַהיים. געבליבן איז נאָר איין פרוי, יהודית, די טאָכטער פון יוחנן כהן גדול. יהודית איז געווען אַן אלמנה. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט זי געהאָט פאַרלוירן איר מאַן מנשה. פון דעמאָלט אָן האָט זי זיך אָפּגעזונדערט פון לעבן און פאַרבראַכט איר צייט אין תפילה

צו ג־ט. זי האָט פאַרטיילט אַ סך צדקה, עוסק געווען אין ביקור חולים, און איז געווען באַרימט מיט איר פרומקייט, באַשיידנקייט און חן.

— איך קום צו אייך מיט אַ פּלאַן, — האָט זיך יהודית געווענדעט צו עוזיה׳ן. — איך וויל איר זאָלט מיר דערלויבן אַרויסצוגיין פון דער שטאָט צוזאַמען מיט מיין דינסט. איך וויל גיין צו אליפארנא. אפשר וועט ג־ט העלפן און שיקן די ישועה דורך מיר.

— וואָס רעדסטו, יהודית? — האָט עוזי׳ און די אַנדערע שטאָט־עלטסטע געזאָגט, — ווי קענסטו דאָס טאָן?

— פאַרוואָס נישט? — האָט יהודית געענטפערט — דער אויבערשטער האָט שוין פריער אַמאָל געשיקט זיין ישועה צו אידן דורך אַ פרוי. געדענקט נאָר די מעשה מיט יעל און ווי ג־ט האָט איבערגעגעבן סיסרא׳ן אין איר האַנט...

עוזי׳ און די אַנדערע זקנים האָבן געפּרואווט אָפּרעדן יהודית׳ן פון איר געוואָגטן באַשלוס. אָבער יהודית איז געווען אַנטשלאָסן דורכצופירן איר פּלאַן, און די זקנים האָבן איר געגעבן זייער ברכה.

— זייט מתפלל פאַר מיר און פאַר מיין שליחות, — האָט יהודית געזאָגט ווען זי איז אַוועק אַהיים.

ב

יהודית איז אַרויס פון דער שטאָט, אויסגעפּוצט אין אירע שענסטע קליידער, וועלכע זי האָט שוין נישט געהאַט געטראָגן זינט איר מאַן איז געשטאָרבן. נעבן איר איז געגאַנגען איר דינסט, טראָגנדיג אַ קויש מיט ברויט, קעז און פלעשער פון שטאַרקן וויין.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום לאַגער פון אליפארנא׳ס אַרמיי, זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן פון זיינע סאָלדאַטן.

— מיר האָבן אַ וויכטיגע ידיעה פאַר אייער גענעראַל. פירט אונז גלייך צו אליפארנא — האָט יהודית געזאָגט מיט אַ זיכערער שטימע.

יהודית איז אַריינגעפירט געוואָרן צו אליפארנא, וועלכער איז געזעסן מיט זיינע אָפיצירן און געטרונקען.

— ווער ביסטו און וואָס ביסטו געקומען? — האָט אליפארנא געפרעגט.

— איך בין אַ פרוי פון בתול. איך בין געקומען דיר ברענגען אַ ידיעה וויאַזוי דו קענסט איינעמען די שטאָט — האָט יהודית געענטפערט.

יהודית האָט דאָן דערציילט, אַז דאָס לעבן אין שטאָט איז איר נמאס געוואָרן און זי האָט אונטערגעקויפט די וועכטער פון די שטאָט טויערן, מען זאָל זי אַרויסלאָזן. זי האָט גערעדט וועגן אליפארנאַ׳ס גרויסע העלדישקייטן און אַז זי איז געקומען זיך צו באַקענען מיט אים, האָפנדיג אַז ער וועט זי לאָזן לעבן ווען ער וועט איינגעמען די שטאָט.

ווייטער האָט יהודית דערציילט, אַז אין דער באַלאַגערטער שטאָט איז די לאַגע אַ שווערע. עס הערשט הונגער און דורשט. אָבער די אידן האָבן נאָך נישט פאַרלוירן זייער בטחון אין ג־ט. כל זמן זיי פאַרלאָזן זיך אויף ג־ט, וועט ער, אליפארנאַ, די שטאָט נישט קענען באַזיגן. אָבער דאָס וועט לאַנג נישט דויערן. די כשר׳ע שפייז איז שוין באַלד אויפגעגעסן. באַלד וועלן אידן אָנהויבן עסן טמאַ׳דיגע בהמות. דאַן וועט ג־ט׳ס צאָרן קומען אויף זיי און ער וועט די שטאָט איבערגעבן אין די הענט פון אליפאַרנאַ.

— איך וויל מיך ראַטעווען — האָט יהודית ווייטער געזאָגט. — איך האָב אָפּגערעדט מיט די וועכטער, אַז זיי וועלן מיך אַרויסלאָזן יעדן אָוונט, און איך וועל דיר ברענגען די לעצטע נייעס פון דער שטאָט. איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז דערפאַר וועסטו שוינען אויך זייערע לעבנס ווען די שטאָט וועט פאַלן.

אליפאַרנאַ איז געווען ווי פאַרכישופט פון דער אומדערוואַרטעטער באַגעגעניש מיט דער שיינער פרוי. „אויב דו זאָגסט מיר דעם אמת, און דו וועסט מיר העלפן איינגעמען די שטאָט, וועל איך דיך נעמען פאַר מיין פרוי״ — האָט אליפאַרנאַ געזאָגט. באַלד האָט ער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז מען זאָל יהודית׳ן און איר דינסט לאָזן אַרויסגיין יעדן אינדערפרי און צוריקקומען אין לאַגער יעדן אָוונט.

ג

דעם דריטן אָוונט האָט אליפאַרנאַ איינגעלאַדן יהודית׳ן צו אַ סעודה ביי אים אין געצעלט. ער האָט געזאָגט אַז קיינער זאָל נישט אַריינקומען צו אים ביז ער וועט רופן.

אליפאַרנאַ האָט יהודית׳ן אויפגענומען מיט גרויס פריינטליכקייט. אַ טיש איז געווען געדעקט מיט די בעסטע מאכלים און געטראַנקען. אָבער יהודית האָט געזאָגט, אַז זי האָט מיטגעבראַכט איר שפייז און וויין, וואָס זי אַליין האָט צוגעגרייט און וואָס איז פיל בעסער און געשמאַקער.

דער קעז וואָס יהודית האָט מיטגעבראַכט איז טאַקע געווען געזאַלצן,

אָבער זייער געשמאַק. אליפארנא האָט זיך דערמיט אָנגעגעסן אַ פולן בויך. עס האָט אים אָנגעפאַנגען דורשטן, און ער האָט געטרונקען דעם ווײַן. אויך דער ווײַן איז געווען זייער שמאַקהאַפטיג און אליפארנא האָט געטרונקען איין גלאָז נאָכ׳ן אַנדערן. באַלד איז ער געוואָרן טויט שיכור און איז איינגעשלאָפן.

ווען אליפארנא איז שוין איינגעזונקען אין טיפן שלאָף, האָט יהודית גענומען זאָגן אַ תפילה צו השי״ת:

— שטאַרק מיך, גרויסער ג־ט, בלויז דאָס איינע מאָל, — האָט יהודית געזאָגט די זעלבע תפילה וואָס שמשון הגבור האָט אַמאָל געזאָגט. זי האָט זיך אָנגענומען מיט אַלע כוחות און איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט, וואו עס האָט געהאנגען אליפארנא׳ס שווערד. נישט קלערנדיג לאַנג, האָט זי אַראָפּ־געלאָזט די שאַרפע שווערד אויף אליפארנא׳ס האַלדז און אָפּגעשניטן זיין קאָפּ. זי האָט איינגעוויקלט דעם קאָפּ אין איר שלייער און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען פון לאַגער, ווי אין די פריערדיגע אָוונטן, פונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

צוריקקומענדיג אין דער שטאָט איז זי תיכף אַוועק צו עוזי׳ און האָט אים געוויזן וואָס זי האָט געבראַכט. „איצט אייל זיך צו״ — האָט זי געזאָגט. באַפעל דיינע מענטשן צו מאַכן אַן אָנגריף. אליפארנא׳ס סאָלדאַטן וועלן צעטומלט ווערן. זיי וועלן לויפן צו זייער גענעראַל און וועלן אים געפונען אָן אַ קאָפּ. זיי וועלן צעמישט ווערן און זיך צעלויפן אין שרעק. און דאָס וועט זיין אונזער נצחון.

אַזוי איז טאַקע געווען. די שטאָט בתול איז געראַטעוועט געוואָרן אַ דאַנק דער פרומער און העלדישער פרוי יהודית.

* * *

ווייל דאָס נס איז געשן דורך די מילכיגע מאכלים וואָס יהודית האָט געגעבן צו עסן פאַר אליפארנא, דעריבער איז אַ מנהג, אין געוויסע ערטער, צו עסן חנוכה מילכיגע מאכלים.

# דער רמב״ם

במעט יעדער פון אייך האָט שוין אַמאָל געהערט דעם נאָמען „רמב״ם״. ביי פילע פון אייך אינדערהיים, געפינט זיך אַ רמב״ם אין ספרים־שאַנק באַלד נעבן דעם ש״ס. און אויב איר האָט אַמאָל אונטערגעהערט ווי אידן בני־תורה און תלמידי חכמים שמועסן, האָט איר זיכער געהערט ווי זיי זאָגן: „דער רמב״ם זאָגט״, „דער רמב״ם ענטפערט״, אָדער „ס׳איז אַ שווערער רמב״ם״.

דער נאָמען רמב״ם נעמט זיך פון די ראשי תיבות פון די ווערטער רבינו משה בן מיימון — אונזער רבי משה דער זון פון מיימון, — וועלכער האָט געלעבט מיט בערך אַכט הונדערט יאָר צוריק און איז געווען איינער פון די גרעסטע און הייליגסטע אידישע חכמים פון אַלע דורות.

דער רמב״ם איז געבוירן געוואָרן אין אַן ערב פסח, אין יאָהר תתצ״ג, אין דער שטאָט קאָרדאָווא אין שפּאַניען. ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד האָבן אַלע געזען אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גדול בישראל. זיין פאָטער רבי מיימון, וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער תלמיד חכם, האָט זיך דעריבער גאָר אַ סך אָפּגעגעבן מיט זיין זון און מיט אים כסדר געלערנט.

ווען דער רמב״ם איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, איז די שטאָט איינ־גענומען געוואָרן פון די אַראַבישע אלמוחדים, וועמענס קעניג האָט אַרויס־געגעבן שלעכטע גזירות אויף די אידן. רבי מיימון און די גאַנצע משפחה זענען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן קאָרדאָווא. זיי זענען אַוועק קיין מאַראָקאָ און זיך באַזעצט אין דער שטאָט פעס. אָבער אויך דאָרט האָבן זיי נישט געקענט לאַנג פאַרבלייבן, ווייל די מאַכטהאַבער האָבן נישט געלאָזט די אידן לערנען תורה און מקיים צו זיין מצוות. די משפחה פון רבי מיימון האָט ווידער־אַמאָל געמוזט אָנהייבן צו וואַנדערן.

עס איז נישט געווען לייכט צו וואַנדערן אין יענע טעג. נישט געווען נאָך דעמאָלט קיין עראָפּלאַנען אָדער באַנען. מ׳איז געווען צופרידן, אַז מ׳האָט געקענט האָבן אַן אייזל. בייטאָג איז געווען הייס און ביינאַכט האָבן געלויערט ווילדע חיות, אָדער באַנדיטן. אויך צו עסן און וואַסער צו טרינקען איז נישט געווען גענוג. ווער האָט שוין אין אַזאַ מצב געקענט טראַכטן וועגן לערנען?

אָבער דער יונגער ר׳ משה בן מיימון האָט אויך אויפ׳ן וואַנדער־וועג נישט אויפגעהערט לערנען תורה. וואו ער איז געקומען האָט ער זיך קודם כל פאַרשאַפט ספרים און געשלונגען מיט דורשט יעדעס וואָרט פון דער תורה.

נאָך לאַנגע וואַנדערונגען איז די משפחה פון רבי מיימון אָנגעקומען קיין ארץ ישראל. פאַר אַ קורצער צייט האָבן זיי געוואוינט אין חברון און אין ירושלים. אָבער אויך דאָרט האָבן זיי נישט געהאַט קיין מנוחה. זיי האָבן דעריבער אָנגענומען די איינלאַדונג פון די אידן אין מצרים און זיך באַזעצט אין דער הויפטשטאָט קאַירא. דאָרט איז נפטר געוואָרן רבי מיימון.

רבי משה בן מיימון איז געזעסן אין קאַירא און געלערנט תורה. ער האָט געלערנט אַליין און אויך מיט אַנדערע. ווען ער איז אַלט געוואָרן דריי און דרייסיג יאָר האָט ער פאַרענדיגט דאָס אָנשרייבן אַ פירוש אויף משניות. צוליב דעם וואָס עס זענען דעמאָלט געווען אַ סך רדיפות אויף אידן, האָבן נישט אַלע אידן געקענט לערנען. אַ סך אידן האָבן דורך דעם געהאַט פאַרגעסן לשון הקודש. דער רמב״ם האָט דעריבער אָנגעשריבן זיין פירוש צום משניות אין דער אַראַבישער שפּראַך, אַזוי אַז אַלע אידן זאָלן ווידער קענען לערנען און פאַרשטיין די תורה שבעל פה. אַביסל שפּעטער איז דער פירוש פון רמב״ם געוואָרן איבערגעזעצט אויף לשון הקודש. און אידן לערנען דעם פירוש ביז׳ן היינטיגן טאָג.

עטליכע יאָר איז דער רמב״ם געזעסן מיט מנוחה, געלערנט און געשריבן זיינע הייליגע ספרים, וואָס האָבן די אידן געעפנט די אויגן צו פאַרשטיין די גרויסקייט און ליכטיגקייט פון דער תורה. די גאַנצע צייט האָט ער זיך מתפרנס געווען פון דעם וואָס זיין ברודער ר׳ דוד, אַ גרויסער און רייכער סוחר, האָט אים געשטיצט. אָבער מיט זיין ברודער איז געשען אַ גרויס אומגליק. אויף איינע פון זיינע רייזעס אויפ׳ן ים, איז ער דערטרונקען געוואָרן צוזאַמען מיט׳ן גאַנצן פאַרמעגן. די דאָזיגע שווידערליכע פאַסירונג האָט דעם רמב״ם גאָר שטאַרק צעבראָכן און דערשלאָגן. אויסער דעם איז דער רמב״ם צוליב דעם געבליבן אָן פרנסה. ער האָט זיך האָט טיילווייז אַרויס־געהאָלפן מיט דעם וואָס ער האָט געהיילט קראַנקע און דערפון געלעבט אין גרויס דחקות.

ווען דער הערשער פון מצרים, דער קאַליף פון קאַירא, האָט זיך דערוואוסט ווי וואונדערליך דער רמב״ם היילט קראַנקע, האָט ער אים געמאַכט

פאַר זיין לייב־דאָקטאָר. דער רמב״ם האָט געמוזט טעגליך קומען אין זיין פּאַלאַץ און אַכטונג געבן אויפ׳ן געזונט פון קאַליף, און פון זיין משפחה און געהילפן. אָבער טראָצדעם וואָס דער קאַליף האָט דעם רמב״ם גוט באַלוינט, האָט דער רמב״ם אויך געהיילט אַלע אַנדערע קראַנקע וואָס זענען צו אים געקומען נאָך מעדיצינישע הילף. ספּעציעל האָט ער געהיילט אָרימע מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן אַנדערע דאָקטוירים. זיין האַרץ איז געווען פול מיט רחמנות צו יעדן מענטש.

אויסער זיין גאונות איז ער אויך באַרימט געוואָרן מיט זיינע רפואות. מען האָט זיך נאָכדערציילט וואונדער וויאַזוי דער רמב״ם היילט מענטשן, וועמען אַנדערע דאָקטוירים האָבן מער נישט געקענט היילן. אָבער דער רמב״ם האָט זיך נישט געהאַלטן גרויס דערמיט. דער רמב״ם, טאַקע דערפאַר וואָס ער איז געווען דער גרעסטער געלערנטער פון זיין צייט, האָט ערשט געוואוסט ווי קליין עס איז דער מענטש לגבי דער חכמה פון השם יתברך. ער האָט תמיד געדענקט, אַז דער אויבערשטער איז דער אמת׳ער רופא חולים. דער דאָקטאָר איז נאָר אַ שליח פון השם יתברך. פאַר דעם וואָס ער האָט זיך גענומען צו היילן אַ קראַנקען, האָט דער רמב״ם געזאָגט אַ הייסע תפילה צום רבונו של עולם, און ער האָט געבעטן צו זיין אַ גוטער שליח און צו קענען צופאַסן די ריכטיגע רפואה פאַר יעדער קראַנקהייט.

בייטאָג איז דער רמב״ם געווען אין פּאַלאַץ פון קעניג, און נאָכמיטאָג זענען צו אים געקומען קראַנקע פון דער שטאָט און פון דער גאַנצער געגנט אַרום. דאָך האָט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען תורה. יעדע מינוט וואָס ער איז געווען פריי פון זיין אַרבעט, האָט ער געלערנט און געטראַכט פון תורה. דרייצן יאָר שפּעטער האָט דער רמב״ם באַוויזן אָנצושרייבן זיין גרויסן חיבור „משנה תורה״. דאָס איז נישט איין ספר, נאָר אייגנטליך פערצן ספרים. דער רמב״ם האָט עס אַ נאָמען געגעבן „יד החזקה״, וואָרים „יד״ (יו״ד דל״ת) באַטרעפט פערצן. ווען אַ איד אַ למדן זאָגט סתם „דער רמב״ם״, מיינט ער טאַקע די „משנה תורה״ אָדער „יד החזקה״.

די משנה תורה איז אַ ספר אין וועלכן דער רמב״ם האָט צוזאַמענגענומען אַלע מצוות וואָס דער אויבערשטער האָט געגעבן די אידן דורך דער תורה שבכתב און דורך דער תורה שבעל פה און זיי צונויפגעשטעלט אין אַזאַ סדר, אַז יעדער זאָל זיי לייכט קענען געפונען און קלאָר פאַרשטיין דעם דין.

מיט׳ן דאָזיגן ספר איז דער רמב״ם געוואָרן נישט נאָר דער רבי פון די אידן אין מצרים, נאָר דער רבי פון די אידן אין דער גאַנצער וועלט. און נישט נאָר דער רבי פון זיין צייט, נאָר אויך דער רבי פון אידן פון אַלע שפּעטערדיגע דורות. אַלע חכמים אין זיין צייט, האָבן מודה געווען, אַז דער רמב״ם איז דער גרעסטער פון זיי און מען דאַרף זיך צוהערן צו אַלעם וואָס ער זאָגט.

דער אויבערשטער האָט אויך שפּעטער געבענטשט דעם כלל ישראל מיט גרויסע חכמים און גאונים. אָבער דאָס ספר פון רמב״ם איז געבליבן דער יסוד אויף וועלכן אַלע האָבן געבויט. ביז דעם היינטיגן טאָג לערנען אַלע לומדים און תלמידי חכמים דעם רמב״ם, כדי צו וויסן און פאַרשטיין וואָס די תורה פאַרלאַנגט פון אונז.

דער רמב״ם האָט נאָך אָנגעשריבן אַ סך אַנדערע ספרים. אַלע פון זיי זענען באַרימט און אַלע אידן האַלטן זיי טייער און הייליג.

אין זיין צייט איז שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן דורך די אַראַבישע געלערנטע די פילאָזאָפישע וויסנשאַפט. אַ טייל אידן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין אָט דער וויסנשאַפט און אָנגעהויבן פרעגן קשיות אויף דער תורה און אויף דער אמונה. כדי די דאָזיגע פאַרפירטע צוריקצופירן אויפן אידישן וועג, האָט דער רמב״ם אָנגעשריבן אַ ספר „מורה נבוכים״ — „אַ לערער פאַר די בלאָנ־דזשענדיקע״. דער רמב״ם וועלכער איז געווען געלערנט אין אַלע וויסנשאַפטן, ווייזט אויף אין דאָזיגן ספר ווי פאַלש עס זענען די טענות פון די פילאָזאָפן. מיט שטאַרקע ראיות באַווייזט דער רמב״ם, אַז די אידישע תורה איז אמת און גרעסער פון אַלע חכמות. אויך דאָס דאָזיגע ספר האָט ער געשריבן אין אַראַביש, כדי עס זאָלן קענען פאַרשטיין די וואָס זענען פאַרפירט געוואָרן דורך די שריפטן פון די אַראַבישע געלערנטע.

פון איבעראַל וואו אידן האָבן געוואוינט האָט מען געשריבן צום רמב״ם אָנפרעגנדיג פאַרשידענע שאלות און ער האָט אַלעמען געענטפערט מיט זיינע בריוו.

אין יענער צייט איז אין תימן אויפגעקומען אַ פאַלשער משיח. די אידן אין תימן האָבן דעמאָלט געלעבט אין גרויס שרעק און צרות, צוליב די שרעקליכע גזירות און רדיפות וואָס זיי האָבן געליטן פון די מאַכמעדאַנער. און ווען עס איז געקומען אַ מאַן, און ער האָט פּראָקלאַמירט אַז ער איז משיח און אַז ער וועט זיי אויסלייזן פון גלות און פון זייערע צרות און יסורים,

האָבן אַ טייל אידן געגלויבט אַז וואָס דער דאָזיגער מאַן זאָגט איז אמת, און זיי האָבן אים אָנגענומען אַלס משיח. די חכמים און מנהיגים פון די תימנער אידן זענען געווען שטאַרק פאַרצווייפלט, איבער דעם וואָס אַ גרויסער עולם לאָזט זיך נאַרן פון אַ פאַלשן משיח, און זיי האָבן זיך דעריבער געווענדעט צום רמב״ם ער זאָל באַלייכטן דעם וועג פאַר די בלאָנדזשענדיקע.

דער רמב״ם האָט דעמאָלט געשריבן אַן לאַנגען אויספירליכן בריוו (באַקאַנט מיט דעם נאָמען „אגרת תימן״ — דער בריוו קיין תימן). אין יענעם באַרימטן אגרת תימן קלערט זיי אויף דער רמב״ם אויספירליך, אַז מען טאָר זיך נישט לאָזן מיטרייסן מיט די פאַרפירערישע באַרימערייען פון צעדרייטע און אומפאַראַנטוואָרטליכע פאַרשוינען, וועלכע נוצן אויס די שווערע לאַגע פון אידישן פאָלק און זיי געבן זיך אָן אַלס „משיח״. דער רמב״ם האָט זיי געגעבן די סימנים וואָס די תורה הקדושה און די היילגע תנאים האָבן אָנגעזאָגט צו וויסן ווער עס איז משיח. און ער האָט זיי געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן זיך לאָזן פאַרפירן פון די פאַלשע משיחים, וועלן זיי חס ושלום ברענגען אויף זיך און אויפ׳ן גאַנצן כלל ישראל פרישע צרות און רדיפות.

אין דעם אגרת תימן שרייבט דער רמב״ם אַז די גאולה פון אידישן פאָלק מוז קומען נאָר פון הימל פון השם יתברך אַליין, און מען טאָר נישט אַליין גאָרנישט טאָן כדי פון זיך אָראָפּצוּוואַרפן דעם עול פון גלות. ער האָט זיי דערמאָנט די האַרבע שבועות, מיט וועלכע דער אויבערשטער האָט באַשוואוירן דאָס אידישע פאָלק נישט צו באַפרייען זיך פון גלות אַליין, און נישט צו נעמען זיך אַ גאולה מיט אייגענע הענט, ביז השם יתברך וועט שיקן דעם אמת׳ן גואל צדק משיח בן דוד אונז אויסצולייזן און דעמאָלט וועט דאָס אידישע פאָלק צוריקקריגן זיין הערשאַפט און מלוכה. און דאָס קען נאָר געשען דעמאָלט ווען אידן וועלן תשובה טאָן מיט׳ן גאַנצן האַרץ און דינען השי״ת, ערשט דעמאָלט קען זיין די אמת׳ע גאולה.

דער הייליגער בריוו פון רמב״ם האָט אַריינגעבראַכט קלאָרקייט און ליכטיגקייט צווישן די אידן פון תימן. ער האָט מיט זיין „אגרת תימן״ אַריינגעבראַכט אַ פרישן שטראַל פון האָפענונג און אַ נייַ לעבן אין די הערצער פון די תימנ׳ער אידן. די אידן פון תימן האָבן דעמאָלט פאַרפאַסט אַ ספּעציעלע תפלה אין כבוד פון רמב״ם. אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן, אין אַלע תקופות און אין אַלע דורות, ביז צו אונזערע טעג, דינט דער אגרת תימן ווי אַ לייכט טורעם פאַר ערליכע אידן, נישט צו ווערן פאַרבלענדעט

פון פאַלשע לאָזונגען איבער „גאולה״ און „ממשלה״ וואָס קומט נישט דורך משיח צדקנו.

צו פינף און זיבעציג יאָר איז דער רמב״ם נפטר געוואָרן. זיין פטירה האָט געמאַכט טרויערן די אידן אין דער גאַנצער וועלט. אין מצרים האָבן אפילו די מאַכמעדאַנער נאָך אים געטרויערט דריי טעג. ווען די ידיעה וועגן זיין פטירה איז אָנגעקומען קיין ירושלים, האָבן די דאָרטיגע אידן זיך געריסן קריעה. אין די בתי מדרשים אין ירושלים האָט מען אַרויסגענומען די ספרי תורה׳ס, און פאַר גרויס טרויער האָט מען געלייענט די פרשה פון דער תוכחה.

דעם הייליגן גוף פון רמב״ם האָבן די אידן פון מצרים אַריבערגעפירט קיין ארץ ישראל און אים געבראַכט צו קבורה אין דער שטאָט טבריה. און אויף זיין מצבה איז אויפגעשריבן: „ממשה ועד משה לא קם כמשה״ — פון משה רבינו ביז משה בן מיימון איז נישט געווען אַזאַ גרויסער משה.

# עשרה בטבת

דער צענטער טאָג אין חודש טבת איז אַ פאַסט־טאָג, אָדער ווי מען רופט עס אַ **תענית ציבור**. דערוואַקסענע מענטשן פאַסטן אין דעם טאָג ביז אין אָוונט.

דער דאָזיגער תענית איז לזכר אַ שרעקליכער פאַסירונג וואָס איז פאַרגעקומען עשרה בטבת. אין דעם טאָג האָבן די אַרמייען פון בבל דערגרייכט די טויערן פון ירושלים, אַרומגערינגלט די שטאָט און זי באַלאַגערט פאַר גאַנצע דריי יאָר. דאָס איז געווען דער אָנפאַנג פון חורבן ירושלים און פון חורבן בית המקדש.

אַכטהונדערט און פופציג יאָר האָבן די אידן געלעבט אין ארץ ישראל, זינט יהושע האָט זיי אַריינגעפירט אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד. וואָלטן די אידן געפאָלגט די הייליגע תורה און אָפּגעהיטן אירע מצוות, זיך צוגעהערט צו די שטראָף־רייד פון די נביאים, דאַן וואָלטן זיי קיינמאָל נישט פאַרטריבן געוואָרן פון לאַנד. אַזוי האָט דער אויבערשטער צוגעזאָגט אין דער תורה. אָבער די אידן האָבן נישט תמיד אויס־געפאָלגט וואָס די תורה האָט זיי געבאָטן, און דעריבער זענען אויף זיי געקומען אַ סך צרות.

נאָכדעם ווי די אידן האָבן איינגענומען ארץ ישראל, האָבן זיי אַ סך מאָל פאַרגעסן וואָס די תורה האָט זיי אָנגעזאָגט. זיי האָבן זיך פאַרקוקט אויף די גויים, וואָס האָבן געוואוינט אין די שכנות'דיגע לענדער און אָנגעהויבן נאָכגיין זייערע וועגן. אַ סך מאָל האָבן זיי אפילו געדינט די גוי'אישע אָפּגעטער. זיי האָבן בכלל נישט געפירט אַזאַ הייליג און גערעכט לעבן ווי דער אויבערשטער האָט זיי אָנ־געזאָגט אין דער תורה.

השם יתברך האָט זיי נישט געוואָלט באַלד באַשטראָפן. האָט ער זיי געשיקט הייליגע נביאים, וועלכע האָבן גערופן דאָס פאָלק אָפּצוקערן זיך פון די שלעכטע וועגן. די נביאים האָבן אויך געוואָרנט,

אַז השי״ת וועט זיי שווער באַשטראָפן. ערשט ווען די אידן האָבן אויך די נביאים נישט געפאָלגט, האָט דער אויבערשטער אויף זיי געשיקט די שרעקליכע שטראָף.

אין לאַנד בבל, נעבן ארץ ישראל, איז אויפגעשטאַנען אַ מעכ־טיגער קעניג מיט'ן נאָמען נבוכדנצר. דער דאָזיגער קעניג האָט אויפ־געשטעלט אַ גרויסע און שטאַרקע אַרמיי און זיך אַ לאָז געטאָן איינצונעמען דאָס הייליגע לאַנד. אין צענטן טאָג פון חודש טבת, האָט ער דערגרייכט די מויערן פון ירושלים. ער האָט אַרומגערינגלט די שטאָט פון אַלע זייטן און זי באַלאַגערט פאַר גאַנצע דריי יאָר.

דער אויבערשטער האָט נישט געגעבן די אידן מער קיין כח צוריקצוטרייבן דעם שונא. אָבער ער האָט אויך נישט דערלויבט דעם שונא נבוכדנצר איינצונעמען די שטאָט. דער אויבערשטער האָט נאָך אַלץ געוואָלט געבן די אידן אַ מעגליכקייט תשובה צו טאָן. ערשט ווען השי״ת האָט געזען אַז די אידן קערן זיך נישט אָפּ פון זייערע שלעכטע וועגן, האָט ער דעם שונא געגעבן אַ פרייע האַנט. אין דער שטאָט זענען אויסגעבראָכן הונגער און קראַנקהייטן און די פאַרטיידיגער זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אַזוי אַרום איז נאָך דריי יאָר באַלאַגערן די שטאָט, געלונגען דעם שונא איינצוברעכן די מויערן פון דער שטאָט. דער הויפּט-גענעראַל פון נבוכדנצר'ס אַרמיי, נבוזראדן, האָט זיך אַריינגעריסן מיט זיין מיליטער אין דער שטאָט און זי חרוב געמאַכט און אויך פאַרברענט דאָס בית המקדש.

ווי מיר זעען אַלזאָ, איז דער צענטער טאָג פון טבת געווען דער אָנפאַנג פון דער שרעקליכער שטראָף. דער דאָזיגער טאָג איז דעריבער אַ טאָג פון פאַסטן. אין דעם טאָג דאַרפן אידישע הערצער דערוועקן צו תשובה. ווען אידן פאַסטן דערמאַנען זיי זיך יענע שרעקליכע טעג און גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז דאָס אַלץ האָט פּאַסירט צוליב דעם ווייל מען האָט געזינדיגט. אין דעם טאָג זאָגט מען סליחות און מען נעמט אויף זיך צו פאַרבעסערן די אייגענע מעשים און צו דערנענטערן זיך צום אויבערשטן. ווען אידן וועלן ווייזן מיט זייערע מעשים, אַז זיי ווילן זיך דערנענטערן צום אויבערשטן, וועט דער אויבערשטער זיך אויך דערנענטערן צו זיי. ער וועט אונז באַפרייען פון גלות און פאַרוואַנדלען דעם טאָג פון טרויער אין אַ טאָג פון פרייד.

# אַ גליקליכע משפּחה

ווען מען האָט זיך דערוואוסט אין דער גאַס, אַז ר׳ פּנחס שוואַרצמאַן ליגט אין האָספּיטאַל מיט אַ האַרץ אַטאַק, האָט קיינער פון די שכנים נישט געוואָלט גלויבן.

ר׳ פּנחס שוואַרצמאַן איז געווען באַקאַנט ווי אַ איד אַ גיבור. מען האָט דערציילט, אַז אין דער היים, אין רומעניען, וואו גויים פלעגן אָפטמאָל באַפאַלן אידן, האָבן די שטאַרקסטע שקצים פאַר אים מורא געהאַט אימת מות. ער איז געווען הויך און פעסט געבויט, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס און פינקלדיגע אויגן. ווען ער איז געגאַנגען אין גאַס, האָט מען זיינע טריט געקענט הערן פון עטליכע בלאָק אַוועק. ווער האָט עס געקענט גלויבן, אַז גראָד אָט דער שטאַרקסטער און געזונטסטער פון אַלע שכנים, ליגט מיטאַמאָל אַן אָנמעכטיגער אין האָספּיטאַל.

— וויאַזוי האָט דאָס פּאַסירט? — האָבן זיך מענטשן געפרעגט דער־שטוינטע. — ער איז דאָך קיינמאָל פריער נישט געווען קראַנק?

— דאָס זענען די זאָרגן, די שווערע דאגות פון געשעפט, וואָס האָבן אים קראַנק געמאַכט, — האָט איינער פון די שכנים זיך אַרויסגעכאַפּט.

— זאָרגן? וויאַזוי? — האָבן די אַנדערע שכנים זיך נאָך מער גע־וואונדערט. אוודאי האָבן מענטשן זאָרגן און דאגות פאַר פרנסה, אָבער ר׳ פּנחס שוואַרצמאַן איז געווען באַקאַנט ווי אַ איד אַן עושר. ער האָט געוואוינט אין אַ גרויסער באַקוועמער דירה, איינגעריכטעט מיט שענסטן און מאָדערנסטן מעבל. די פרוי האָט געטראָגן די שענסטע שייטלען און די טייערסטע צירונג, און די טעכטער האָבן געטראָגן קליידער געקויפט אין עלעגאַנטסטן דעפּאַרט־מענט סטאָר אויף דער פינפטער עוועניו. אויך צדקה האָט ר׳ פּנחס שוואַרצמאַן געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט. אַז ר׳ פּנחס שוואַרצמאַן האָט געקענט האָבן גרויסע געשעפטס זאָרגן וואָס האָבן געמאַכט קראַנק זיין האַרץ, דאָס האָט קיינער נישט געקענט פאַרשטיין.

יאָ, מען האָט געוואוסט אַז ר׳ פּנחס שוואַרצמאַן אַרבעט אַ סך שעה'ן, אַז ער קומט אַהיים יעדן טאָג זייער שפּעט, און אַז אויך פרייטאָג קומט ער אַהיים כמעט אין דער לעצטער מינוט פאַר ליכט צינדן. אָבער אין דעם

האָט קיינער נישט געזען קיין אויסטערלישעס. גרויסע מסחרים, פאָדערן אַ סך צייט.

אַז ר׳ פנחס שוואַרץ איז קראַנק געוואָרן טאַקע פון אָט די „גרויסע״ ביזנעס, איז קיינעם נישט איינגעפאַלן.

* * *

ר׳ פנחס שוואַרצמאַן איז געלעגן אין שפּיטאָל דריי וואָכן און עס איז אים לאַנגזאַם בעסער געוואָרן. אָבער דער דאָקטער אין שפּיטאָל האָט געזאָגט, אַז מר. שוואַרץ וועט מוזן רוען מינדעסטנס זעקס חדשים.

די שכנים האָבן געהאַט גרויס מיטלייד מיט דער שוואַרצמאַן משפּחה, אָבער ווען מ׳האָט געהערט, אַז ס׳איז נאָר אַ פראַגע פון זעקס חדשים, האָט זיך שוין מער קיינער נישט געקימערט. וואָס שייך פּרנסה, האָבן די שכנים געטראַכט, איז ר׳ פנחס שוואַרץ מן הסתם אויסגעזאָרגט.

אָבער, אַז עס איז אַדורך אַ וואָך און צוויי, איז מען לאַנגזאַם געוואויר געוואָרן, אַז ר׳ פנחס שוואַרצמאַנ׳ס גרויסע מסחרים, זיינען קיינמאָל נישט געווען גרויס; אַז ר׳ פנחס שוואַרצמאַן איז באמת קיינמאָל נישט געווען קיין גביר.

פאַקטיש איז עס געווען די אויפגעבלאָזענע גביר׳שאַפט וואָס האָט געמאַכט פּלאַצן ר׳ פנחס שוואַרצמאַנ׳ס שטאַרקע האַרץ.

* * *

וויאַזוי איז מען דאָס אַלץ געוואויר געוואָרן?

עטליכע וואָכן נאָכדעם ווי ר׳ פנחס שוואַרצמאַן איז גענומען געוואָרן אין שפּיטאָל, איז געקומען זיין פרוי צו אַ שכן נאָך אַ קליינע הלוואה. דער שכן ר׳ שמואל פעלדמאַן, הגם אַ איד נישט קיין גביר, האָט אפילו נישט געטראַכט קיין רגע. ער האָט איר שנעל געגעבן די פאַרלאַנגטע פופציק דאָלער, און אפילו נישט געפרעגט ווען זי וועט אים דאָס געלט צוריקגעבן. ער איז געווען זיכער, אַז אַלץ וואָס זי דאַרף טאָן, איז נאָר גיין אין דער באַנק, וואָס זי קען מן הסתם איצט נישט טאָן, ווייל זי איז באַשעפטיגט מיט׳ן מאַן אין שפּיטאָל.

אַז ס׳איז אַדורך אַ וואָך און צוויי און מרס. שוואַרצמאַן האָט נישט צוריקגעבראַכט דאָס געלט, האָט ר׳ שמואל פעלדמאַן אָנגעפרעגט אַ שכן. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מרס. שוואַרצמאַן איז שולדיג אויך דעם

אַנדערן שכן. איינער האָט געפּרעגט דעם צווייטן, און אַזוי אַרום איז מען געוואויר געוואָרן, אַז די פרוי שוואַרצמאַן איז שוין שולדיג אומעטום, אין אַלע סטאָרס און ביי אַלע שכנים.

אידן זענען בני רחמנים און לויפן נישט מאָנען ביי אַ פרוי וואָס איר מאַן ליגט אין שפּיטאָל אַ חולה מסוכן. אָבער דאָך האָט מען זיך איצט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן וועגן ר' פּנחס שוואַרצמאַנ׳ס געשעפט. וואָס הייסט? וויאַזוי איז דאָס מעגליך, אַז דאָס גרויסע געשעפט האָלט נישט אויס די שוואַרצמאַן משפחה, און אַז זי מוז לעבן פון גמילת חסדים.

אַ שכן איז אַרויפגעגאַנגען אין געשעפט פון ר' פּנחס שוואַרצמאַן, און דאָרט טאַקע האָט ער אויסגעפונען דעם גאַנצן טרויעריקן און שוידערליכן אמת.

* * *

אין געשעפט אין געזעסן אַן ענגליש רעדנדער מאַן. ער האָט זייער פריינטליך אויפגענומען מר. פעלדמאַנ׳ען, וועלכער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ באַקאַנטער פון מר. שוואַרצמאַן. מר. פעלדמאַן האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער בוכפירער פון ר' פּנחס שוואַרצמאַן, און ער האָט פון אים געוואָלט געוואויר ווערן וואָס דאָ קומט פאָר. אָבער ווי איבערראַשט איז ר' שמואל פעלדמאַן געוואָרן, ווען ער האָט געהערט, אַז דער מאַן איז גאָר אַן אָוקשאַניר, וועלכער נעמט אויף אַן אינווענטאַר פון ר' פּנחס שוואַרצמאַנ׳ס סחורה, און גרייט זיך עס צו פאַרקויפן אויף אַ ליציטאַציע, בכדי אָפּצוצאָלן די חובות פון שוואַרצמאַנ׳ס ביזנעס.

„מר. שוואַרצמאַנ׳ס געשעפט איז באַנקראָט — האָט ער געזאָגט. — באַנקראָט שוין העכער אַ האַלב יאָר, און איך קען דאָ גאָרנישט טאָן. אויב אייך קומט אויך געלט טוט מיר לייד. עס איז שוין צו שפּעט. נאָך מיט עטליכע וואָכן צוריק איז געווען אַן אַנאָנס אין דער „ניו יאָרק טיימס", אַז בעלי חובות מוזן זיך מעלדן ביז מיט אַ וואָך צוריק..."

ר' שמואל פעלדמאַן האָט ברייט אויפגעריסן זיינע אויגן. מר. שוואַרצמאַן באַנקראָט?! — האָט ער אויסגערופן ווי נישט מיט זיין שטימע — ווי איז דאָס מעגליך? ער איז דאָך אַזאַ אָנשטענדיגער מענטש, אַזאַ דזשענטלמאַן? — עס איז אים איצט נישט אָנגעגאַנגען זיינע פופציק דאָלער. אָבער ר' פּנחס שוואַרצמאַן און באַנקראָט — ווי האָט דאָס געקענט פּאַסירן?

— הערט אויס מר. פעלדמאַן, — האָט דער אָוקשאַניר רואיג און קאַלט

געענטפערט. — איך קען אייך גלויבן, אַז מר. שוואַרצמאַן איז אַן אנשטענ־דיגער מענטש. איך האָב אפילו ווייניג צייט, נאָר אויב איר ווילט, קען איך עס לייכט אויפקלערן וויאַזוי אַן אנשטענדיגער מענטש קען זיך פאַרדרייען אין אַזאַ אומגליק.

עס הויבט אַלץ אָן מיט אַ קליינינקייט. אָפטמאָל מיט נאָר פינף אָדער צען דאָלער. ווען אַ מענטש פירט אַ געשעפט מוז ער וויסן וויפיל ער קען דערפון אַרויסציען. פופציק, הונדערט, הונדערט־פופציק. אָבער ווען דער מענטש קען זיך נישט קאָנטראָלירן און נעמט אַרויס איין דאָלער מער ווי די הכנסות פון געשעפט ערלויבן, — דאַן איז דאָס דער אָנהויב פון באַנקראָט.

איך האָב דורכגעקוקט די ביכער פון מר. שוואַרצמאַנ׳ס געשעפט, — האָט דער מאַן פאַרגעזעצט. — די ערשטע וואָך האָט ער אַרויסגענומען פון געשעפט נישט מער ווי פינף דאָלער מער ווי ער האָט געמעגט. די צווייטע וואָך צען, און די דריטע צוואַנציג. דורכ׳ן ערשטן האַלבן יאָר איז עס געווען נישט מער ווי טויזנט דאָלער. אָבער די טויזנט דאָלער האָבן געפעלט און ער האָט עס זיך געבאָרגט ביי דער באַנק. דער באַנק האָט מען געמוזט צאָלן צינזן, און צינזן האָבן אַ טבע, אַז זיי וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. און אַזוי זענען די חובות געוואַקסן. בכדי צו צאָלן די חובות מיט די פּראָצענטן, האָט מר. שוואַרצמאַן גענומען נייע הלוואות, און אַזוי כסדר און כסדר. נו, ביז דאָס אַלץ האָט געפּלאַצט.

איז מר. שוואַרצמאַן נישט קיין ערליכער מאַן? חס ושלום! דאָס קען מען נישט זאָגן. ער האָט לכתחילה קיינעמס נישט צוגענומען. ס׳איז דאָך געווען זיין געשעפט. ער האָט זיך נאָר אַביסל פאַרדרייט. דאָס איבעריגע האָט זיך שוין געדרייט אַליין אָן זיין קאָנטראָל, ביז דאָס געשעפט האָט געפּלאַצט און צוזאַמען דערמיט אויך זיין האַרץ.

* * *

וויאַזוי עס איז צו דעם אַלעם געקומען, האָט דאָס איבעריגע דערציילט די פרוי שוואַרצמאַן אַליין. זי איז געזעסן ביי אַ נאַכטמאָל אין ר׳ שמואל פעלדמאַנ׳ס הויז, און דערציילט מיט רויטע פאַרוויינטע אויגן, וויאַזוי טאַקע זי, די פיינע אנשטענדיגע פרוי שוואַרצמאַן, האָט דאָס דערפירט דעם מאַן אירן צו אַ באַנקראָט און אַ האַרץ פעלער.

ווען איך וואָלט דאָס פאַראויסגעזען, וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען. אייגענטליך האָב איך גאָרנישט פאַרלאַנגט. נאָר ווען ער איז אַהיימגעקומען

אין אָוונט, האָב איך אים דערציילט, אַז ביי דער מיסיס בערגער האָט מען לעצטנס געקויפט נייע מעבל. דאָס זענען געווען מיינע גרויסע אויגן אויף די רייכערע שכנים, וואָס האָט מיך און אים אָראָפּגעפירט פון וועג. איך פלעג אים נאָר תמיד דערציילן וועגן די עלעגאַנטע שייטלען פון דער מיסיס בערגער, די נייע קליידער וואָס מיסיס שאַפּיראָ האָט געקויפט פאַר אירע טעכטער, און די טייערע באַנגאַלאָו אין וועלכער עס וואוינען די פאַמיליע הערשקאָוויטש. מיין מאַן האָט געזען ווי איך שעם זיך פאַר זיי, און אין זיין גוטסקייט, האָט ער זיך באַמיט אַז מיר זאָלן נישט בלייבן הינטערשטעליג.

איך האָב נישט געוואוסט, אַז זיין געשעפט טראָגט נישט אויף דעם אַלעם, און אַז ער ברענגט מיר יעדעס מאָל מער געלט, נאָר בכדי איך זאָל מיך נישט פילן געקרענקט לגבי די שכנ׳טעס. אוי, ווען איך וואָלט געוואוסט... וואָלט צו דעם אַלעם נישט געקומען, — האָט די פרוי שוואַרצמאַן וויינענדיג געקרעכצט.

— נאָך וואָס האָב איך דאָס אַלץ באַדאַרפט, — האָט די פרוי שוואַרצמאַן זיך ווייטער אָראָפּגערעדט פון האַרץ — ווער דאַרף איצט די אַלע טייערע מעבל, די אַלע עלעגאַנטע קליידער, אַז מיין מאַן ליגט קראַנק און אַז זיין געשעפט איז חרוב. איך האָב דאָך היינט געקענט זיין גליקליך און צופרידן. קען מען דען נישט זיין גליקליך און צופרידן מיט אַלטע מעבל? איז דען נישט גענוג אַ פּשוט׳ע אנשטענדיגע דירה און אַ פּאָר אנטשענדיגע קליידער? איך וואָלט איצט אַוועקגעגעבן מיין גאַנץ צירונג, די גאַנצע שטוב, אַלץ, יאָ, ממש אַלץ, אַבי מיין מאַן זאָל זיין געזונט און איך זאָל האָבן אַ געזונטן טאַטן פאַר מיינע קינדער!

אָט אַזוי האָט זיך די פרוי שוואַרצמאַן אָראָפּגערעדט פון האַרץ.

* * *

ר׳ שמואל פעלדמאַן און זיין משפחה, האָבן זיך ערנסט צוגעהערט צו דער פרוי שוואַרצמאַנ׳ס דערציילונג און זיי האָבן באַשלאָסן נישט צו לאָזן פאַלן די פיינע משפחה וואָס איז בלויז געשטרויכלט געוואָרן.

די שטראָף ליגט אין דער האַנט פון אויבערשטן, אָבער דער מענטש, און ווער שמועסט נאָך אַ איד, האָט אַנדערע פליכטן — האָט ר׳ שמואל פעלדמאַן געזאָגט. די תורה האָט אונז אָנגעזאָגט: „וכי ימוך אחיך״ — אויב דיין ברודער וועט פאַראָרימט ווערן; „והחזקת בו״ — זאָלסטו אים העלפן,

זאָלסט אים אונטערשטיצן. מען דאַרף זען עפּעס צו טאָן בכדי צוריקצושטעלן די שוואַרצמאַן משפחה אויף זייערע פיס.

ר׳ שמואל פעלדמאַן האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ פּאָר פריינט פון דער געגנט. אַלע האָבן זיי צונויפגעשטעלט אַ געהעריגן סכום געלט. און ווען ר׳ פנחס שוואַרצמאַן איז אַרויס פון האָספּיטאַל, האָבן זיי אים אָנגעטראָגן אַ גמילת חסד. אויף דער עצה פון רבי׳ן האָט ר׳ פנחס שוואַרצמאַן געעפנט אַ קליין געשעפט און ביסלעכווייז זיך אָנגעפאַנגען צוריק אַרויפצואַרבעטן.

איצט האָט ר׳ פנחס שוואַרצמאַן שוין מער נישט געאַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. נישט בלויז דערפאַר, ווייל דער דאָקטער האָט אים אָנגעזאָגט זיך נישט צופיל אָנצושטרענגען, נאָר פשוט דערפאַר ווייל ר׳ פנחס שוואַרצמאַן דאַרף מער נישט אַזויפיל, און דאָס וואָס ער דאַרף, טראָגט ער איצט אַרויס פון זיין געשעפט מיט נאָרמאַלער אַרבעט.

ר׳ פנחס שוואַרצמאַן קומט איצט צייטליך אַהיים אין אָוונט, און ער האָט נאָך צייט צו גיין אין בית המדרש צו דאַווענען מעריב. ווען ער קומט אַהיים קען ער אָפּעסן געמיטלעך, און ער האָט נאָך צייט צו פאַרהערן די קינדער וואָס זיי לערנען און מיט זיי צו שמועסן. ער האָט צייט צו לערנען אַ בלאַט גמרא און אויפצונעמען אַ היימישן איד אויף אַ גלאָז טיי און געמיטלעך אידישלעך צו פאַרברענגען. ער פילט זיך אויך צוריק געזונט, ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט פּאַסירט.

און די פרוי שוואַרצמאַן? — אויך זי איז איצט אַ גליקליכע און צופרידענע. זי האַלט ריין און זויבער איר הויז, און זי האָט איינגעזען, אַז ווען מען האַלט דאָס הויז אין אָרדענונג, קוקט עס תמיד אויס שיין, אפילו מיט אַלטע מעבל. זי קוקט נישט מער אויף די קליידער פון די שכנ׳טעס און די גרויסע אַנאָנסען פון די „מציאות״ אין די דעפּאַרטמענט סטאָרס. זי איז גליקליך און זי דאַנקט יעדע מינוט דעם אויבערשטן וואָס האָט איר צוריקגעקערט איר מאַן אַ געזונטן און אַרבעטס־פעאיגן און זי דאַרף נישט אָנקומען צו מענטשן.

אנשטאָט צו לויפן אין די סטאָרס, גיט זי איצט אָפּ איר פרייע צייט פאַר דער לאָקאַלער ישיבה און מיידל שולע. זי איז טעטיג אין ביקור חולים און הכנסת כלה, און דערמיט דאַנקט זי אָפּ דעם בורא עולם פאַר זיין גרויסן חסד.

אויך די טעכטער פון דער פרוי שוואַרצמאַן זענען גליקליכע, הגם

זיי קומען נישט יעדן טאָג מיט אַ ניי קלייד אין דער שולע. זייערע קליידער, זענען ריין, אָנשטענדיג און געפּרעסט. „נאָך וואָס דאַרף מען אַזויפיל קליידער?" — גיט צו פאַרשטיין צפורה׳לע. — „איך בין פריער נישט געווען גליקליכער מיט אַ סך קליידער. ס׳האָט דאָך באמת קיינמאָל קיין שיעור נישט. וואָס פאַר אַ שיין קלייד מיין מוטער האָט מיר נישט געקויפט, האָב איך נאָך אַלץ אין שוי־פענסטער געקענט זען אַ שענערס. און איך בין קיינמאָל נישט געווען גענוג צופרידן. און ווען מיין פאָטער איז, נישט מער געדאַכט, קראַנק געוואָרן, און איך בין געוואויר געוואָרן, אַז דאָס איז ער קראַנק געוואָרן ווייל ער האָט זיך אָנגעאַרבעט בכדי מיר צו קויפן אַזויפיל קליידער, האָב איך די אַלע קליידער געוואָלט פאַרברענען. איצט דאַנק איך ג־ט, אַז איך האָב אַ געזונטן טאַטן און מאַמען, אַ פיינע שטוב. עס פעלט אונז ב״ה גאָרנישט. זאָל השם יתברך אַזוי העלפן פאַר לאַנגע יאָרן".

די שוואַרצמאַן משפּחה זענען היינט ווידער אַ גליקליכע משפּחה. — און פאַקטיש, אַז מען וויל, זענען זיי אויך צוריק אַ רייכע משפּחה, ווייל זיי שטעלן זיך צופרידן מיט דעם וואָס זיי האָבן.

# חמשה עשר בשבט

חמשה עשר בשבט — פופצן טאָג אין דעם חודש שבט — איז ראש השנה פאַר די ביימער.

אין ארץ ישראל איז דער קלימאַט אַזאַ, אַז אין חודש שבט פאַנגען שוין אָן די ביימער צו בליען און שפּראָצן אַרויסצוגעבן נייע פּירות.

לויט דעם דין פון דער תורה דאַרף יעדער איד אין ארץ ישראל געבן „מעשר". פון אַלעם וואָס עס וואַקסט ביי אים דאַרף ער אוועקגעבן צען פּראָצענט פאַר דעם לוי. דער לוי גיט צען פּראָצענט פון וואָס ער האָט באַקומען פאַר דעם כהן.

די תורה האָט געוואָלט באַוואָרענען אַז מען זאָל נישט צוריקהאַלטן די מעשרות, נאָר מ'זאָל עס באַלד איבערגעבן פאַר דעם לוי און כהן, דעריבער איז דער דין, אַז דאָס מעשר וואָס מען גיט אוועק מוז זיין פון די פּירות און פון דער תבואה וואָס איז געוואַקסן אין דעם זעלבן יאָר. מען קען נישט געבן קיין מעשר פון פּירות וואָס זענען געוואַקסן דאָס יאָר אויף פּירות פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר.

דאָס יאָר פון די פּירות פון ביימער רעכנט זיך פון חמשה עשר בשבט ביז חמשה עשר בשבט, וואָס איז, ווי געזאָגט, ראש השנה פאַר די ביימער.

דעריבער איז אַ מנהג צו עסן חמשה עשר בשבט פּירות וואָס וואַקסן אויף ביימער און מען מאַכט אויף זיי די ברכה „בורא פּרי העץ". מען ציט פאַר אַזעלכע פּירות וואָס ארץ ישראל איז באַרימט מיט זיי, ווי למשל: וויינטרויבן, פייגן, מילגרוימען, איילבירטן און טייטלען. טייל זענען זיך נוהג צו עסן 15 פאַרשידענע מינים פּירות, אַלס רמז אויף דעם „פופצענטן" טאָג פון חודש שבט.

אַזוי ווי אין דעם טאָג איז ראש השנה פאַר די ביימער, זענען זיך טייל ערליכע אידן נוהג מתפּלל צו זיין, אַז השי"ת זאָל זיי צושיקן אַ שיינעם אתרוג אויף דעם קומענדיגן סוכות.

# הכנסת אורחים

אַ דאָרפס־איד אין ליטע האָט אַמאָל געהערט וועגן גרויסן צדיק דעם „חפץ חיים", און ער האָט אים געוואָלט זען. האָט ער איינגעשפּאַנט זיין פערד און וואָגן און געפאָרן קיין ראַדין, וואו דער „חפץ חיים" האָט געוואוינט.

ס'איז געווען אַ ווינטערדיגער טאָג. די וועגן זענען געווען פאַרלייגט מיט טיפע שנייען און די פערד האָבן זיך קוים געשלעפּט. ווען דער דאָרפס־איד איז אָנגעקומען קיין ראַדין, איז שוין געווען אינמיטן דער נאַכט. די גאַנצע שטאָט איז שוין געשלאָפן און דער פויער האָט נישט געוואוסט וואו צו גיין.

פּלוצילנג האָט דער דאָרפס־איד באַמערקט פון דער וויטנס אַ ליכט־שטראַל פון איינעם פון די פענסטער. „דאָס מוז זיכער זיין אַ גאַסטהויז", — האָט זיך דער דאָרפס־מאַן געטראַכט, און ער איז דאָרט צוגעפאָרן. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. באַלד איז אַרויס־געקומען אַ נידעריג אידל, מיט אַ גראָער באָרד. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ליכט.

„שלום עליכם, אַ גאַסט" — האָט דער אַלטיטשקער איד געזאָגט.

„קען איך דאָ איבערנעכטיגן?" — האָט דער דאָרפס־איד גע־פרעגט.

— זיכער — האָט דער אַלטיטשקער געענטפערט. — קומט אַריין און מאַכט אייך באַקוועם.

ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין הויז, האָט דער בעל בית גע־זאָגט: „איר זענט מסתמא הונגעריק פון וועג און אַביסל געפרוירן פון דער קעלט. איך וועל איינהייצן דעם אויוון און אייך מאַכן אַ וואַרימען מאַלצייט.

דער דאָרפס־מאַן האָט זיך געזעצט צום טיש ווי אַ גאַסט אין אַן אכסניה און דער בעל הבית האָט אים דערלאַנגט צום טיש אַ

וואַרימע זופּ און דערנאָך אַ גלאָז הייסע טיי. נאָכ'ן בענטשן האָט ער אים אויסגעבעט אַ געלעגער און אים געוואונשן אַ גוטע נאַכט און אַריינגעגאַנגען אין צווייטן צימער.

אינדערפרי איז דער דאָרפס-איד געגאַנגען אין שול אַריין נאָכ'ן דאַווענען איז ער צוגעגאַנגען צו אַ איד און אים געבעטן ער זאָל אים ווייזן דעם „חפץ חיים". דער איד האָט אים אָנגעוויזן אויף דעם אַלטיטשקען ביי וועמען ער איז געשלאָפן די לעצטע נאַכט, און וועלכער איז איצט געזעסן איינגעבויגן איבער אַ גמרא.

דאָס האַרץ פון דאָרפס-איד האָט אָנגעהויבן האַסטיג קלאַפּן פון גרוים צער און בושה. אַ פאַרשעמטער איז ער צוגעגאַנגען צום „חפץ חיים" און אים געזאָגט:

„רבי, זייט מיר מוחל. איך האָב נעכטן ביינאַכט נישט געוואוסט ווער איר זענט. ווען איך וואָלט געוואוסט, וואָלט איך מיך נישט געלאָזן פון אייך באַדינען. איך בין אַ פּשוטער דאָרפס-איד און איך האָב געמיינט אַז איר זענט דער בעל הבית פון אַן אכסניה".

דער „חפץ חיים" האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן פון דער גמרא און האָט אַ פאַרוואונדערטער אָנגעקוקט דעם דאָרפס-איד.

„פאַרוואָס דאַרף איך אייך מוחל זיין?" — האָט ער געפרעגט און ליבליך געשמייכלט. — „וואָס האָט איר מיר דען געטאָן? האָט דען נישט די תורה אָנגעזאָגט מקבל צו זיין יעדן איד פריינטליך. אוודאי בין איך אַ בעל אכסניה. יעדעס אידישע הויז דאַרף זיין אַן אכסניה פאַר אידן וואָס האָבן נישט וואו צו גיין. אַזוי האָט געטאָן אברהם אבינו. בין איך דען גרעסער און חשוב'ער פון אברהם אבינו?"

# שבת שירה

דער שבת אין וועלכן מען לייענט אין דער תורה די פּרשה פון בשלח, אין וועלכער עס געפינט זיך די „שירה" (אז ישיר), וויאַזוי די אידן זענען אַרויס פון מצרים און דורכגעגאַנגען דעם ים, וואָס משה רבינו האָט געשפּאָלטן, — ווערט אָנגערופן „שבת שירה" — דער שבת פון געזאַנג.

דער שבת ווערט אָנגערופן „שבת שירה", ווייל אין דער דאָזיגער פּרשה לייענט מען דאָס הערליכע און הייליגע געזאַנג, וואָס משה רבינו מיט די אידן האָבן געזונגען צום רבונו של עולם, נאָכדעם ווי זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן פון פּרעה און זיינע חיילות.

ווי איר ווייסט שוין פון געשיכטע לערנען, האָט פּרעה נישט נאָר דערלויבט די אידן אַרויסצוגיין פון מצרים, נאָר ער האָט זיך ממש געבעטן ביי משה רבינו ער זאָל די אידן אַרויסנעמען פון זיין לאַנד. נאָכדעם ווי ער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט דער לעצטער מכה, ביי וועלכער אַלע בכורים פון די מצריים זענען אין איין נאַכט אויסגעשטאָרבן, האָט ער זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן אַז די אידן זאָלן אַוועק.

אָבער באַלד נאָכדעם ווי די אידן זענען אַרויס פון מצרים, האָט פּרעה חרטה באַקומען. ער האָט גענומען אַ גרויסע אַרמיי מיט פערד און רייטוועגן און גענומען נאָכיאָגן די אידן. ווען די אידן האָבן פונדערווייטנס געזען ווי די מצריים יאָגן זיי נאָך, האָבן זיי זיך זייער דערשראָקן און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. הינטער זיי האָבן געיאָגט די מצריים און פון פאָרנט איז געווען אַ גרויסער לאַנגער ים. די אידן האָבן געמיינט, אַז זיי זענען פאַרלוירן און זיי האָבן אָנגעהויבן שרייען צו משה רבנו. אָבער משה רבנו האָט זיך נישט געשראָקן. דער אויבערשטער האָט אים שוין געהאַט געזאָגט וואָס צו טאָן.

— ג־ט וועט שוין קעמפן פאַר אייך, און איר בלייבט שטילשווייגן — האָט משה רבנו אויסגערופן צו די אידן.

משה האָט צוגעפירט די אידן צום ים, ער האָט אויפגעהויבן זיין האנט מיט'ן ג-טליכן שטעקן און באלד האָט פּאַסירט דער נס. דער ריזיגער ים האָט זיך מיטאַמאָל געשפּאָלטן. די וואַסערן האָבן זיך אָפּגערוקט אויף רעכטס און אויף לינקס און געבליבן שטיין ווי צוויי ווענט. אינמיטן איז געוועזן טרוקן ווי אויף דער ערד, און די אידן האָבן אָנגעהויבן אַדורכגיין דעם ים.

ווען די מצריים האָבן געזען אַז דער ים איז טרוקן, און אַז די אידן זענען שוין דורך דעם ים אין דער טרוקעניש, זענען זיי אויך מיט זייערע פערד אריין אין ים, כדי נאָכצולויפן די אידן. אָבער אין דעם מאָמענט, איז דער ים צוריק געוואָרן פול מיט וואַסער און די גאַנצע מצרישע אַרמיי, מיט אַלע זייערע סאָלדאַטן, פערד, רייטוועגן און געווער זענען דערטרונקען געוואָרן פון די שטאַרקע ים כוואַליעס.

דעמאָלט האָט משה רבינו און דאָס גאַנצע פאָלק געזונגען די ג-טליכע שירה „אז ישיר", וועלכע מיר זאָגן יעדן טאָג ביים דאַווענען. אין דער דאָזיגער שירה צו ג-ט ווערט געבראַכט צום אויסדרוק ג-ט'ס וואונדער, זיין גרויסקייט, זיין שטאַרקייט, און זיין גוטסקייט. קעגן ג-ט'ס גבורה קען זיך נישט אַנטקעגנשטעלן אפילו די מעכטיגסטע אַרמיי. קעגן ג-ט קען קיינער זיך נישט גרויסן. נישט נאָר דער מענטש, אפילו אַ באַוואָפנטע אַרמיי ווערט צעריבן פון ג-ט'ס וואָרט. אויך דער גרויסער ים און זיינע מעכטיגע כוואַליעס וואָס ברויזן תמיד, ווערן אַנטשוויגן און בלייבן שטיל פון ג-ט'ס באַפעל.

ווען דער איד זאָגט שירה, ספּעציעל אין שבת שירה, דערוועקט ער אין זיך די גרויסקייט און גוטסקייט פון אויבערשטן. ער ווערט אָנגעפילט מיט גרוים שמחה. דעריבער איז דער שבת שירה אַ טאָג פון באַזונדערער פרייד.

## שפּייז פאַר פייגעלעך

אין שבת שירה איז אַ מנהג אַרויסצוּוואַרפן ברעקלעך שפּייז פון די שבת מאכלים פאַר פייגעלעך. (דאָרט וואו עס איז נישט פאַראַן קיין עירוב און מען טאָר נישט טראָגן שבת, טאָר מען דאָס נישט טאָן).

דאָס איז דערפאַר, ווייל אין דער זעלבער פרשה וואו מען לייענט די שירה, לייענט מען אויך די פרשה פון מן, די שפייז מיט וועלכער השי״ת האָט געשפייזט די אידן ווען זיי האָבן געוואַנדערט אין דער מדבר. די געשיכטע פון מן איז פאַרבונדן מיט די פייגעלעך.

די חכמים דערציילן, אַז ווען משה רבינו האָט אָנגעזאָגט פאַר די אידן, אַז שבת וועט נישט פאַלן קיין מן און אַז דעריבער זאָל מען זיך ערב שבת אָנגרייטן טאָפּלטע פאַרציעס צו האָבן שפייז אויך אויף שבת, האָבן זיך געפונען אַ צאָל רשעים, וואָס האָבן ביינאַכט אויסגעשפרייט אין דער מחנה שפייז-ברעקלעך, כדי מאַרגן צו „באַווייזן״ אַז דאָס וואָס משה רבינו האָט געזאָגט איז נישט אמת.

אָבער דאָס וואָס די רשעים האָבן געפּלאַנט איז זיי נישט גע־לונגען. באַלד אינדערפרי זענען אָנגעפלויגן אַ מחנה פייגעלעך און אויפגעגעסן די גאַנצע שפייז. אַזוי אַרום האָבן אַלע געזען, אַז דאָס וואָס משה האָט געזאָגט, אַז שבת וועט נישט פאַלן קיין מן, איז אמת.

די פייגעלעך האָבן זיך דעריבער פאַרדינט צו באַקומען אַ שכר דערפאַר. און די פּאַסיגסטע צייט זיי צו באַלוינען איז דער שבת ווען מען לייענט די פרשה פון מן.

אַן אַנדערער טעם איז פאַרוואָס מען שפייזט די פייגעלעך אין שבת שירה, ווייל דאָס איז זייער שכר פאַר דער שירה וואָס די פייגעלעך זינגען יעדן טאָג צו השי״ת. ווען אידן זאָגן שירה, דערמאָנען זיי זיך אין דער שירה פון די פייגעלעך, און באַלוינען זיי דערפאַר. און אַזוי זענען פאַראַן נאָך אַנדערע טעמים.

# דער חתם סופר זצ״ל

## אין חדר

ערב שבת שובה אין יאָר תקכ״ג איז אין פראַנקפורט אַם מאַין, דייטשלאַנד, געבוירן געוואָרן אַ זון ביי ר׳ שמואל סופר און זיין פרוי רייזל. דאָס קינד וועמען די עלטערן האָבן אַ נאָמען געגעבן משה, איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די גרעסטע גאונים און מנהיגים פון כלל ישראל.

שוין אַלס קינד האָט זיך משה׳לע אויסגעצייכנט אין חדר מיט זיין שאַרפן קאָפּ און זיין אויסערגעוויינליכער פלייסיגקייט צו לערנען. איינמאָל איז משה׳לע אַהיימגעקומען פון חדר מיט טרערן אין די אויגן.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט אים דער פאָטער געפרעגט.

— דער רבי האָט מיר געגעבן אַ פּאַטש, ווייל איך האָב געפרעגט צופיל קשיות — האָט משה׳לע געענטפערט.

נישט ווויסנדיג וואָס צו טאָן, איז ר׳ שמואל סופר געגאַנגען פרעגן אַן עצה דעם גרויסן גאון רבי נתן אַדלער זצ״ל, דער רב פון שטאָט. ער האָט אים דערציילט וויאַזוי זיין זון קען שוין בעסער ווי אַלע אַנדערע תלמידים. ער קען אַזוי גוט לערנען, און ער פרעגט דעם מלמד אין חדר אַזעלכע שווערע קשיות, אַז דעם מלמד אַליין איז אָפטמאָל שווער צו געפינען אַ ריכטיגן ענטפער.

— אויב אַזוי, — האָט רבי נתן אַדלער געזאָגט — פאַרוואָס לערנט איר נישט אַליין מיט אייער זון? „ולמדתם אתם את בניכם״ — לערנען תורה מיט די אייגענע קינדער — איז דאָך איינס פון די גרעסטע מצוות. נישט אַלע אידן קענען דאָס מקיים זיין. זיי מוזן אַרבעטן, האַנדלען, און אָפטמאָל קענען זיי אַליין נישט גענוג. אָבער איר, איר קענט דאָך אַליין לערנען מיט אייער אינגל.

פון יענעם טאָג אָן האָט ר׳ שמואל סופר זיך אַליין געווידמעט דער דערציאונג פון זיין פעאיגן זון. און משה׳לע האָט געלערנט מיט חשק און ברען. ער פלעגט אויפשטיין זייער פרי און לערנען ביז שפּעט אין דער נאַכט. און ווען ער איז נאָך געלעגן אין בעט, האָט זיין פאָטער אים איבער־

געפרעגט פון דעם וואָס ער האָט געלערנט בייטאָג און אים איינגעשלעפערט מיט די הייליגע ווערטער פון דער תורה.

## אין דער ישיבה

ווען משה׳לע איז אַלט געוואָרן ניין יאָר, האָט אים זיין פאָטער געברענגט אין הויז פון רבי נתן אַדלער, און אים געבעטן ער זאָל אַריינגעמען זיין זון אין דער ישיבה.

די אַרומיגע מענטשן האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ געוואַגטקייט, וואָס ר׳ שמואל סופר האָט געבראַכט אַזאַ אינגעלע אין אַ ישיבה וואו עס האָבן געלערנט דערוואַקסענע בחורים. אָבער ווען ר׳ נתן אַדלער האָט פאַרהערט דעם קליינעם משה׳לע, איז ער נתפעל געוואָרן. ער האָט באַוואונדערט זיינע גרויסע קענטעניסן אין גמרא, זיין וואונדערליכן זכרון און באַזונדערס זיינע איידעלע מידות און פיינע האַלטונג. און אַזוי איז דער יונגיטשקער ניין יאָריגער משה סופר געוואָרן אַ תלמיד פון רבי נתן אַדלער.

## דער ערשטער שיעור

אין דער ישיבה איז געווען אַ מנהג, אַז יעדן שבת פלעגט אַן אַנדערער בחור זאָגן אַ שיעור פאַר די איבעריגע תלמידים, פון דעם לערנען וואָס ער האָט מחדש געווען אין משך פון דער וואָך. ווען עס איז געקומען די ריי פאַר משה סופר צו זאָגן זיין שיעור, האָבן די עלטערע בחורים געצויגן מיט די פּלייצעס. „וואָס פאַר אַ חידוש קען שוין אַזאַ קינד אונז זאָגן״ — האָבן זיי געזאָגט מיט ביטול, און ביי זיך אין האַרצן געלאַכט.

רבי נתן אַדלער פלעגט קיינמאָל נישט אַנוועזנד זיין ביי די דאָזיגע שיעורים, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיין אַנוועזנהייט קען אַמאָל צעמישן די תלמידים, און זיי זאָלן נישט קענען אַרויסברענגען די געדאַנקען ווי געהעריג צוליב איבערראַשטקייט. אָבער דאָסמאָל איז ער נייגעריג געווען צו הערן דעם שיעור פון זיין אינגסטן תלמיד. ער האָט דעריבער געלאָזט אָפן אַביסעלע די טיר וואָס האָט געפירט צום בית המדרש.

דער יונגיטשקער משה סופר האָט אָנגעפאַנגען זיין דרשה מיט אַ זיכערער שטימע. ער האָט נאָכגעזאָגט אַ קשיא פון זיין זיידען, און ער האָט זי פאַרענטפערט. באַלד אָבער האָט ער געפרעגט אַן אַנדערע קשיא, אַ צווייטע,

אַ דריטע און אַ פערטע. אַלץ האָט אויסגעזען צו זיין שווער און פאַרוויקלט. די גמרא איז געווען שווער; רש״י איז געווען שווער; און נאָך שווערער זענען געווען די תוספות. נאָר מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרענטפערן די קשיות, ער האָט געבראַכט אַ משנה, אַ גמרא, אַ רש״י, אַ רמב״ם, און אַלץ איז מיטאַמאָל געוואָרן קלאָר און פאַרשטענדליך.

די אַנדערע עלטערע תלמידים, זענען געבליבן שטיין פאַרוואונדערטע. קיינמאָל פריער האָבן זיי נאָך נישט געהערט אַזאַ דרשה פון אַ תלמיד. אויך ר׳ נתן אַדלער אַליין איז געזעסן אַן איבערראַשטער. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ספר, אָבער ער האָט נישט געזען די ווערטער. פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען אַ דערוואַקסענער ר׳ משה, וועלכער זאָגט תורה, נישט נאָר פאַר זיינע ישיבה תלמידים, נאָר פאַר אַלע אידן.

פון יענעם טאָג אָן האָט רבי נתן אַדלער אַריינגענומען זיין תלמיד משה סופר צו וואוינען ביי אים אין הויז. משה סופר איז געוואָרן אַ טייל פון ר׳ נתן אַדלער׳ס משפחה. ער פלעגט עסן ביי זיין טיש און פלעגט פון אים לערנען נישט נאָר תורה, נאָר אויך זיין התנהגות, זיין דינען דעם אויבערשטן, און זיינע איידעלע מידות.

אינצווישן איז אין פראַנקפורט נפטר געוואָרן דער באַרימטער פראַנק־פורטער רב ר׳ אביש חסיד. אַלס זיין נאָכפאָלגער איז געקומען קיין פראַנקפורט דער באַרימטער גאון רבי פנחס הורוויץ, דער מחבר פון די גרויסע ספרים „הפלאה״ און „המקנה״, אַ תלמיד פון דעם חסידישן רבי׳ן דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק, מחבר פון ספר „נועם אלימלך״.

רבי נתן אַדלער האָט אויסגעקליבן צען פון זיינע בעסטע תלמידים און זיי געשיקט לערנען צוויי מאָל אַ וואָך צום רב רבי פנחס הורוויץ. איינער פון זיי איז געווען משה סופר. אַזוי אַרום האָט ר׳ משה סופר צובאַקומען נאָך אַ גרויסן רבי׳ן, איינער פון די גרעסטע גאונים פון יענער צייט.

## מיט זיין רבי׳ן

אין יאָר תקמ״ב איז ר׳ נתן אַדלער געוואָרן רב אין באָסקאָוויץ. זיין ישיבה איז דערוויל פאַרבליבן אין פראַנקפורט. אָבער ווען רבי נתן אַדלער איז אָנגעקומען קיין באָסקאָוויץ, האָט ער שוין דאָרט געטראָפן זיין באַליבטן תלמיד. ר׳ משה סופר האָט זיך נישט געקענט שיידן מיט זיין גרויסן רבי׳ן

און ער איז אַליין אָנגעקומען קיין באָסקאָוויץ, בכדי ווייטער צו קענען לערנען פון זיין גרויסן רבי׳ן.

איינמאָל אין אַ ווינטערדיגן טאָג, איז רבי נתן אַדלער געפאָרן אין אַ שכנות׳דיגער קהלה, און ר׳ משה סופר איז מיטגעאָפרן. מיטאָג צייט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געוואָלט עפּעס טועם זיין. אָבער עס איז געווען אינמיטן וועג און ס׳איז נישט געווען קיין וואַסער פאַר נטילת ידים.

ר׳ משה סופר האָט זיך זייער מצער געווען ווען ער האָט געזען אַז זיין רבי וועט דאַרפן פאַסטן אַ גאַנצן טאָג. ער איז אַראָפּ אויפ׳ן וועג, וועלכער איז געווען באַדעקט מיט שניי. ער האָט גענומען שניי אין דער האַנט און אַזוי לאַנג געדרוקט טראָפּנס וואַסער פונעם שניי מיט דער האַנט אין אַ כלי אַריין, ביז די כלי איז געוואָרן פול מיט וואַסער, כדי זיין רבי זאָל זיך קענען וואַשן.

גאָרנישט איז אים נישט געווען צו שווער, אין זיין ליבשאַפט און יראת הכבוד צו זיין גרויסן רבי.

## דאָס ערשטע רבנות

אין פּראָסניץ האָט געוואוינט אַ רייכער איד מיט׳ן נאָמען ר׳ הערש יערוויץ. ער האָט פאַרמאָגט גרויסע גיטער און אַ סך פאַרמעגנס. אָבער ער האָט תמיד געדענקט, פונוואַנען פאַרמעגנס קומען צו אַ מענטש. ער איז דעריבער געווען אַן ערליכער איד, אַ גרויסער בעל צדקה און מכניס אורח. באַזונדערס האָט ער מיט אַ ברייטער האַנט געשטיצט תלמידי חכמים, אַז זיי זאָלן קענען זיצן און לערנען תורה.

ר׳ הערש יערוויץ האָט געהאַט אַ שוועסטער, וועלכע איז אַ כלה געוואָרן צו ר׳ משה סופר. ר׳ הערש יערוויץ האָט פאַר דער חתונה צוגעזאָגט אויס־צוהאַלטן זיין שוואָגער ר׳ משה סופר מיט זיין פרוי, כדי ער זאָל קענען אומגעשטערט ווייטער זיצן על התורה ועל העבודה.

ר׳ משה סופר האָט זיך נאָך דער חתונה אָוועקגעזעצט לערנען נאָך מיט אַ גרעסערע התמדה ווי פריער. זיין נאָמען איז באַלד באַקאַנט געוואָרן אין אַלע אַרומיגע שטעט און עס האָבן זיך אַרום אים גענומען זאַמלען תלמידים פון נאָענט און פון ווייט. אין פּראָסניץ האָט זיך געעפנט אַ ישיבה מיט ר׳ משה סופר אין דער שפּיץ.

זיין שוואָגער ר׳ הערש יערוויץ איז געווען גליקליך וואָס ער האָט זוכה געווען אַז אַ דאַנק אים איז פּראָסניץ געוואָרן אַזאַ באַרימט מקום תורה. עס האָט אָבער, לײדער, נישט אַנגעהאַלטן לאַנג. ר׳ הערש יערוויץ׳ס געשעפטן האָבן אָנגעהויבן שלעכט צו גיין, און לאַנגזאַם איז ער פאַראָרעמט געוואָרן.

אַ לאַנגע צייט האָט ר׳ משה סופר, וועלכער איז געזעסן יומם ולילה און געלערנט, דערפון גאָרנישט געוואוסט. ווי שלעכט די געשעפטן זענען געווען, האָט אָבער ר׳ הערש יערוויץ נאָך אַלץ אויסגעהאַלטן זיין שוואָגער מיט זיינע תלמידים.

אויך ר׳ משה׳ס פרוי, די צדיקת, האָט נישט געוואָלט אַז איר מאַן זאָל עפּעס וויסן פון דער אָרעמקייט אין הויז, נאָר ער זאָל מיט מנוחה קענען זיצן און לערנען. זי האָט דעריבער פאַרקויפט איר גאַנץ צירונג, און דערפון האָט זי דערווייל מפרנס געווען דאָס הויז.

איינמאָל אָבער, האָט ר׳ משה סופר באַמערקט, אַז זיין פרוי טראָגט נישט מער קיין צירונג. און אַזוי אַרום האָט ער זיך דערוואוסט פונעם סוד, אַז זיין שוואָגער איז געוואָרן אַן אביון און ער קען אים מער נישט אויסהאַלטן. ר׳ משה האָט זיך שטאַרק מצער געווען און ער האָט באַשלאָסן אָנצופאַנגען אַליין צו זאָרגן פאַר פּרנסה.

שוין פריער האָט מען געהאַט פאַר ר׳ משה סופר אָנגעבאָטן דאָס רבנות אין דער שטאָט דרעזניץ. ר׳ משה האָט דעמאָלט נישט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך די טירדות פון אַ רב און אַ קהלה, נאָר זיין אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין לערנען. איצט אָבער האָט ער באַשלאָסן נאָכצוקומען זייער בקשה. ער איז געוואָרן רב אין דרעזניץ.

די קהלה אין דרעזניץ האָט אים אויפגענומען מיט גרויס פרייד און כבוד. זיי זענען געווען גליקליך וואָס זיי האָבן זוכה געווען צו אַזאַ גרויסן גאון און צדיק אַלס מורה דרך און מנהיג. און טאַקע מיט׳ן אָנקומען פון ר׳ משה סופר, איז אַריינגעקומען אין דער שטאָט אַ נייער גייסט פון תורה און קדושה.

ווען ר׳ משה סופר האָט זיך שוין געהאַט איינגעאָרדנט אין דרעזניץ האָט ער באַקומען אַ בריוו פון זיין שוואָגער, אַז די געשעפטן בעסערן זיך. איצט האָט ר׳ משה סופר פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָס זיין שוואָגער איז פאַר־אָרימט געוואָרן, איז געווען צוליב אים: מען האָט פון הימל געוואָלט, אַז ער

זיין געצוואונגען אָנצונעמען אַ רבנות בישראל, וואָס ער האָט פריער נישט געוואָלט.

## רב אין מאַטערסדאָרף

נאָך זיין פינף יאָר אין דרעזניץ, האָט ר׳ משה סופר אָנגענומען די איינלאַדונג צו ווערן רב אין מאַטערסדאָרף. דאָס האָט ער געטאָן דערפאַר, וויל דרעזניץ האָט נישט געקענט אויסהאַלטן קיין גרעסערע ישיבה. דאַקעגן מאַטערסדאָרף איז געווען אַ מער פּאַסיג פּלאַץ אויפצושטעלן אַ גרויסע ישיבה און מרביץ תורה זיין אויפ׳ן ברייטן שטייגער, צו וואָס ר׳ משה סופר האָט זייער געשטרעבט.

## אין פּרעסבורג

פּרעסבורג איז אין יענער צייט געווען די גרעסטע און אָנגעזעענסטע אידישע קהלה אין גרויס אונגאַרן. ווען זייער רב איז אין יאָר תקס״ז נפטר געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן זוכן אַ נייעם גרויסן רב. און דער אויסוואַל איז שנעל געפאַלן אויף ר׳ משה סופר.

ר׳ משה סופר אַליין האָט זיך געקווענקלט. די גאַנצע אידישע וועלט האָט אים טאַקע אָנערקענט אַלס איינעם פון די גרעסטע רבנים פון זיין צייט. ער אַליין אָבער, אין זיין גרויס עניוות, האָט זיך געהאַלטן קליין און נישט ראוי צו פאַרנעמען דאָס רבנות פון אַזאַ גרויסער קהילה. ערשט נאָכדעם ווי ער האָט געזען אין חלום דאָס געשטאַלט פון זיין גרויסן רבי׳ן רבי נתן אַדלער, וועלכער האָט אים געזאָגט ער זאָל אָננעמען דעם אָנבאָט, האָט ר׳ משה סופר מסכים געווען צו ווערן פּרעסבורגער רב.

44 יאָר איז ר׳ משה סופר אַלט געווען ווען ער איז געקומען קיין פּרעסבורג. שוין מיט זיין ערשטער דרשה האָט ער געפאַנגען די הערצער פון דער גאַנצער שטאָט. קיינמאָל פריער האָבן די אידן אין פּרעסבורג אַזעלכעס נישט געהערט.

ר׳ משה סופר האָט זיך באַלד גענומען צו דעם וואָס ער האָט תמיד באַטראַכט אַלס די אויפגאַבע פון אַ מנהיג בישראל — מרביץ תורה צו זיין. ער האָט אָרגאַניזירט גרופּן פון יונג און אַלט, קובע צו זיין עתים לתורה. ער האָט געעפנט אַ ישיבה און באַלד האָבן אָנגעהויבן שטראָמען תלמידים

פון אַלע טיילן לאַנד קיין פרעסבורג. די פאַרמעגליכע אידן פון דער שטאָט, האָט ער באַשטייערט אויסצוהאַלטן די ישיבה מיט אירע תלמידים, און זיי האָבן עס אָנגענומען מיט פרייד. די שטאָט פרעסבורג האָט אָנגעפאַנגען בליען מיט תורה, יראת שמים, צדקה און חסד אונטער דער השפעה פון ר׳ משה סופר.

אינצווישן האָט ביי אים פּאַסירט אַן אומגליק. זיין פרוי מלכה איז נפטר געוואָרן. ר׳ משה האָט זייער געטרויערט, ווייל זיין רביצין מלכה איז געווען אַ גרויסע צדיקת און זי האָט תמיד מעגליך געמאַכט אַז איר מאַן זאָל קענען אומגעשטערט זיצן על התורה ועל העבודה.

אָבער זיין פרוי מלכה האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין קינדער. ווען עס איז פאַריבער אַ יאָר נאָך איר טויט, האָט מען אים אָנגעהויבן רעדן שידוכים. אַ סך גרויסע גבירים האָבן אים געוואָלט פאַר אַן איידעם, אָבער ר׳ משה סופר האָט אויסגעקליבן אַ בת תלמיד חכם, די טאָכטער פון איינעם פון די גרעסטע גאונים פון יענער צייט, דער פויזנער רב רבי עקיבא אייגער זצ״ל.

מיט דער טאָכטער פון רבי עקיבא אייגער האָט ר׳ משה סופר געהאַט דריי זין און פינף טעכטער. זיינע זין זענען שפּעטער אַליין אויסגעוואַקסן אַלס באַרימטע רבנים, וועלכע האָבן ממשיך געווען זיין גרויסע ירושה, זייענדיג מרביץ תורה אין גרויסע אידישע קהילות.

דער עלטערער זון ר׳ אברהם שמואל בנימין זצ״ל, באַקאַנט אויפ׳ן נאָמען פון זיין ספר „כתב סופר״, איז געוואָרן רב אין פרעסבורג נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער. דער צווייטער זון, ר׳ שמעון סופר זצ״ל, דער מחבר פון ספר „מכתב סופר״ איז געוואָרן רב אין קראָקע.

ר׳ משה סופר פלעגט שטיין אין פריינטליכע פאַרבינדונגען מיט׳ן איהעלער רב דער בעל ישמח משה זצ״ל. ווען זיינע קינדער זיינען נישט געזונט געוואָרן, פלעגט ער שיקן צום ישמח משה ער זאָל פאַר זיי מתפלל זיין. ווען זיין זון ר׳ שמעון סופר, דער שפּעטערדיגער קראָקער רב, איז געפאָרן חתונה האָבן קיין קראָלי, האָט ער אים געשיקט צום ישמח משה נאָך אַ ברכה.

## אין קאַמף פאַר תורה

פאַר לאַנגע יאָרן איז דאָס לעבן פון אידן אין איראָפּע געווען זייער שווער. די רעגירונגען און הערשער האָט געפּייניגט די אידן מיט שווערע

שטייערן און קאָנטריבוציעס. מען האָט זיי נישט געלאָזט האַנדלען פריי און יעדעס מאָל האָט מען קעגן זיי אַרויסגעגעבן שווערע גזירות.

מיט בערך 150 יאָר צוריק, האָבן די מדינות אָנגעפאַנגען צו באַהאַנדלען די אידן אַ סך בעסער. עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן אַ סך גזירות און באַגרעניצונגען. אין פראַנקרייך און אין דייטשלאַנד האָט די רעגירונג ער־קלערט „עמאַנציפּאַציע" פאַר די אידן. דאָס האָט געמיינט אַז די אידן האָבן געקראָגן גלייכע רעכט ווי די אַנדערע פרייע בירגער פון דער מדינה, וואָרים ביז דעמאָלט זיינען די אידישע איינוואוינער באַטראַכט געוואָרן אַלס צווייט־קלאַסיגע בירגער. נאָך די אויבנדערמאַנטע מדינות האָבן אויך אַנדערע לענדער געגעבן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער אידישער באַפעלקערונג.

אַ טייל אידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ חסד פון השם יתברך. געווען אָבער אַ סך אַנדערע, וואָס אַנשטאָט צו דאַנקען השי"ת פאַר דעם חסד און אויסצונוצן די פרייהייט וואָס מען האָט זיי געגעבן, זיך שטאַרקער צו ווידמען צו תורה און עבודה, האָבן זיי גאָר פאַרגעסן אין ג־ט. זיי האָבן זיך געוואָלט אויסגלייכן מיט די גוים. רעדן ווי די גוים, קליידן זיך ווי די גוים און לעבן ווי די גוים, ח"ו.

די דאָזיגע אידן האָבן געוואָלט איינפירן רעפאָרמען (ענדערונגען) אין דעם אידישן לעבנס שטייגער און אין דער טראַדיציאָנעלער אידישער פירונג. מען האָט זיי דעריבער גערופן „רעפאָרמער".

זיי האָבן פאַרגעסן אַז די תורה האָט דער אויבערשטער ב"ה געגעבן אויף אייביג, סיי פאַר גוטע צייטן, און סיי, ח"ו, פאַר צייטן פון נויט און ליידן, און אַז מען קען נישט און מען טאָר די הייליגע תורה נישט ענדערן אָדער פרואוון זי צוצופּאַסן צו דער צייט.

אין האַמבורג האָבן אַ גרופּע אידן געעפנט אַ שול, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן „טעמפּל". זיי האָבן זי געמאַכט ענליך צו די קריסטליכע קירכעס, להבדיל. אַ גאַנצע וואָך איז זי געווען פאַרשלאָסן, און בלויז שבת האָט מען דעם „טעמפּל" געעפנט. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ נייעם „סידור", און אַנשטאָט צו דאַווענען אויף לשון קודש, האָבן זיי געבעטן אויף דייטש. אין שבת האָט אין יענעם „טעמפּל" געשפּילט אַן „אָרגל" (אַ מוזי־קאַלישער אינסטרומענט); און פון די תפילות האָבן זיי אויסגעשניטן אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט די האָפענונגען אויף משיח'ן.

די רעפאָרמער האָבן זיך געהאַט אייגענע ראַבינערס אין די טעמפּלען,

און זיי האָבן געלערנט זייערע געמיינדעס, אַז מען דאַרף נישט מקיים זיין די מצוות פון דער תורה; מען דאַרף נישט היטן שבת; און בכלל דאַרף מען זיך וואָס מער דערנעענטערן צו די גוים פון לאַנד.

די פרומע רבנים און ערליכע אידן פון דייטשלאַנד זענען געווען שטאַרק פאַרצווייפלט. אַ סך אידן האָבן אַנגעפאַנגען פאַרלאָזן ג־ט׳ס וועגן און גיין צום רעפאָרמיסטישן טעמפל. מען האָט געזען אַז עס דראָעט אַ גרויסע געפאַר פאַר דער אמת׳דיגער אידישער אמונה. צו וועמען האָבן זיך די ערליכע אידן געקאָנט ווענדן, ער זאָל אָפּהאַלטן דאָס אויסשפּרייטן זיך פון דער דאָזיגער פּלאָג? זיי האָבן געוופן נאָך הילף צו ר׳ משה סופר.

ר׳ משה סופר איז געווען דאָס גוטסקייט אַליין. ער האָט ליב געהאַט יעדן איד, ווי מען האָט ליב אַן אייגענעם ברידער. ער האָט אַליין געגעבן אַ סך צדקה. הגם ער איז געווען אַזוי גרויס און אָנגעזען אין דער גאַנצער וועלט, איז ער געווען מיט יעדן פשוט׳ן איד פריינטליך און היימיש. ער האָט קיינעם נישט געקענט באַליידיגן אָדער שלעכטס טאָן.

אָבער קעגן די דאָזיגע רעפאָרמער איז ר׳ משה סופר אויפגעשטאַנען ווי אַ לייב. ער האָט צוזאַמענגענומען די גרויסע ערליכע רבנים פון אַלע מדינות און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קול קורא צו די אידן פון האַמבורג זיך צו דערווייטערן פון די דאָזיגע בעלי עבירה.

אין זיין אויפרוף צו די אידן אין דייטשלאַנד האָט ער אויפגעוויזן ווי די רעפאָרם ראַבינערס פון טעמפל פאַרפירן די אידן. די רבנים און קהלה פירער האָט ער גערופן זיי צו באַקעמפן מיט אַלע כוחות און זיך אינגאַנצן אָפּזונדערן פון זיי, כדי זיי זאָלן נישט קענען פאַרדאַרבן דעם כלל ישראל.

## דער „חתם סופר"

ר׳ משה סופר האָט אין פּרעסבורג געהאַט אַ סך שווערע אויפגאַבן. ער איז איצט שוין נישט געווען בלויז דער רב פון איין קהלה, נאָר דער אנערקענטער מנהיג פון די אידן איבערן גאַנצן לאַנד. מיט אַלע פּראָבלעמען איז מען צו אים געקומען נאָך ראַט און הילף. ער האָט אַליין געהאַט אַ גרויסע משפחה, אָבער זיין הויפּט דאגה איז געבליבן צו לערנען מיט די אידן תורה.

אין זיין ישיבה האָבן געלערנט 400 תלמידים, און פאַרשטייט זיך, אַז זי איז געווען איינע פון די גרעסטע און בעסטע. ער אַליין האָט געזאָגט

די שיעורים פאַר זיינע תלמידים און ער האָט איינגעפירט אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג, אַזוי אַז די תלמידים זאָלן טאַקע אויסוואַקסן גרויסע תלמידי חכמים. אַליין איז ער געווען דער בעסטער ביישפּיל וויאַזוי אַ איד דאַרף ליב האָבן תורה און דאַרף זיך כסדר באַמיען צו וואַקסן אין תורה און עבודת השם. ער איז אויך געווען אַ ביישפּיל וויאַזוי אַ תלמיד חכם דאַרף זיך פירן אין זיין פּערזענליכן לעבן, מיט גוטע מידות, איידלקייט און ווירדע.

די פּאָסט פלעגט יעדן טאָג ברענגען צו ר׳ משה סופר הונדערטער בריוו מיט שאלות פון די גרויסע רבנים אין אַלע מדינות. ר׳ משה סופר איז אנערקענט געוואָרן אַלס דער פוסק הדור, דאָס הייסט אַלס דער וואָס קען פּסקענען יעדע שאלה און וואָס צו אים דאַרף מען זיך צוהערן.

אין בריטישן פּאַרלאַמענט איז אַמאָל אויפגעקומען אַ שאלה וועגן אידישער הלכה, און אויך זיי האָבן געשריבן צו ר׳ משה סופר קיין פּרעסבורג.

לאַנגע יאָרן האָבן פריינט געבעטן ר׳ משה סופר׳ן ער זאָל פאַרעפענטליכן זיינע תשובות אין אַ ספר, ווי עס האָבן געטאָן רבנים אין די פריערדיגע דורות. אָבער אין זיין ענוות האָט ער אָפּגעזאָגט. ערשט נאָך זיין פּטירה האָט מען צוזאַמענגענומען זיינע כתבים און זיי געדרוקט אונטערן נאָמען **חתם סופר — חידושי תורת משה סופר.**

אַזוי איז טאַקע געבליבן זיין נאָמען איינגעקריצט ביי אידן אויף אייביג. די ספרים „חתם סופר" לערנען אויך היינט אידן אין אַלע עקן וועלט. ווען רבנים האָבן שווערע שאלות, קוקן זיי אַריין אין חתם סופר און פּסק׳ענען.

## אידישע מנהגים

דער חתם סופר האָט נישט נאָר געזאָרגט אַז אידן זאָלן אָפּהיטן דעם דין, נאָר אויך אָפּצוהיטן די אידישע מנהגים פון פריערדיגע דורות. אפילו דאָס וואָס עס שטייט נישט בפירוש אין דער תורה, אָדער שולחן ערוך, איז הייליג — האָט דער חתם סופר געלערנט. אויב ערליכע אידן האָבן אויף זיך גענומען אַ געוויסן מנהג פאַר אַ געוויסער צייט, איז דאָס אויך הייליג, ווייל אויך די אידישע מנהגים האָבן אַ טיפן זין.

אידן דאַרפן בכלל נישט אָפּטרעטן פון דעם וועג פון זייערע עלטערן, נאָר דאַרפן זיך באַמיען צו גיין אין די זעלבע וועגן. ער האָט געקעמפט מיט דער גרעסטער שאַרפקייט קעגן יעדן נייעם איינפיר, וואָס איז נישט אויס-

געהאַלטן על פי תורה. פון אים איז געבליבן דאָס גלענצענדע שלאַגוואָרט: „חדש אסור מן התורה״ — יעדע נייע זאַך איז אסור מן התורה.

דער חתם סופר האָט געלערנט, אַז נאָר ווען מען גייט אין די ערליכע דרכים פון די עלטערן, ווערט מען אָפּגעהיטן פון זינד. ווען אָבער מען היט נישט אָפּ די מנהגים און די פריערדיגע דרכים, איז דער סוף, אַז מיט דער צייט גייט מען אינגאַנצן אַוועק פון אידישן לעבנס וועג.

אַזוי איז תמיד געוועז. דער יצר הרע רעדט קיינמאָל נישט אָן דעם איד באַלד אַוועקצוגיין פון דער תורה, ווייל ער ווייסט, אַז דאָס וועט אים דער איד נישט פאָלגן. דעריבער רעדט ער אים אָן פריער זיך צו פירן אַביסעלע אַנדערש ווי די טאַטע און מאַמע האָבן זיך געפירט. און ווען מען פאָלגט אים און מען מאַכט דעם ערשטן אָפּנויג, דאַן רעדט ער אָן צו אַ צווייטער עבירה, ביז ער רעדט אים צו צום ערגסטן, ח״ו.

## די זון גייט אונטער

ווען ר׳ משה סופר איז אַלט געוואָרן 76 יאָר איז ער קראַנק געוואָרן. אָבער אויך שוואַכערהייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו דינען השם יתברך און לערנען דעם כלל ישראל מיט אַלע כוחות. ער האָט געזאָגט די שיעורים אין דער ישיבה, געפירט די קהילה און געשריבן זיינע תשובות אויף די שאלות וואָס זיינען צו אים געקומען פון דער גאַנצער וועלט.

דעם לעצטן סוכות פאַר זיין פטירה, האָט פאַסירט אַ שרעקליכע זאַך. זיין עלטסטער זון, ר׳ אברהם שמואל בנימין, איז הושענא רבה אינדערפרי געגאַנגען הגבה. מיטאַמאָל איז געוואָרן אַ געשריי. ווי נאָר ער האָט אויפגעהויבן די ספר תורה, האָט זי זיך צעריסן אויף צווי. אידן האָבן געזען דערין אַ שלעכטן סימן, אַז די תורה איז אין סכנה. און זייער שרעק איז טאַקע געווען אַ באַרעכטיגטע. דער חתם סופר, וועלכער איז געווען אַ לעבעדיגע ספר תורה, איז געווען שווער קראַנק, אין זיין לעבן איז געווען אין גרויס געפאַר.

די אידן אין פרעסבורג האָבן געהאַט אַ פאַרשטערטן יום טוב. דער באַליבטער רב איז מער נישט געקומען אין שול. ער האָט געדאַוונט אין בעט מיט אַ קליינעם מנין ביי זיך אין הויז.

מוצאי יום טוב האָט ער געבענטשט זיינע קינדער. און אַ טאָג שפּעטער נאָך סוכות, האָט ער אינדערפרי געלייגט טלית און תפלין. נאָכ'ן דאַוונען האָט ער אַוועקגעגעבן זיינע תפלין, זאָגנדיג: „איך וועל זיי מער נישט דאַרפן". אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט ער אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה.

דער חתם סופר האָט נישט נאָר איבערגעלאָזן אַ רייכע ירושה פון תורה, פון גרויסע און הייליגע ספרים, טויזנטער גרויסע תלמידים, גאונים און צדיקים. ער האָט אויך זוכה געווען, אַז זיינע קינדער זאָלן שטאָלץ נאָכגיין זיין וועג.

פון זיינע קינדער און אייניקלעך זענען אויסגעוואַקסן גרויסע און באַ־רימטע רבנים, כלל טוער און עסקנים, וואָס האָבן טריי אָפּגעהיטן דעם לעבנסוועג פון „חתם סופר": פאַרשפּרייט תורה, געהאָלפן בויען אידישע מוסדות, געקעמפט קעגן די שונאים פון תורה.

נאָך היינט צו טאָג זענען פאַראַן איבער דער וועלט אַ סך אייניקלעך פון חתם סופר, וועלכע באַמיען זיך צו גיין אין דעמזעלבן הייליגן וועג.

# די פיר שבתים

אין די חדשים פון אדר און ניסן האָבן מיר פיר שבתים, וועלכע ווערן באַצייכנט מיט ספּעציעלע נעמען: 1. פרשת שקלים; 2. פרשת זכור; 3. פרשת פרה; און 4. פרשת החודש. די דאָזיגע נעמען קומען פון דער ספּעציעלער פרשה וואָס ווערט געלייענט אין דער תורה — אַ חוץ דער שטענדיגער סדרה פון דער וואָך. מען רופט אויך די שבתים אויף די נעמען פון די פרשיות, ווי למשל: שבת שקלים, אָדער שבת זכור.

די דאָזיגע ספּעציעלע שבתים, און פרשיות וועלכע מען לייענט דעמאָלט, האָבן אַ טיפע באַדייטונג. דערוואַקסענע אידן, ספּעציעל תלמידי חכמים, ווען זיי לערנען די דאָזיגע פרשיות, פאַרטיפן זיך אין די ענינים און לערנען גאָר אַ סך דערפון וועגן די יסודות פון אמונה און אידישן דת. אָבער אויך מיר קענען פון זיי עפּעס לערנען וועגן די יסודות פון אידישקייט.

## פרשת שקלים

דער שבת אין וועלכן מען בענשט ראש חודש אדר, אָדער ווען ראש חודש אדר פאַלט אויס אין שבת, — לייענט מען די פרשת שקלים, און דער שבת ווערט אָנגערופן שבת שקלים.

די פרשה פון שקלים אין דער תורה זאָגט, אַז דער אויבערשטער האָט אַרויפגעלייגט אַ פליכט אויף יעדן איד צו געבן אַ האַלבן שקל, דער רייכער טאָר נישט געבן מער און דער אָרימער טאָר נישט געבן ווייניגער. פון דעם דאָזיגן געלט האָט מען געמאַכט די שוועלן צום משכן און אויך איינגעקויפט קרבנות פאַר אַ גאַנץ יאָר.

פון דער מצוה פון „מחצית השקל" זעט מען ווי יעדער איד דאַרף זיין אַ חלק פון כלל ישראל און מוז זיך באַטייליגן אין דער אַרבעט פון כלל צו טאָן מצוות. קיינער האָט נישט געקענט זאָגן אין בית המקדש, אַז ער וועט ברענגען זיינע אייגענע קרבנות. ער האָט

טאָקע געמעגט ברענגען זיינע אייגענע קרבנות אויך, אָבער פון די קרבנות וואָס דער גאַנצער כלל האָט געברענגט, האָט זיך קיין איין איד נישט געטאָרט אָפּזאָגן.

דאָס ווייזט, אַז ווען מען רופט אַ איד, אָדער אַ אידיש קינד, צו טאָן אַרבעט פאַר אידישקייט, טאָר זיך קיינער נישט אָפּזאָגן. קיינער קען נישט זאָגן: „איך טו מיינע אייגענע מצוות". — ביים אויבערשטן איז צום מערסטן חשוב, ווען אידן דינען אים צוזאַמען, ווי עס איז געווען אין בית המקדש.

טראָץ דעם וואָס מיר האָבן היינט נישט קיין בית המקדש, היטן דאָך ערליכע אידן אָפּ דאָס געבן פון מחצית השקל. דאָס ווערט געטאָן פורים פאַר דער מגילה לייענען, אין אָוונט אָדער אין דער פרי. דאָס איז אַ זכר צום מחצית השקל וואָס איז געווען אין בית המקדש. מען גיט דריי מטבעות פאַר יעדן פון די בני בית. געוויינליך ווערט דאָס געלט אַריינגעגעבן אין אַ שיסל אין דער שול אָדער אין בית המדרש, און דאָס געלט ווערט פאַרטיילט פאַר צדקה.

## פרשת זכור

דער שבת פאַר פורים ווערט באַצייכנט ווי פרשת זכור אָדער שבת זכור. אין דעם שבת לייענט מען ביים מפטיר די סדרה וואָס דערמאָנט וויאַזוי עמלק איז באַפאַלן די בני ישראל ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. די פרשה הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „זכור את אשר עשה לך עמלק"! — געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן! דערפאַר טאָקע ווערט די פרשה אָנגערופען „זכור" — געדענק.

די פרשת זכור לייענט מען פאַר פורים, דערפאַר ווייל המן הרשע איז געווען אַן אייניקל פון עמלק'ן. ווען עס קומט פאַר פורים איז גאָר וויכטיג צו דערמאָנען די געשיכטע פון עמלק'ן און דאָס וואָס ג-ט האָט אָנגעזאָגט די אידן וועגן עמלק'ן, ווייל ווען אידן וואָלטן אויסגעפאָלגט דאָס וואָס ג-ט האָט זיי געזאָגט וועגן עמלק'ן, וואָלט קיינמאָל קיין המן נישט געקענט אויפשטיין קעגן אידן.

אין דער פרשה זכור פון דער תורה, האָט דער אויבערשטער באַפוילן צו געדענקען וואָס עמלק האָט געטאָן צו די אידן, און אַז ווען אידן וועלן האָבן אַ מעגליכקייט, זאָלן זיי אָפּמעקן דעם זכר פון

עמלק. אַזאַ מעגליכקייט איז שפּעטער געווען, ווען דער ערשטער אידישער מלך שאול האָט געהאַט באַזיגט די עמלקים. שאול האָט געדאַרפט אומברענגען אַלע עמלקים. ער האָט אָבער, צוליב געוויסע טעמים, נישט אויסגעראָטעט אַלע עמלקים, און אַזוי אַרום איז שפּעטער אויפגעשטאַנען המן, אַ שורש פון עמלק׳ן.

נאָך עפּעס קען מען לערנען פון דער געשיכטע פון עמלק. ווי די תורה דערציילט, האָט עמלק אָנגעגריפען נאָר די אידן וואָס זענען געווען שוואַך אין אמונה און אין בטחון אין השי״ת. די תורה דערציילט, אַז עס זענען געווען אידן וואָס האָבן אָנגעהויבן צו צווייפלען צי ג-ט איז מיט זיי, און דעמאָלט טאַקע איז אָנגעקומען עמלק און באַפאַלן די אידישע מחנה.

דאָס ווייזט אונז אַז אַלע צרות קומען אויף אידן ווען זיי ווערן שוואַך אין דער אמונה און אין אָפּהיטן ג-ט׳ס מצוות. אַזוי איז אויך געווען מיט די אידן אין פּרס. די גזירה פון המן הרשע איז געקומען דערפאַר — זאָגן אונז די הייליגע חכמים — ווייל די אידן האָבן זיך אָנגעהויבן אויסמישן מיט די פּערסיער און האָבן געגעסן ביי דער סעודה פון אחשורוש. ווען אידן האָבן אָבער שטאַרק אמונה און בטחון, קען זיי קיינער גאָרנישט טאָן.

די תורה דערציילט טאַקע, אַז ווען עמלק איז באַפאַלן די אידן, האָט משה רבינו אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל — וואָס דאָס מיינט אַז אידן האָבן געבעטן די הילף פון השי״ת — האָבן באַלד די אידן אָנגעהויבן צו זיגן. אָבער מיט׳ן מאָמענט ווען ער האָט אַראָפּ־געלאָזן זיינע הענט, זענען די עמלקים שטאַרקער געוואָרן. אַזוי איז תמיד געווען. ווען אידן האָבן זיך געהאַלטן מיט׳ן אויבערשטן, האָט זיי קיינער נישט געקענט טאָן קיין שלעכטס. אָבער ווען אידן האָבן זיך דערווייטערט פון השי״ת, זענען די רשעים שטאַרקער געוואָרן.

דאָס אַלץ לערנען מיר פון דער פּרשת זכור.

## פּרשת פּרה

דעם שבת, אַ וואָך בעפאָר מען בענטשט ראש חודש ניסן, רופט מען „פּרשת פּרה״. אין דעם שבת לייענט מען אַ חוץ דער פּרשה פון דער וואָך, אויך די מצוה פון פּרה אדומה.

די פּרשה רעדט וועגן דער מצוה וואָס ג־ט האָט געגעבן די אידן צו נעמען אַ רויטע קו, אינגאַנצן רויט, אָן וועלכן ס׳איז פּעלער, און מיט וועלכער מען האָט נאָך קיינמאָל פריער נישט געאַרבעט. די פּרה אדומה האָט מען נאָכ׳ן שעכטן פאַרברענט אויף אַש. דאָס אַש האָט מען אויסגעמישט מיט קוואַל־וואַסער, און מען האָט דאָס אָנ־גערופן מי חטאת — רייניגונגס־וואַסער. ווען אַ מענטש איז געוואָרן טמא, למשל אַז ער האָט אָנגערירט אַ טויטן, האָט מען אויף אים געשפּריצט מיט דעם מי חטאת, און ער איז געוואָרן טהור.

די פּרשת פּרה לייענט מען פאַר פּסח, ווייל נאָר די מענטשן וואָס זענען געווען ריין האָבן געמעגט עסן פון קרבן פּסח. און כאָטש מיר האָבן היינט נישט קיין קרבן פּסח, און אויך נישט אַלע דינים פון טומאה און טהרה, וואָרים מיר האָבן דאָך נישט איצט קיין בית המקדש, דאָך לייענען מיר די פּרשת פּרה, כדי צו געדענקען, אַז פאַר פּסח דאַרף מען זיך רייניגן פון אַלע שמוץ און פון אַלעם שלעכטן. נאָר אַזוי קען מען זוכה זיין צו דער גאולה און אַז דער בית המקדש זאָל ווידער אויפגעריכט ווערן.

## פּרשת החודש

שבת ווען מען בענטשט ראש חודש ניסן, אָדער אויב ראש חודש ניסן פאַלט אוים שבת, איז „פּרשת החודש״. אין דעם שבת לייענט מען אויסער דער סדרה פון דער וואָך די פּרשה „החודש הזה לכם ראש חדשים״. די תורה הייסט אונז צו רעכענען דעם חודש ניסן אַלס דער ערשטער חודש פון יאָר, ווייל דאָס איז דער חודש פון גאולה. אין אָט דער פּרשה זענען אויך פאַראַן די דינים פון קרבן פּסח; חמץ; מצה און מרור און אַלע אַנדערע ג־ט׳ס מצוות אין שייכות מיט׳ן הייליגן יום טוב פּסח.

אַלס צוגרייטונג צום יום טוב לייענט מען די דאָזיגע פּרשה. פון דעם טאָג אָן, מאַכן אידן מער אינטענסיווע הכנות צום גרויסן יום טוב.

# דער ווילנער גאון זצ״ל

מיט אַרום צוויי הונדערט יאָר צוריק, האָט אין דער שטאָט ווילנע, וואָס געפינט זיך אין ליטע, געלעבט אַ גרויסער גאון מיט'ן נאָמען ר' אליהו.

ווילנע איז נאָך פון פריער געווען באַקאַנט אַלס אַ שטאָט פון פיל תורה. עס האָבן דאָרט שטענדיג געלעבט אַ סך תלמידי חכמים, וועלכע זענען געזעסן טאָג און נאַכט אין די קלויזן און געלערנט תורה. צוליב דעם האָט מען ווילנע גערופן „ירושלים פון ליטע״. אָבער ר' אליהו איז אויסגעוואַקסן אַלס דער גרעסטער פון זיי. דעריבער האָט מען אים אין דער גאַנצער אידישער וועלט אַ נאָמען געגעבן דער „ווילנער גאון״.

ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, איז זיין נאָמען באַרימט געוואָרן. ער האָט געהאָט אַ וואונדערליכן זכרון און אַלץ וואָס ער האָט נאָר איינמאָל געלערנט, האָט ער באַלד געדענקט. דערצו האָט ער גהאָט אַ געוואַלדיקן חשק צו לערנען. אינדערפרי איז ער געקומען אין חדר פריער ווי אַלע אַנדערע קינדער, און ווען אַלע אַנדערע אינגלעך זענען אַהיימגעגאַנגען, איז ער נאָך אַלץ געבליבן ביים רבי'ן און ווייטער געלערנט.

ווען ער איז אַלט געוואָרן זעקס יאָר האָט ער געהאַלטן אַ דרשה אין שטאָטישן בית המדרש, וואָס אפילו גרויסע תלמידי חכמים איז געווען פאַר זיי שווער דאָס צו פאַרשטיין. און באַלד איז אין ווילנע נישט געווען מער קיין רבי פאַר אים, וואָס זאָל מיט אים לערנען תורה.

דער קליינער אלי' האָט דעריבער געלערנט אַליין. אין קלויז זענען געווען אַ סך ספרים, און אין אַ קורצער צייט האָט ער זיי אַלע אַדורכגעלערנט. ער האָט טאַקע אַזוי שטאַרק ליב געהאַט דאָס תורה לערנען, אַז ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע אַנדערע פאַרגעניגענס. ער האָט איינגעזען אַז דער גרעסטער תענוג אין דער וועלט איז לערנען תורה. ער האָט געהאַט נאָר איין ציל אין לעבן, דאָס איז געווען צו וואַקסן און שטייגן אין תורה.

אויך נאָכדעם ווי ער האָט חתונה געהאַט, האָט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען תורה. וואָס מער ער האָט געלערנט, האָט ער געזען אַז די תורה איז ברייטער ווי די גאַנצע וועלט און איז טיפער ווי דער ים. די תורה

קען מען קיינמאָל נישט פאַרענדיגן אויסצולערנען. האָט ער זיך דעריבער פאַרשלאָסן אין זיין צימער און געלערנט טאָג און נאַכט. בייטאָג איז ער געזעסן איינגעהילט אין טלית און תפילין און געלערנט. ער איז נאָר געשלאָפן צוויי שעה אין מעת לעת. ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט קיין איבעריק וואָרט. אויך געגעסן האָט ער זייער ווייניג. ער האָט איינגעזען, אַז דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אין דער וועלט איז תורה.

אַזוי אַרום איז דער ווילנער גאון געוואָרן אַ לעבעדיגע ספר תורה. ער האָט געדענקט פון אויסנווייניק די גאַנצע תורה שבכתב און תורה שבעל פה און אויך אַלץ וואָס עס האָבן געלערנט די חכמים פון די שפעטערדיקע דורות. און אויך ער אַליין האָט אַנטפּלעקט נייע אוצרות אין דער תורה, וואָס מען האָט פריער נישט געוואוסט. גרויסע תלמידי חכמים לערנען ביז׳ן היינטיגן טאָג די וואונדערליכע זאַכן וואָס ער האָט אויסגעפונען אין דער תורה און זיי קוויקן זיך דערמיט.

די אידישע איינוואוינער פון דער שטאָט ווילנע האָבן זיך געפילט גליקלך, וואָס ביי זיי אין שטאָט וואוינט אַזאַ גרויסער און הייליגער איד. זיי האָבן געוואוסט אַז עס איז אַ גרויסער זכות צו האָבן ביי זיך אַזאַ גאון און צדיק. ווען דער ווילנער גאון האָט חתונה געהאַט, האָבן זיי דעריבער פאַר אים באַשטימט אַ חודש׳ליכע פענסיע. זיי האָבן געוואָלט, אַז דער גאון זאָל נישט דאַרפן זאָרגן פאַר פרנסה, נאָר ער זאָל קענען במנוחה זיך ווידמען צו תורה.

דאָס מאָנאַטליכע געהאַלט פלעגט די שטאָט שיקן צום גאון דורך דעם שמש פון דער שול. איינמאָל האָט דער שמש, וועלכער איז אַליין געווען אַ גרויסער אָרעמאַן, פאַרנוצט דאָס געלט פאַר זיך און עס נישט אָפּגעגעבן דעם גאון. רבי אלי׳ האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס דאָ האָט פּאַסירט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט פאַרשעמען אַן אָרימען איד, האָט ער דעריבער פאַר קיינעם וועגן דעם נישט דערציילט.

ווען דער שמש האָט געזען, אַז דער גאון מאָנט נישט דאָס געלט, האָט ער אויך שפּעטער אויפגעהערט צו ברענגען דאָס געהאַלט צום גאון. ער האָט צוגענומען דאָס געלט פאַר זיך.

דער גאון האָט גאַנץ גוט געוואוסט דערפון, אָבער ער האָט זיך געטראַכט, אַז מסתמא דאַרף דער שמש דאָס געלט, און ער האָט געשוויגן. פאַר אַ לאַנגער צייט האָט דער גאון געלעבט אין גרויס דחקות. אין שטוב איז כמעט נישט

געוועזן קיין שטיקל ברויט, אָבער דער גאון האָט אַלץ נישט געוואָלט פאַר־שעמען דעם שמש. ערשט ווען דער שמש איז קראַנק געוואָרן און געהאַלטן פאַר'ן שטאַרבן, האָט ער זיך מתודה געווען און דערציילט די גאַנצע געשיכטע.

דער ווילנער גאון האָט געהאַט אַ סך גרויסע תלמידים. דער גרעסטער פון זיי איז געווען רבי חיים וואָלאָזשינער, וועלכער האָט געגרינדעט די באַרימטע וואָלאָזשינער ישיבה און איז באַרימט ביז'ן היינטיגן טאָג פון זיינע הייליגע ספרים.

צוויי הונדערט און אַכט און פערציג מצוות עשה זענען פאַראַן אין דער תורה, אַזויפיל איברים אַ מענטש האָט, און יעדן טאָג שרייען זיי צום מענטש: „זיי מקיים אונזערע מצוות וועסטו לאַנג לעבען"! — און דריי הונדערט פינף זעכציק מצוות לא תעשה זענען פאַראַן אין דער תורה, פונקט ווי די צאָל טעג פון יאָר. יעדן טאָג ווען די זון שיינט אויף ביז זי גייט אונטער, רופט זי אויס צום מענטש: „איך בין אויף דיר גוזר דו זאָלסט נישט עובר זיין אויף אַן עבירה, כדי דו זאָלסט נישט באַוועגן דיך און די גאַנצע וועלט צום שלעכטן ח"ו!"

(מדרש תנחומא)

# פורים

דעם פערצנטן טאָג אין חודש אדר איז פורים. דאָס איז דער טאָג וואָס די נביאים און אונזערע הייליגע חכמים האָבן געמאַכט פאַר אַ יום טוב צו פייערן די מפּלה פון המן הרשע און די ישועה פון די אידן פון די הענט פון זייערע שונאים.

## תענית אסתר

דער דרייצנטער טאָג פון חודש אדר, דאָס הייסט ערב פּורים, איז אַ טאָג פון פאַסטן. דעם תענית רופט מען „תענית אסתר". דאָס איז אַלס זכר פון דעם תענית וואָס אסתר המלכה האָט געפאַסט און געהייסן מרדכי'ן און אַלע אידן פאַסטן, איידער זי איז געגאַנגען בעטן דעם קעניג אחשורוש מבטל צו מאַכן די גזירות פון המן הרשע.

דערפון לערנען מיר, אַז יעדעס מאָל וואָס אידן זענען אין אַן עת צרה, ח"ו, דאַרפן זיי בעטן צו השי"ת, און ווען אידן פאַסטן און בעטן מיטן גאַנצן האַרץ, הערט זיך השי"ת צו צו זייער תפילה און העלפט זיי פון יעדער געפאַר, פונקט אַזוי ווי ער האָט דאָס געטאָן אין די צייטן פון מרדכי הצדיק און אסתר המלכה.

דער תענית ווערט אָנגערופן „תענית אסתר", דערפאַר ווייל ס'איז געוועזן אסתר המלכה וואָס האָט גערופן צום תענית. איידער זי איז געגאַנגען צום קעניג בעטן פאַר די אידן, האָט זי געשיקט אַ שליח צו מרדכי הצדיק און אים געלאָזט זאָגן: „גיי און נעם צונויף אַלע אידן און פאַסט אויף מיר דריי טעג און דריי נעכט"! און אַזוי יעדעס יאָר, ערב פורים, פאַסטן דערוואַקסענע אידן, כדי צו דערמאָנען אַז דער אויבערשטער האָט געהאָלפן אַ דאַנק דעם תענית און די אידישע תפילות.

## מגילה לייענען

דעם דרייצנטן טאָג אין אדר, אין אָוונט, קומען זיך אידן צונויף אין שול און מען לייענט די מגילה, וואָס דערציילט די געשיכטע פון גרויסן נס אין פורים. מען טוט זיך אָן יום-טוב׳דיגע מלבושים און אויך פרויען קומען אין דער ווייבער-שול הערן לייענען די מגילה. די וואָס קענען נישט קומען, לייענט מען פאַר זיי אין דער היים.

די מצוה פון מגילה לייענען איז זייער גרויס, און מען דאַרף זי אויסהערן מיט גרויס כוונה, נישט צו פאַרפעלן קיין איין וואָרט. די מגילה ווערט געלייענט צוויי מאָל, איינמאָל דעם דרייצנטן טאָג אדר ביינאַכט און צומאָרגנס דעם פערצנטן טאָג אינדערפרי.

## שמחת פורים

פורים פרייען מיר זיך מער ווי אַ גאַנץ יאָר. אידישע פנים׳ער שטראַלן פון שמחה, ווייל די אידן פרייען זיך מיט ג-ט׳ס הילף. מען עסט און מען טרינקט מער ווי אַן אנדער מאָל, און מען פרייט זיך מיט ג-ט׳ס ישועה.

אידישע קינדער פאַרשטעלן זיך, זינגען און טאַנצן און שטעלן פאָר פאַרשידענע פורים-שפּילן, כדי פריילעך צו מאַכן און אַריינברענגען שמחה אין אידישע הערצער.

פורים פאַרנאַכט עסט מען די סעודת פורים, מיט ספּעציעלע פורים׳דיגע גוטע מאכלים.

## מתנות צו אָרימע לייט

אידן פרייען זיך טאַקע אין פורים, אָבער אַ אידישע שמחה איז גאַנץ אַנדערש פון גוי׳אישע שמחות. ווען גויים לאָזן זיך וואוילגיין און טרינקען זיך אָן, עסן זיי און טרינקען ביז צום פאַרגעסן זיך אינגאַנצן. ווען אידן פרייען זיך, פרייען זיי זיך מיט ג-ט. דעריבער אין טאָג פון דער גרויסער שמחה, פורים, האָט מען די אידן געגעבן נאָך אַ צאָל מצוות, וואָס ווייזן וויאַזוי אַ איד דאַרף זיך פרייען.

אין דעם טאָג איז אַ גרויסע מצוה צו געבן צדקה צו אָרימעלייט. אין דער מגילה ווערט דאָס אָנגערופן „מתנות לאביונים". די גרעסטע שמחה ביי אידן איז, ווען זיי קענען העלפן איינער דעם צווייטן, ווען זיי זאָרגן דערפאַר, אַז נישט נאָר זיי אַליין זאָלן עסן און טרינקען, נאָר אַז אויך אַנדערע זאָלן קענען געניסן פון דעם גוטן מיט וועלכן דער אויבערשטער האָט געבענטשט די וועלט.

אין אַמאָליגע צייטן זענען געווען אידן, וואָס בשעת זיי פלעגן זיך זעצן צו דער פורים'דיגער סעודה, האָבן זיי אַרויפגעלייגט אויפ'ן טיש אַ סך געלט, און געטיילט רעכטס און לינקס, ווער עס איז נאָר אַריינגעקומען, ביז זיי האָבן מער קיין געלט נישט געהאַט.

ערליכע אידן פירן זיך אַזוי אויך היינט. אין טאָג פון פורים פאַרטיילט מען פיל צדקה און מ'לאָזט קיינעם נישט אַרויס פון שטוב אָן אַ נדבה. וואָס מער צדקה זיי געבן, אַלץ מער ווערט זייער האַרץ אָנגעפילט מיט שמחה. זיי פרייען זיך דערמיט וואָס ג־ט האָט זיי געבענשט צו קענען געבן און העלפן אַנדערע. די מצוה פון צדקה אין פורים איז אַזוי גרויס, אַז אַ מענטש דאַרף אפילו נישט נאָכקוקן צי דער וואָס בעט דאַרף די נדבה, נאָר ווי עס שטייט אין די הייליגע ספרים: „ווער עס שטרעקט אויס אַ האַנט, דאַרף מען אים געבן".

## משלות מנות

אַ צווייטע מצוה איז פאַראַן אין פורים, וואָס ווייזט ווי אַנדערש עס באַדאַרף זיין אַ אידישע שמחה. פראָסטע מענטשן ווען זיי עסן זיך אָן און שיכור'ן זיך אָן, פאַרגעסן זיי אין דער גאַנצער וועלט. גאַנץ אָפט ברעכן גאָר שפּעטער אויס געשלעגן און מערדערייען, ווי איר קענט דאָס זען יעדעס מאָל נעבן אַ שענק. אַנדערש איז אָבער מיט אידן. ווען אידן עסן און טרינקען, ווערן זיי ברידערליכער און נאָענטער איינער צום צווייטן.

דאָס איז די מצוה „משלוח מנות". מען שיקט משלוח מנות צו קרובים, באַקאַנטע און גוטע פריינט. דורכדעם ווערט די פריינטשאַפט צווישן אידן נאָך שטאַרקער און ווען אידן לעבן צווישן זיך אין שלום און אין ליבשאַפט, ווערן זיי געשטאַרקט. דאָס איז טאַקע געווען וואָס

אסתר האָט געזאָגט צו מרדכי הצדיק: „נעם צוזאַמען אַלע אידן״. ווען עס הערשט צווישן אידן ליבשאַפט און טריישאַפט איינער צום צווייטן, קען קיין שום המן אָדער שונא זיי נישט באַזיגן.

## די פרייד פון אידישע טעכטער

דער יום טוב פורים האָט אַ ספּעציעלע פריידיגע באַדייטונג פאַר אידישע טעכטער, ווייל דער נס פורים איז דאָך געקומען דורך אַ אידישער טאָכטער — אסתר המלכה. עס איז דעריבער פון גרויס וויכטיגקייט, אַז אידישע טעכטער זאָלן זיך צוהערן צו דעם וואָס די מגילה דערציילט וועגן דער טריישאַפט וואָס אסתר המלכה האָט באַוויזן צום כלל ישראל, די טריישאַפט צו תורה, אויך דאַן ווען זי איז געווען אין קעניגליכן הויף.

שטעלט אייך נאָר פאָר. אידן זענען טאַקע געווען אין גלות, נאָר אסתר האָט געקענט לעבן פראַנק און פריי און געניסן פון אַלע פאַרגעניגנס אין קעניגליכן פּאַלאַץ. אָבער דאָך האָט זי דאָס נישט געטאָן. זי האָט נישט פאַרגעסן אויף דאָרט, אין קעניגליכן הויף, וואָס איר פעטער מרדכי הצדיק האָט מיט איר געלערנט. „און דאָס וואָרט פון מרדכי האָט אסתר געהיטן, פונקט ווי זי איז פריער געווען אים געטריי״, — דערציילט די מגילה. זי האָט דאָרט געהיטן די מצוות און אָפּגעהיטן וואָס מרדכי האָט איר אָנגעזאָגט.

אַלע אַנדערע פרויען וואָס מען האָט גענומען אין קעניגליכן פּאַלאַץ, האָבן אויסגענוצט דאָס רייכטום פון קעניגליכן הויף, די שיינע קליידער, די שמעקנדיגע פּאַרפיומען, די גרויסע בעלער. אָבער נישט אסתר. „ווען עס איז געקומען די ריי פון אסתר, פאַרגעשטעלט צו ווערן פאַר'ן קעניג, האָט זי גאַרנישט פאַרלאַנגט״ — דערציילט די מגילה. זי האָט אפילו גאַרנישט געוואָלט ווערן קיין קעניגין.

שפּעטער, ווען זי איז שוין געוואָרן קעניגין, האָט קיינער אין פּאַלאַץ נישט געוואוסט, אַז אסתר המלכה איז אַ אידישע. זי וואָלט לייכט געקענט אויסבאַהאַלטן און פאַרגעסן אין איר פאָלק. זי האָט געקענט זיך נישט ווּיסנדיג מאַכן פון די צרות פון איר פאָלק, וואָס האָבן איר פערזענליך גאַרנישט אָנגערירט. אָבער נישט אַזוי האָט

געהאַנדלט די געטרייע אידישע טאָכטער אסתר. „ווי קען איך צוקוקן וואָס עס פּאַסירט מיט מיין פאָלק", האָט אסתר אויסגערופן צום קעניג אחשורוש. זי האָט זיך מיט מסירת נפש איינגעשטעלט פאַר איר פאָלק.

אַט אַזוי דאַרף זיך פירן אַ אידישע טאָכטער. צניעות'דיג, געטריי צו איר פאָלק און תורה. דאָס איז איר גרויסקייט און שטאָלץ.

„איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי". — פאַרוואָס ווערט מרדכי הצדיק אָנגערופען „איש יהודי", ער איז דאָך נישט געווען פון שבט יהודה, נאָר פון שבט בנימין ? — דערפאַר ווייל ווען אחשורוש האָט געמאַכט דעם מאָלצייט זענען זיך דאָרט צוזאַמענגעקומען אַלע אידן און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען פון דער סעודה. אָבער מרדכי הצדיק איז נישט געגאַנגען צו דער סעודה און ער האָט נישט געגעסן פון די מאכלים, דעריבער ווערט ער אָנגערופן „איש יהודי".

(מדרש)

# די ירושה פון המן הרשע

— א —

מיט פיר-הונדערט יאָר צוריק האָט אין דער שטאָט דמשק, אין סיריע, געהערשט אַ בייזער פירשט. ער איז געווען די רעכטע האַנט פון מעכטיגן קאַליף פון באַגדאַד, וועלכער האָט געקעניגט איבער אַלע לענדער אין קליין-אַזיע.

דער פירשט איז געווען זייער געלט-גייציג און זיין תאוה צו געלט האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. אין דער שטאָט דמשק האָבן געוואוינט אַ סך אידן און דער פירשט האָט געוואָרפן אַן אויג אויף זייער פאַרמעגן. האָט ער אַמאָל צונויפגערופן די אידישע פירער פון דער שטאָט און צו זיי געזאָגט:

„הערט אוים, אידן! איך, דער פירשט פון דמשק האָב צו אייך אַ קלאַגע. מיר קומט ביי אייך אַ סך געלט. וויסן זאָלט איר, אַז איך בין אַן אור-אייניקל פון המן בן המדתא, וועמען אייערע אור-עלטערן האָבן געלאָזט אויפהענגען אין שושן הבירה. צען טויזנט זילבערנע פונט מטבעות האָט מיין עלטער-זיידע המן געגעבן צום קעניג אחשורוש, בכדי אומצוברענגען די אידן. דורך אייערע קונצן מיט אסתר המלכה און מרדכי איז די גזירה בטל געוואָרן און איר עקזיסטירט ביז׳ן היינטיגן טאָג. אָבער די צען טויזנט זילבער פונט האָבן אייערע עלטערן נישט צוריקגעגעבן נישט המנ׳ען און נישט פאַר זיינע יורשים. איך בין דער יורש, און איך פאָדער צוריק דאָס געלט. אויב איר וועט מיר דאָס געלט צוריקגעבן, וועל איך אייך לאָזן צורו. אויב אָבער נישט, וועל איך היינט אויספירן די גזירה פון מיין עלטער-זיידן און איך וועל אייך אַלע פאַרטיליגן, ווי מיין זיידע האָט געהאַט געפּלאַנט".

ווען די אידישע פירער האָבן דאָס דערהערט, זענען זיי געפאַלן דעם פירשט צו די פיס און אים געבעטן ער זאָל רחמנות האָבן, ווייל זיי האָבן נישט אַזויפיל געלט. — ווען מיר זאָלן אפילו אַלץ

פאַרקויפן פון אונזערע היימען, ביז צום לעצטן העמד, פאַרמאָגן מיר נישט אַזויפיל געלט, — האָבן זיי זיך געבעטן ביים פירשט.

אָבער דער אכזריות׳דיגער פירשט פון דמשק איז געבליבן ביי דאָס זייניגע:

— איך גיב אייך צייט ביז דעם דרייצענטן טאָג אין חודש אדר. אויב איר ברענגט מיר דאָס געלט ביז דעמאָלט, איז גוט. אויב אָבער נישט, וועל איך אַרויסגעבעבן אַ באַפעל אייך אומצוברענגען.

די שטאָט-פירער זענען אַרויס טרויעריגע און צעבראָכענע פון רשע׳ם הויז. זיי האָבן צוזעמאַנגענומען אַלע אידן פון דמשק אין דער שול און זייער געוויין און תפלה איז דערגאַנגען עד לב השמים.

— ב —

אין יענע טעג האָט אין דער הייליגער שטאָט צפת, אין ארץ ישראל, אַ שטאָט מיט אַ סך צדיקים און תלמידי חכמים, געלעבט דער הייליגער צדיק און ג-טליכער מענטש, וועמענס אויגן האָבן געזען פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן — רבינו יצחק לוריא ז״ל, באַקאַנט מיט׳ן נאָמען דער „אר״י הקדוש״.

ווען דער אר״י הקדוש איז געוואויר געוואָרן וועגן דער גרויסער סכנה וואָס דראָעט די אידן אין דמשק, האָט ער מתפלל געווען צו השי״ת און ער האָט אַרויסגעשיקט צו די דאָרטיגע אידן אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט געשריבן:

„צוליב אייערע זינד, האָט השם יתברך אויף אייך געשיקט דעם רשע, וועלכער באַרימט זיך אַז ער איז אַן אייניקל פון המן בן המדתא. האָט פאַר אים נישט קיין מורא. דער עיקר, טוט תשובה צו ג-ט מיט׳ן גאַנצן האַרצן, און איר וועט זען, אַז ג-ט וועט צעשטערן זיין פלאַן, פונקט ווי ער האָט צעשטערט דעם פלאַן פון המן. גיט אים נישט קיין געלט, ווייל דער אויבערשטער וועט אייך צושיקן אַ גרויסן נס״.

ווען די אידן פון דמשק האָבן דערהאַלטן דעם בריוו פון אר״י הקדוש, האָבן זיי זיך מער נישט געשראָקן. זיי האָבן געוואוסט, אַז

רבי יצחק לוריא איז אַ הייליגער מענטש און אַז השי״ת האָט דורך אים שוין באַוויזן אַ סך נסים.

דער נס איז טאַקע שנעל געקומען.

— ג —

אין אַ געוויסער נאַכט איז אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם־ווינט. דונערן און בליצן האָבן געשפּאָלטן די הימלען, ביימער האָבן זיך געבראָכן, וואַסערן האָבן געשטורעמט. עס האָט אויסגעזען ווי די וועלט וואָלט געהאַלטן ביים אונטערגיין.

אין דער זעלבער נאַכט האָט דער פירשט פון דמשק געהאַט אַ חלום. ער געפינט זיך אינמיטן מאַרק פון דמשק, און דאָרט שטייט אַ גרויסע תליה, אויף וועלכער עס הענגען עלף מענטשן, און נעבן זיי הענגט נאָך אַ שטריק און אַ האָק.

דער פירשט שטייט און וואונדערט זיך: ווער זענען די עלף געהאנגענע מענטשן און פאַר וועמען איז די צוועלפטע תליה?

ווי דער פירשט שטייט און וואונדערט זיך, הערט ער אַ לאַכענדיגע שטימע:

„רשע! פאַרוואָס דערקענסטו נישט דיין זיידן המן און זיינע קינדער. און די ליידיגע שטריק, איז פאַר דיר!״

דער פירשט האָט געוואָלט אַנטלויפן, אָבער דאָ קומט אונטער אַ תליין און כאַפּט אים אָן. ער נעמט אַרום אַ שטריק אַרום זיין האַלדז און שלעפּט אים צו דער תליה. דער פירשט הויבט אָן צו וויינען און ער בעט זיך ביים תליין ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן.

„רשע! — שרייט אויף אים אָן דער תליין. — דו אַליין גרייטסט דיך אויסצוהרג׳ענען אַ גאַנצע עדה, און דו בעטסט נאָך רחמנות?! אויב דו ווילסט נישט הענגען צוזאַמען מיט דיין זיידן, האָב איך פאַר דיר אַן עצה: נעם אָט דעם פּאַרמעט און שרייב אונטער, אַז דו האָסט שוין באַקומען די צען טויזנט זילבער פונט, און אַז דו ביסט מבטל די גזירה״.

פון גרויס פחד האָט דער פירשט גענומען דעם פאַרמעט און שנעל אָנגעשריבן אַז ער האָט באַקומען די צען טויזנט זילבער פון זיין זיידנס ירושה. ער האָט דערויף אַרויפגעלייגט דעם קעניגליכן שטעמפּל און זיך אַליין אונטערגעשריבן.

ווי נאָר ער האָט אונטערגעשריבן, איז געקומען אַ ווינט און אַרויסגעריסן פון זיין האַנט דעם אונטערגעשריבענעם דאָקומענט און אים פאַרטראָגן. אין דער מינוט האָט זיך דער פירשט אויפגעוועקט פון שלאָף.

— ד —

וואָס מיינט איר האָט פּאַסירט מיט דעם דאָקומענט?

אין צפת איז אין זיין שטוב געשטאַנען דער הייליגער אר״י ז״ל און תפילה געטאָן פאַר די אידן אין דמשק. אין דעם מאָמענט האָט דער ווינט אויפגעריסן דאָס פענסטער פון אר״י הקדוש׳ס חדר׳ל, און דורכ׳ן פענסטער איז אַריינגעפלויגן דער אונטערגעשריבענער דאָקומענט פון פירשט אין דמשק.

דער אר״י הקדוש האָט גענומען דעם דאָקומענט און אים מיט אַ ספּעציעלן שליח געשיקט צו די קהלה-פירער קיין דמשק. ער האָט זיי אָנגעזאָגט אים צו היטן און צו האַלטן די גאַנצע זאַך בסוד, ביז עס וועט קומען דער דרייצנטער טאָג אין אדר, ווען דער פירשט וועט פון זיי מאָנען דאָס געלט.

ווען עס איז געקומען דער חודש אדר, האָט דער פירשט געלאָזט צו זיך רופן די פירער פון די אידן אין דמשק, און זיי דערמאָנט אַז זיי האָבן נאָך דרייצן טעג צו ברענגען דאָס געלט, ווייל אויב נישט וועט ער איצט אויספירן המן׳ס גזירה.

דער ראש הקהל פון די אידן אין דמשק האָט דעמאָלט אויפגעוויקלט דעם פאַרמעטענעם דאָקומענט און געזאָגט:

— לייענט וואָס אַט דאָ שטייט געשריבן.

דער פירשט איז געוואָרן דערציטערט. ער האָט זיך דערמאַנט אין יענעם חלום, אין די תליות, און אין דעם ווי ער האָט אונטער־געשריבן, אַז די אידן זענען אים מער גאָרנישט שולדיג.

— איך זע איצט, — האָט דער פירשט געזאָגט, — ווי איר אידן האָט אַ גרויסן און שטאַרקען ג־ט וואָס היט אייך. איצט גייט אַהיים און גרייט אייך צו פּראַווען אייער פּורים. איך פאַרזיכער אייך, אַז עס וועט אייך פון היינט אָן קיינער נישט וואַגן שלעכטס צו טאָן.

אַזוי האָט דער אר״י הקדוש, פון דער הייליגער שטאָט פון צדיקים, מיט זיין תפילה אָפּגעראַטעוועט אַ גאַנצע אידישע קהלה פון אַ חורבן.

# דאָן יצחק אברבנאל

„אויב איר מיינט, אַז איר קענט צווינגען די אידן זיך אונטערצוגעבן, און אַז די אידן וועלן זיך שמד'ן, ר"ל, האָט איר אַ גרויסן טעות. די אידן וועלן קיינמאָל נישט אויפגעבן זייער אמונה אין איינציגן ג־ט. און אויב איר מיינט אַז איר וועט קענען די אידן אומברענגען, האָט איר נאָך אַ גרעסערן טעות. די אידן זענען אַן אייביק פאָלק. אַ סך שונאים האָבן זיך שוין פאַרמאָסטן צו פאַרטיליקן ח"ו די אידן, אָבער עס איז זיי נישט געלונגען. די אידן זענען געבליבן לעבן. נאָר אויף זיך אַליין האָבן די שונאי ישראל געבראַכט ג־ט'ס קללה".

אָט די ווערטער האָט גערעדט אַ איד צום מעכטיקן קעניג פערדינאַנד און צו דער קעניגין איזאַבעלא פון שפּאַניען, ווען זיי האָבן אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די אידן פון שפּאַניען מוזן זיך שמד'ן, און אַז די אידן וואָס וועלן זיך נישט שמד'ן, זאָלן אַרויסגעטריבן ווערן פון לאַנד און זייער פאַר־מעגן זאָל קאָנפיסקירט ווערן.

דער איד וואָס איז געקומען בעטן צום קעניג און קעניגין פון שפּאַניען פאַר די אידן און וואָרענען זיי קעגן זייער שריט, איז געווען אַ גרויסער אידישער תלמיד חכם און געלערנטער, דאָן יצחק אברבנאל.

דאָן יצחק אברבנאל איז געבוירן געוואָרן מיט העכער פינף הונדערט יאָר צוריק אין ליסאַבאָן, די הויפּט שטאָט פון פּאָרטוגאַל. אַ סך אידן האָבן דעמאָלט געוואוינט אין פּאָרטוגאַל און אין די שכנות'דיגע לענדער. דאָן יצחק אברבנאל האָט געשטאַמט פון אַ מיוחס'דיגער משפחה, וואָס האָט געצויגן זייער אָפּשטאַם אַזש פון דוד המלך. זיין פאָטער האָט אים געשיקט צו גרויסע רבנים און תלמידי חכמים, פון וועמען ער האָט געלערנט אַ סך תורה און חכמה.

פון זיין פאָטער האָט דאָן יצחק אברבנאל גע'ירשנ'ט אַ גרויס פאַרמעגן. און ער אַליין מיט זיין גרויסער חכמה, האָט דאָס פאַרמעגן נאָך מער פאַר־גרעסערט. ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן און איז געוואָרן איינער פון די רייכסטע מענטשן פון זיין צייט. אָבער זייענדיג רייך, איז ער נישט געוואָרן

גרויס ביי זיך. ער האָט מיט זיין געלט געהאָלפן אָרימע אידן און באַזונדערס תלמידי חכמים.

ווען דער קעניג אַלפאָנסאָ פון פּאָרטוגאַל האָט זיך דערוואוסט פון דער גרויסער חכמה פון רבי יצחק אברבנאל, האָט ער אים באַשטימט אַלס איינעם פון זיינע הויפּט ראַטגעבער. ער האָט אים געמאַכט פאַר זיין פינאַנץ מיניסטער, אָנצופירן מיט אַלע געלט ענינים פון דער מלוכה. רבי יצחק אברבנאל האָט זייער שטאַרק מצליח געווען אויף דעם דאָזיגן פּאָסטן. מיט זיינע אויסערגעוויינליכע קענטעניש, האָט ער רייך געמאַכט די מלוכה קאַסע און דער קעניג איז אים דערפאַר זייער דאַנקבאַר געווען.

רבי יצחק אברבנאל האָט אָבער נישט אויסגענוצט דעם קעניגס דאַנק־באַרקייט פאַר זיינע אייגענע אינטערעסן אָדער פאַר אייגענעם כבוד, נאָר פאַר דער טובה פון די אידן וואָס האָבן געוואוינט אין פּאָרטוגאַל. דער קעניג האָט טאַקע גוט באַהאַנדלט די אידן און נישט דערלויבט פאַר די שונאי ישראל זיי זאָלן שלעכטס טאָן די אידן. ער האָט פאַר די אידן געגעבן פאַר־שידענע פּריווילעגיעס און עס האָט זיך זיי גוט געלעבט.

רבי יצחק אברבנאל האָט געהאַט אַ סך אויפגאַבן אויפ׳ן קענגליכן הויף, און אַ סך כבוד. אָבער ער האָט דערביי קיינמאָל נישט פאַרגעסן זיינע פליכטן אַלס איד. ער האָט זיך אויפ׳ן קעניגליכן הויף נישט געשעמט מיט זיין אידישקייט. פאַרקערט, ער האָט דערמיט שטאָלצירט. ווען דער קעניג האָט געמאַכט אַ סעודה, האָט מען פאַר רבי יצחק אברבנאל געבראַכט כשר עסן. דער קעניג האָט קיינמאָל נישט גערופן רבי יצחק אברבנאל צו קומען שבת אָדער יום טוב. אַלע האָבן געוואוסט, אַז רבי יצחק אברבנאל איז אַן אָפּגעהיטענער איד אין אַלע מצוות און זיי האָבן אים דערפאַר רעספּעקטירט.

וויפיל רבי יצחק אברבנאל איז געווען פאַרנומען אין קעניגליכן פּאַלאַץ, האָט ער שטענדיג געדענקט אַז די הויפּט אויפגאַבע פון אַ איד איז צו לערנען תורה און דינען דעם אויבערשטן. ווען נאָר ער האָט געהאַט אַ מינוט צייט און ער איז געווען פריי פון זיינע פליכטן, האָט ער געלערנט תורה און געזוכט צו טאָן מצוות און מעשים טובים. ער האָט נישט בלויז געלערנט אַליין, נאָר ער האָט אויך געלערנט מיט אַנדערע. ער האָט זיך אויך גענומען שרייבן אַ פּירוש אויף תנ״ך, אַזוי אַז אידן זאָלן לייכטער קענען פאַרשטיין די רייד פון השי״ת און די נביאים.

דאָס גליק פון דאָן יצחק אברבנאל און פון די אידן אין פּאָרטוגאַל האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער קעניג אַלפאָנסאָ איז געשטאָרבן

און אויף זיין אָרט איז אַרויף אויפ'ן קעניגליכן טראָן זיין זון. דער נייער קעניג איז געווען אַ שלעכטער מענטש און ער האָט נישט געוואוסט וועגן די וואונדערבאַרע זאַכן וואָס דער אידישער מיניסטער האָט געטאָן פאַר'ן לאַנד. ער האָט זיך געלאָזט צורעדן פון בייזע מענטשן, אַז דער אידישער מיניסטער איז אים נישט געטריי און דער קעניג האָט באַפוילן אים צו אַרעסטירן.

דורך אַ נס איז רבי יצחק אברבנאל ניצול געוואָרן. פריינט פון קעניג־ליכן הויף האָבן אים באַצייטנס געוואָרנט, אַז דער קעניג פּלאָנט אים שלעכטס צו טאָן. רבי יצחק אברבנאל האָט איינגעפּאַקט אַ ביסל פון זיינע זאַכן און איז אַנטלאָפן קיי שפּאַניען. ווען דער קעניג איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער נאָכגעשיקט זיינע רייטער סאָלדאַטן אים צו כאַפּן, אָבער זיי האָבן עס נישט באַוויזן צו טאָן.

רבי יצחק אברבנאל איז אָנגעקומען קיין טאָלעדאָ, שפּאַניען. די אידן פון טאָלעדאָ האָבן אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און ליבשאַפט. דאָן יצחק אברבנאל האָט געהאַט פאַרלוירן אַ סך פון זיין פאַרמעגן וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין ליסאַבאָן. אָבער ער האָט זיך נישט שטאַרק מצער געווען. ער איז אין האַרצן געווען צופרידן, וואָס ער דאַרף מער נישט דינען קיין קעניג אויף דער וועלט, נאָר ער קען זיך אָפּגעבן מיט לערנען תורה און שרייבן זיינע ספרים.

ווען דער קעניג פון שפּאַניען האָט זיך דערוואוסט, אַז דער אידישער מיניסטער פון פּאָרטוגאַל געפינט זיך אין זיין לאַנד, האָט ער אים פאַרבעטן צו זיך אין פּאַלאַץ און אים באַשטימט פאַר זיין פינאַנץ מיניסטער. ער האָט געהאַט געהערט וויאַזוי רבי יצחק אברבנאל האָט רייך געמאַכט פּאָרטוגאַל, און ער האָט געוואָלט אַז ער זאָל דאָס זעלבע טאָן פאַר שפּאַניען. אַזוי איז טאַקע געווען. אַ דאַנק זיינע קלוגע עצות איז אויך שפּאַניען זייער רייך געוואָרן. דער שפּאַנישער קעניג האָט אַ דאַנק דעם געלט געקענט פירן גרויסע מלחמות. ער האָט איינגענומען נייע שטעט און לענדער און שפּאַניען איז געוואָרן איינע פון די מעכטיגסטע מדינות.

אויך אין שפּאַניען האָט רבי יצחק אברבנאל נישט אויסגענוצט זיין אָנזען און כבוד אין קעניגליכן הויף פאַר זיין אייגענעם נוצן, נאָר כדי צו טאָן טובות פאַר אידן. פאַר אַ לאַנגער צייט האָט ער טאַקע באַוויזן צו שיצן די אידישע באַפעלקערונג קעגן די פּלענער פון די שונאי ישראל און די אידן אין שפּאַניען האָבן געלעבט אין מנוחה.

אָבער אויך דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער קעניג און די קעניגין פון שפּאַניען האָבן געהאַט אַ ראַטגעבער אַ גלח, מיט'ן נאָמען טאָרקוועמאַדאַ, וועלכער האָט געהאַסט די אידן. טאָרקוועמאַדאַ האָט צוגערעדט דעם קעניג און די קעניגין, אַז זיי זאָלן אַרויסגעבן אַ באַפעל וואָס זאָל צווינגען די אידן זיך צו שמד'ן, אָדער צו פאַרלאָזן שפּאַניען.

טאָרקוועמאַדאַ האָט געמיינט, אַז די אידן וועלן זיך שרעקן צו ווערן פאַרטריבן, און זיי וועלן זיך שמד'ן. אָבער די אידן אין שפּאַניען האָבן גאָרנישט געטראַכט דערפון. זיי זענען געווען אַנטשלאָסן צו ליידן און נישט צו פאַרלאָזן דעם ג־ט פון זייערע אבות.

ווען רבי יצחק אברבנאל האָט געהערט פון דער שרעקליכער גזירה, איז ער געלאָפן צום קעניג און צו די קעניגין. ער האָט זיי געבעטן צו געדענקען, אַז אידן האָבן רייך געמאַכט דאָס לאַנד. ער האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אידן וועלן זיך קיינמאָל נישט שמד'ן, ווייל זיי האָבן ליב זייער ג־ט און זיין תורה. אָבער דאָס קעניגליכע פּאָרל, האָט מורא געהאַט פאַר דעם רשע טאָרקוועמאַדאַ, און זיי האָבן נישט געוואָלט נאָכגעבן די בקשה פון זייער אידישן מיניסטער.

און דאַן האָבן זיך אָנגעפאַנגען די צרות און פּייניגונגען פון די אידן שפּאַניען. צוערשט האָט מען די פאַרשפּאַרט אין טורמעס און פאַרפּייניקונגס־קעלערן. דאָרט האָט מען די אידן געצוואונגען זיך צו שמד'ן, ר״ל. ווען די אידן האָבן דאָס נישט געוואָלט טאָן, האָט מען זיי געפּייניגט מיט די גרויזאַמסטע און ברוטאַלסטע מיטלען. מען פלעגט זיי קאַטעווען די לייבער אויף ספּעציעלע אָנגעצויגענע ברעטער; מען פלעגט זיי אַרויסרייסן די נעגל פון די פינגער; ברענען זייער לייב מיט הייסע אייזנס און נאָך פאַרשידענע מוראדיגע פּייניקונגען.

ווען דאָס אַלעס האָט נישט געהאָלפן און די אידן זענען אַלץ געבליבן טריי צו זייער הייליגער אמונה, האָבן דאַן די רשעים, די אינקוויזיטאָרן, אָנגעצונדן שייטער־הויפנס און אויף זיי פאַרברענט טויזנטער אידן לעבעדיג. די דאָזיגע אינקוויזיציעס האָבן אָנגעהאַלטען פאַר לאַנגע יאָרן. אין משך פון דער טראַגישער תקופה האָבן די שפּאַנישע רשעים אומגעבראַכט דעם גרעסטן טייל פון די דאָרטיגע אידן. די שפּאַנישע אינקוויזיציע איז פאַרצייכנט אַלס איינס פון די טראַגישסטע קאַפּיטלען אין דער אידישער געשיכטע.

עס זענען אויך געווען צווישן די אידן אין שפּאַניען אַ גרויסער טייל, וועלכע האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן די שרעקליכע צרות און עינוים. זיי

האָבן אויסערליך אָנגענומען דאָס קריסטליכע גלויבן, אָבער באַהאַלטענערהייט האָבן זיי ווייטער געפירט אַ אידיש לעבן, געהיטן די תורה און מצוות. די דאָזיגע אידן, וועלכע מיר רופן „אנוסים פון שפּאַניען״ פלעגן האָבן באַשטימטע פּלעצער אין באַהאַלטענע קעלערן, וואו זיי פלעגן זיך צוזאַמענקומען דאַוונען, לערנען, אָפּריכטן דעם סדר פסח בייַנאַכט און מקיים זיין אַנדערע מצוות. פאַר־שטייט זיך אַז דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויס סכנת נפשות. אָפטמאָל פלעגן זיך דערוויסן רשעים וועגן זייערע באַהעלטענישן און מען האָט זיי גע׳מסר׳ט און אויסגעגעבן פאַר די ברוטאַלע אינקוויזיטאָרן, וועלכע האָבן דאַן אַרויסגעשלעפּט די אנוסים און זיי פאַרברענט.

די לעבן געבליבענע אידן וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט שמד׳ן, זענען געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, איבערלאָזנדיג זייער גאַנץ פאַר־מעגן אין שפּאַניען. דאָס פאַרטרייבן די אידן פון שפּאַניען ווערט באַצייכנט אַלס „גירוש שפּאַניען״. ווען די אידן האָבן פאַרלאָזט שפּאַניען, האָבן זיי אויף זיך מקבל געווען מער נישט צוריקצוקערן זיך צו וואוינען אין דעם דאָזיגן פאַרשאָלטענעם לאַנד.

דער קעניג און קעניגין פון שפּאַניען האָבן טאַקע געהאַט באַשלאָסן צו פאַרטרייבן די אידן. אָבער רבי יצחק אברבנאל׳ן האָבן זיי געוואָלט לאָזן ער זאָל בלייבן אין שפּאַניען. זיי האָבן זיך גענויטיגט אין זיין קלוגן ראָט. זיי האָבן אים געבעטן צו בלייבן און אים צוגעזאָגט אַ סך געלט און כבוד. אָבער רבי יצחק אברבנאל האָט נישט געוואָלט אפילו הערן דערפון. ווען עס איז געקומען דער טאָג פון פאַרטרייבן די אידן איז רבי יצחק אברבנאל אַוועק צוזאַמען מיט זיינע ברידער אין גלות. פאַר לאַנגע חדשים האָבן זיי געוואַנדערט הונגעריקע, ביז זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט אין נייע לענדער.

רבי יצחק אברבנאל איז צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פאַרטריבענע אידן אָנגעקומען קיין איטאַליען. ער האָט געוואוינט אין פאַרשידענע שטעט אין איטאַליע. אויך דאָ האָבן באַלד די קעניגן און פירשטן צו זיך גערופן רבי יצחק אברבנאל׳ן און אים געגעבן הויכע פּאָסטנס. רבי יצחק אברבנאל איז געווען אַזוי געלערנט, אַז וואו נאָר ער איז געקומען, האָט ער באַלד געקענט די שפּראַך פון לאַנד און מען האָט אומעטום באַוואונדערט זיין חכמה.

אויך אין איטאַליען האָט ער אויסגענוצט זיין באַקאַנטשאַפט מיט די מלכים און פירשטן כדי צו העלפן אידן. ער האָט זיך ספּעציעל באַמיט צו

העלפן די פאַרטריבענע פון שפּאַניען, זיי זאָלן זיך קענען איינאָרדענען נייע היימען און נייע פּרנסות פאַר זיך און זייערע קינדער.

איינמאָל האָט פּאַסירט אַז דער קעניג האָט געפירט אַ מלחמה מיט טאַנזשיר און גענומען דאָרט אַ סך געפאַנגענע. צווישן די געפאַנגענע זענען געווען 250 אידן, וואָס דער קעניג האָט געוואָלט פאַרקויפן פאַר שקלאַפן. ווען רבי יצחק אברבנאל האָט דאָס געהערט, האָט ער נישט גערוט. ער האָט צונויפגעזאַמלט אַ גרויסע סומע געלט פון צען טויזנט גאָלד דובלאָנען און אויסגעלייזט די אידן פון געפאַנגענשאַפט. אַ גרויסער טייל פון דעם געלט איז געווען זיין אייגן. אַזוי האָט רבי יצחק אברבנאל תמיד געזאָרגט פאַר זיינע ברידער אין יעדער עת צרה.

די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך אָפּגעגעבן הויפּטזעכליך מיט לערנען תורה און שרייבן ספרים. דאָס איז דאָך געווען זיין שטרעבן דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט פאַרטיג געמאַכט אַ פּירוש כמעט אויף גאַנץ תורה, נביאים און כתובים, אויף מסכת אבות, אויף דער הגדה און פיל אַנדערע ספרים. אידישע תלמידי חכמים לערנען זיי ביז'ן היינטיגן טאָג און קוויקן זיך מיט זיין גרויסער חכמה, וואָס איז זיין ירושה פאַר אייביגע אידישע דורות.

רבי יצחק אברבנאל איז פאַרבליבן איינער פון די שענסטע געשטאַלטן אין דער געשיכטע פון אונזערע גדולי ישראל.

# פורים סאַראַגאָסאַ

— א —

דאָס איז פאָרגעקומען אין די צייטען פון קעניג סאַראַגאָסוס, אין לאַנד אַראַגאָניע, וואָס איז געווען אַ טייל פון שפּאַניען. אין דער הויפּטשטאָט פון קעניגרייך האָבן געלעבט אויך אַ סך אידן, וועלכע האָבן געוואוינט אין באַזונדערן שטאָט-קוואַרטאַל. דער קעניג סאַראַגאָסוס איז געווען גוט צו די אידן. ער האָט זיי דערלויבט צו האַנדלען און צו באַשעפטיגן זיך מיט וואָס נאָר זיי האָבן געוואָלט. אין לאַנד זענען אויך געווען אַ סך גויים, וועלכע האָבן פיינט געהאַט די אידן. אָבער דער קעניג האָט די אידן געשיצט פון זייערע שונאים און ער האָט נישט דערלויבט פאַר זיי שלעכטס צו טאָן.

די אידן אין סאַראַגאָסאַ זענען דאַנקבאַר געווען דעם קעניג פאַר זיין גוטסקייט. יעדעס מאָל ווען דער קעניג פלעגט קומען אין דעם אידישן שטאָט-קוואַרטאַל, פלעגן דעריבער די אידן אַרויסגיין און אים מקבל פנים זיין מיט גרויס פּאַראַד.

ווען זיי האָבן געדאַרפט אָנטאָן דעם קעניג אַ סך כבוד, פלעגן די אידן אַרויס-נעמען די ספרי תורה'ס פון די שולן, וואָס זיינען געשטאַנען אין שיינע גאָלדענע „כתונת'לעך" (מענטעלעך) און מיט זיי פּאַראַדירן פאַר דעם קעניג.

דער קעניג האָט זייער הנאה געהאַט פון דעם דאָזיגן כבוד וואָס די אידן פלעגן אים אָפּגעבן מיט די ספרי תורה'ס, און ער פלעגט דעריבער קומען אין אידן-קוואַרטאַל וואָס אָפטער. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט אָנגעפאַנגען צו קומען יעדע פאַר טאָג. די עלטערע אידן אין סאַראַגאָסאַ, האָבן דערפון נישט געהאַט קיין גרויס הנאה. דאָס אַרויסנעמען אַזוי אָפט די ספרי תורה'ס פון ארון הקודש, האָבן זיי באַטראַכט פאַר אַ בזיון פון די ספרי תורה'ס. זיי האָבן טאַקע געוואָלט מכבד זיין דעם קעניג, אָבער די ספרי תורה'ס זענען

דאָך דאָס הייליגסטע וואָס אידן פאַרמאָגן, און מען טאָר זיי נישט פאַרשוועכן.

האָבן די אידן אין סאַראַגאָסאַ באַשלאָסן נישט מער מקבל פנים צו זיין דעם קעניג מיט די ספרי תורה׳ס, אַנשטאָט דעם האָבען זיי אים אויפגענומען נאָר מיט די גאָלדענע מענטעלעך אליין, און די ספרי תורה׳ס האָבן זיי געלאָזט אין ארון הקודש.

— ב —

אין דער הויפטשטאָט סאַראַגאָסאַ האָט צו יענער צייט געוואוינט אַ שלעכטער איד מיט׳ן נאָמען חיים שמאי, וועמען עס האָט זיך פאַרגלוסט צו ווערן גרויס אין די אויגן פון קעניג. איז דער דאָזיגער חיים שמאי אוועק צום גלח פון דער שטאָט און זיך גע׳שמד׳ט, ר״ל. דער קעניג איז טאַקע געווען זייער פריינטלעך צו די אידן, אָבער צו אַ משומד איז ער געווען נאָך פריינטליכער. ער האָט דעריבער דעם משומד געמאַכט פאַר איינעם פון זיינע נאָענטע ראַטגעבער, און אים אַ נאָמען געגעבן מאַרקוס.

דער משומד האָט כסדר געוואָלט חנפ׳ענען דעם קעניג און אַרויסווייזן זיין גרויס פריינטשאַפט צו אים. איינמאָל ווען דער קעניג איז צוריקגעקומען פון אַ באַזוך אין אידישן קוואַרטאַל און דערציילט פאַר זיינע ראַטגעבער ווי פריינטליך די אידן האָבן אים אויפגענומען, און אַז זיי האָבן אים מקבל פנים געווען מיט 36 ספרי תורה׳ס, האָט זיך אויפגעשטעלט דער משומד און אַזוי געזאָגט:

„מיין קעניג! גלויבט נישט די אידן, אַז די אידן זענען אייך באמת געטריי און איבערגעגעבן, און אַז זיי גיבן אייך דעם געהעריגן כבוד. איר זאָלט וויסן, אַז די גאָלדענע מענטעלעך מיט וועלכע זיי גייען אייך אַנטקעגן, זענען פאַקטיש ליידיג. די ספרי תורה׳ס לאָזן זיי איבער אין ארון הקודש און אייך נאַרן זיי אָפּ!״

ווען דער קעניג האָט דאָס דערהערט, איז ער שרעקליך דער־צאָרנט געוואָרן. ער האָט באַלד אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַלע זיינע האַרן און באַראָטער צו זיין גרייט פאַרן מאָרגנדיקן טאָג. „מאָרגן באַלד אינדערפרי״ — האָט דער קעניג געזאָגט — „וועלן מיר נאָכאַמאָל

מאַכן אַ באַזוך אין אידישן קוואַרטאַל. דאָסמאָל וועלן מיר אַ קוק טאָן וואָס עס געפינט זיך אין די גאָלדענע מענטעלעך. אויב עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די רייד פון מאַרקוס זענען אמת, וועלן מיר זיך נוקם זיין אין די אידן. מיר וועלן זיי, די אידן, פאַרקויפן פאַר קנעכט און זייער גאַנץ פאַרמעגן וועלן מיר קאָנפיסקירן פאַר'ן מלוכה אוצר".

— ג —

אין דער זעלבער נאַכט האָט דער אַלטער שמש פון די אידישע שולן אין סאַראַגאָסאַ זיך געלייגט שלאָפן אַ רואיגער און צופרידענער. פאַר'ן גיין שלאָפן איז ער געווען אין יעדער שול און אומעטום איז אַלץ געווען אין דער בעסטער אָרדענונג. ער האָט זיך אָנגעגרייט נעגל-וואַסער נעבן בעט, געלייענט קריאת-שמע מיט גרויס כוונה, געזאָגט ברכת „המפיל" און איז שנעל איינגעשלאָפן.

מיטאַמאָל האָט ער אָבער געהאַט אַ זעלטענעם חלום. ער האָט געזען נעבן זיך אַן אַלטן מאַן, מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד, און דער אַלטער מאַן האָט אים געזאָגט:

„שטיי אויף אין דער גיך, גיי צוריק אין די שולן און לייג אַריין די ספרי תורה'ס אין די גאָלדענע מענטעלעך. דערצייל קיינעם גאָרנישט. טו ווי איך האָב דיר געהייסן. דאַן לייג זיך צוריק שלאָפן".

דער שמש האָט זיך שנעל אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געטאָן אַזוי ווי דער אַלטער מאַן אין חלום האָט אים באַפוילן. ער האָט קיינעם גאָרנישט געזאָגט. נאָכדעם ווי ער האָט אַריינגעלייגט אַלע ספרי תורה'ס אין די מענטעלעך, האָט ער זיך צוריק געלייגט שלאָפן.

צומאָרגנס אינדערפרי, — דאָס איז געווען זיבעצן טאָג אין חודש שבט, — זענען די איינוואוינער פון אידישן קוואַרטאַל אויפגעוועקט געוואָרן זייער פרי פון זייער שלאָף. קעניגליכע רייטער זענען אָנגעפאָרן און האָבן אָנגעזאָגט, אַז דער קעניג קומט. די אידן האָבן זיך שנעל אויפגעכאַפּט און ווי תמיד אַרויסגעגאַנגען מקבל פנים זיין דעם קעניג. אין שפּיץ זענען געגאַנגען די אידישע פירער מיט די גאָלדענע מענטעלעך פון די ספרי תורה'ס.

באַלד איז אָנגעקומען דער קעניג מיט דער גאַנצער סוויטע פון זיינע פרינצן און מיניסטאָרן און הינטער זיי זענען געפאָרן דריי הונדערט סאָלדאַטן, וואָס זענען געווען גרייט נקמה צו נעמען אין די אידן, אויב דער קעניג וועט דאָס באַפעלן.

ווען דער קעניג איז אַריינגעקומען אין אידישן קוואַרטאַל און באַגעגנט די אידן מיט די מענטעלעך פון די ספרי תורה׳ס, האָט ער געזאָגט:

— דאָסמאָל אידן, וועט איר מיך מער נישט אָפּנאַרן. איך וויל אַליין זען, אויב די ספרי תורה׳ס מיט וועלכע איר בענטשט מיך, געפונען זיך טאַקע אין די גאָלדענע מענטעלעך.

אַ גרויסע שרעק איז באַפאַלן די אידן הערנדיג די ווערטער פון קעניג. „מיר זענען פאַרלוירן” — האָבן די אידן געטראַכט, נישט וויסנדיג פון דעם וואָס איז פאָרגעקומען די לעצטע נאַכט.

די רייטער פון קעניג זענען אַראָפּ פון זייערע פערד און האָבן געעפנט די גאָלדענע מענטעלעך, און זיי געברענגט צוזאַמען מיט די ספרי תורה׳ס, גענוי אַזוי ווי דער שמש האָט זיי אין דער לעצטער נאַכט געהאַט אַריינגעלייגט.

ווען דער קעניג האָט דאָס דערזען, איז ער געוואָרן שרעקליך אין כעס אויף דעם משומד מאַרקוס. ער האָט תיכף באַפוילן אַז מען זאָל נאָך אין דעם זעלבן טאָג אויפהענגען דעם משומד אינמיטן דער גאַס און דערנאָך אים פאַרברענען.

דערפאַר אָבער האָט דער קעניג פאַר די אידן געדאַנקט פאַר זייער געטריישאַפט. און אנשטאָט דעם וואָס ער האָט פריער געטראַכט זיי שלעכטס צו טאָן, האָט ער זיי איצט באַלוינט. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו באַפרייען די אידן פון באַצאָלן זייערע שטייערן פאַר גאַנצע דריי יאָר און זיי באַשאַנקען מיט אַ סך אַנדערע פריווילעגיעס וואָס זיי האָבן פריער נישט געהאַט.

# דער חוזה פון לובלין

מיט העכער 150 יאָר צוריק, האָט אין דער שטאָט לובלין געלעבט אַ גרויסער און הייליגער רבי, רבי יעקב יצחק הורוויץ, וועמען מען האָט גערופן דער „חוזה" — דער זעער. מיט'ן דאָזיגן נאָמען איז דער רבי פון לובלין באַקאַנט ביז'ן היינטיגן טאָג.

פאַרוואָס האָט מען אים גערופן דער „חוזה" — דער זעער? וועגן דעם וועלן מיר אייך דערציילן אַביסל שפּעטער. פריער וועלן מיר אייך אַביסל דערציילן זיין לעבנס געשיכטע, וויאַזוי ער איז געוואָרן דער רבי נישט נאָר פון פילע טויזנטער חסידים, נאָר אויך דער רבי פון די גרעסטע רבי'ס פון זיין צייט.

זיין פאָטער רבי אליעזר איז געווען רב אין יאָזעפאָוו און האָט געשטאַמט פון גרויסן יחוס, וואָס האָט זיך געצויגן צום של"ה הקדוש, דער מחבר פון גרויסן הייליגן ספר „שני לוחות הברית".

דער קליינער יעקב יצחק האָט שוין פון קינדווייז אָן אָנגעהויבן צו געראָטן אין זיינע גרויסע הייליגע עלטערן. ער האָט פרום געדאַוונט און געלערנט מיט גרויס התמדה, און נאָך גאָר יונג איז ער געווען ווען ער איז אָנגענומען געוואָרן אַלס תלמיד פון באַרימטן גאון רבי שמעלקא פון ניקלסבורג.

דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלסבורג האָט געהאַט די בעסטע תלמידים פון גאַנץ אייראָפּע. אין זיין ישיבה זענען אָנגעקומען די שאַרפסטע קעפּ און עילויים פון אַלע לענדער. אָבער פון דער ערשטער מינוט האָט ר' שמעלקא געוואָרפן אַן אויג אויף דעם אינגעלע פון יאָזעפאָוו, און אויף אים אַמאָל געזאָגט צו זיין רביצין: „ער וועט אויסוואַקסן צו אַ גרויסן רבי'ן פון טויזנטער חסידים און ער וועט פאַרלייכטן די גאַנצע וועלט מיט זיין צדקות".

דורך זיין רבין רבי שמעלקא איז ר' יעקב יצחק געוואָרן אַ חסיד פון הייליגן מגיד פון מעזריטש, און ווער דער מעזריטשער מגיד איז נפטר געוואָרן, איז ער געוואָרן אַ חסיד פון הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק. בייביידע גרויסע רביים האָט רבי יעקב יצחק געלערנט די הייליגע וועגן פון צדקות און חסידות און ער איז געשטיגן פון מדרגה צו מדרגה. אָבער זיין

גאַנצע תורה און מעשים טובים האָט ער באַהאַלטן פון מענטשליכע אויגן, אַז קיינער זאָל דערפון נישט וויסן.

אָבער לאַנג האָט ער דאָס נישט געקענט באַהאַלטן, ווייל דער רבי ר׳ אלימלך פון ליזשענסק האָט אים אַזוי שטאַרק מכבד געווען און אַזוי ליב געהאַט, אַז אַלע האָבן געמוזט זען, אַז ער האָט אַ געוואַלדיג גרויסע נשמה. איידער דער רבי פון ליזשענסק איז נפטר געוואָרן, האָט ער טאַקע רבי יעקב יצחק׳ן געמאַכט פאַר זיין ממלא מקום און הונדערטער חסידים האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צו אים.

ווען רבי יעקב יצחק איז געוואָרן רבי האָט ער זיך באַזעצט אין טשעכאַיוו, נישט ווייט פון לובלין. אָבער אין דער לובלינער געגנט האָבן דעמאָלט געוואוינט אַ סך מתנגדים וואָס האָבן נישט געגליכן די וועגן פון די חסידים. רבי יעקב יצחק האָט נישט אַרויסגעוויזן זיין גרויס לומדות, און זיי האָבן געמיינט אַז ער קען נישט אַזויפיל לערנען. זיי האָבן אים דעריבער שטאַרק גע׳רודפ׳ט.

אָבער עס האָט נישט לאַנג גענומען און אַלע האָבן איינגעזען זיין גרויסקייט. די מעשה איז געווען אַזוי: אין טשעכאַיוו איז געווען אַ מנהג, ווי אין אַ סך אַנדערע שטעט, אַז דער שמש פלעגט אַרומגיין אויפוועקן די אידן צו גיין דאַוונען אין בית מדרש. איינמאָל אינדערפרי איז דער שמש אַדורכגעגאַנגען דאָס הויז פון רב ר׳ יעקב יצחק. געקלאַפּט האָט ער נישט, ווייל ער האָט געוואוסט אַז ר׳ יעקב יצחק שלאָפט שוין נישט. אָבער ווי נאָר ער איז אַדורך איז ר׳ יעקב יצחק אַרויסגעלאָפן פאַר דער טיר און אַ געשריי געטאָן צום שמש:

„שטיי, ריר זיך נישט פון אָרט!״

דער שמש איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער. ר׳ יעקב יצחק איז אַריינגעלאָפן אין שטוב און אַרויסגעבראַכט אַ טעפּל וואַסער מיט אַ שיסל און געזאָגט:

״שמש, זייט אייך מרחם, וואַשט אייך די הענט. איר האָט זיך היינט פאַרגעסן אָפּצוגיסן די נעגל״.

דער פרומער שמש האָט אָנגעהויבן ציטערן פאַר פחד. ער האָט זיך דערמאָנט וואָס דאָ איז פאַרגעקומען. עס איז אמת געווען. די זעלבע נאַכט איז פאָרגעקומען אין שטאָט אַ חתונה, און דער שמש איז געגאַנגען שלאָפן זייער שפּעט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט צו וועקן די שטאָט־אידן צום דאַוונען, איז ער געווען אַזוי פאַרשלאָפן אַז ער האָט פאַרגעסן זיך אָפּצוגיסן די נעגל.

ווען די זאַך איז באַקאַנט געוואָרן, האָבן אַלע איינגעזען אַ רבי יעקב יצחק איז אַ הייליגער מענטש וואָס האָט רוח הקודש. טויזנטער חסידים האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צו רבי יעקב יצחק׳ן, וועלכער איז שנעל באַקאַנט געוואָרן מיט׳ן נאָמען „דער חוזה״ — דער זעער.

חוזה (זעער) דערפאַר, ווייל רבי יעקב יצחק האָט מיט זיינע הייליגע אויגן געזען, דאָס וואָס אַ פשוטער מענטש האָט נישט געקענט זען. ווען עס איז צו אים געקומען אַ איד און ער האָט אָנגעקוקט דעם איד, האָט ער באַלד געזען אַלעס וואָס איז באַהאַלטן אין מוח און אין האַרצן פון דעם איד. און נישט נאָר וואָס עס טוט זיך ביי אים אין האַרץ, נאָר אויך וואָס עס טוט זיך ביי אים אין זיין שטאָט און אין זיין שטוב.

מיט זיינע הייליגע אויגן האָט דער חוזה געקענט פאָראויסזען וואָס עס וועט פאָרקומען. ער האָט פריער געוואוסט ווער עס קומט צו אים און וואָס יענער טראַכט.

אַזוי ווערט דערציילט אַ מעשה וואָס האָט פאַסירט מיט דעם הייליגן גאון און צדיק דער „ישמח משה״, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ תלמיד פון חוזה. דער ישמח משה, ווי באַוואוסט, האָט שטאַרק געקלאָגט אויף חורבן בית המקדש, און ער האָט אַלעמאָל מתפלל געווען אויף ביאת המשיח. איידער ער איז געפאָרן צום חוזה איז ער געווען אַ שאַרפער מתנגד. ווען ער האָט באַשלאָסן דאָס ערשטע מאָל צו פאָרען צום חוזה קיין לובלין, האָט ער אויפ׳ן וועג אַריינגעטראַכט פאַרוואָס חסידים זענען אַלעמאָל לוסטיג און פריילעך, דאָרט ווי אידן דאַרפן זיין אין צער צוליב דעם חורבן בית המקדש. טראַכטנדיג וועגן דעם, האָט ער ביי זיך געקלערט, אַז ער וועט פאַרלייגען די שאלה פאַר׳ן חוזה, און ער וועט אים מסתמא העלפן געפינען אַן ענטפער דערויף, וואָרים די גמרא זאָגט „הבא לטהר מסייעין אותו״ — ווער עס קומט רייניגן זיינע געדאַנקען, העלפט מען אים. ווייל די גמרא זאָגט נישט אַז השם יתברך העלפט אים, נאָר „מען העלפט אים״, מיינט עס אוודאי אַז די צדיקים העלפן צו מטהר צו זיין. און מיט אָט די מחשבות איז ער אַריינגעקומען צום הייליגן לובלינער. ווען דער חוזה האָט אים דערזען, האָט ער אים באַלד געזאָגט: „שיניאַווער רב (דער ישמח משה איז נאָך דעמאָלט געווען רב אין שיניאַווע) — פאַרוואָס זענט איר אַזוי פאַרזאָרגט? אמת, מען דאַרף טאַקע צו טרויערן אויף גלות השכינה און חורבן בית המקדש, אָבער דאָס דאַרף זיין אינערליך אין האַרץ, אָבער אויסערליך דאַרף מען זיין שטענדיג פריילעך און לוסטיג. איך זאָג דאָס אייך דערפאַר, ווייל די גמרא זאָגט „הבא לטהר

מסייעין אותו״, דעריבער מוז מען יענעם צוהעלפן צו פאַרשטיין דעם ריכטיגן דרך...

דער ישמח משה האָט באַלד דערזען דעם רוח הקודש וואָס דער הייליגער חוזה האָט תופס געווען זיינע אינערליכע מחשבות, און ער איז באַלד געוואָרען איינער פון זיינע גרעסטע תלמידים.

נאָך אַ מעשה איז געווען מיט׳ן ישמח משה. אין שיניאַווע איז געווען אַ לובלינער חסיד, און ווען דער ישמח משה איז געפאָרן קיין לובלין, האָט אים יענער לובלינער חסיד מיטגעגעבן שמעק־טאַבאַק פאַר דעם חוזה. דער ישמח משה האָט נאַטירליך גערן מיטגענומען די מתנה פאַר׳ן לובלינער רבי׳ן. אויפן וועג, האָט דער ישמח משה געלערנט די גמרא, אַז ווער עס ברענגט אַ מתנה צו אַ תלמיד חכם, איז פונקט ווי ער וואָלט מקריב געווען בכורים. דער ישמח משה האָט זיך זייער דערפרייט. עס שטייט דאָך המביא — ווער עס ברענגט, און נישט ווער עס שיקט — האָט ער ביי זיך געטראַכט. און הגם די מתנה איז נישט מיינע, אָבער איך בין דאָך דער ברענגער.

ווען דער ישמח משה איז אַריינגעקומען צום חוזה און ער האָט אים אָוועקגעגעבן דעם טאַבאַק, האָט זיך דער חוזה מיט דער מתנה שטאַרק דערפרייט און אים שטאַרק געדאַנקט. אָבער דער ישמח משה, אין זיין גרויס צדקות, האָט נישט געוואָלט אַז דער רבי זאָל מיינען אַז די מתנה איז זיינע, דעריבער האָט ער אים נאָכאַמאָל געזאָגט, אַז דעם טאַבאַק האָט געשיקט זיין חסיד ר׳ יעקב. דערויף האָט אים דער חוזה געזאָגט: שיניאַווער רב, איר האָט דאָך ערשט געלערנט די גמרא „המביא״ — ווער עס ברענגט, דאָס איז דער עיקר, און נישט ווער עס שיקט.

נאָך אַ מעשה ווערט דערציילט פון הייליגן חוזה:

אַ גרופּע חסידים זענען אַמאָל געקומען קיין לובלין. געפירט האָט זיי אַ פּשוטער בעל עגלה. דער בעל עגלה האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן אַריינגיין צום רבי׳ן. ער איז געווען אַ פּראָסטער מענטש, וואָס האָט קוים געקענט דאַוונען. דאָך האָט ער געבעטן, אַז איינער אַ חסיד זאָל אָנשרייבן אַ קוויטל פאַר אים צום רבי׳ן.

ווען די חסידים זענען אָנגעקומען זענען זיי אַוועק צום רבי׳ן און דער בעל עגלה איז אַוועק אין קרעטשמע. אָבער ווי דערשטוינט זענען די חסידים געוואָרן, ווען דער רבי האָט זיך אפילו אויף זייערע קוויטלעך נישט אומגעקוקט, נאָר ער האָט זיך געפרייט מיט׳ן קוויטל פון דעם פּראָסטן בעל עגלה. „דאָס קוויטל לייכט״ — האָט דער חוזה געזאָגט.

די חסידים זענען אַרויסגעלאָפן אויפזוכן דעם בעל עגלה און זיי האָבן אים געפונען אין אַ קרעטשמע. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז נישט פשוט וואָס דער רבי האָט זיך אַזוי געפרייט מיט זיין קוויטל. האָבן זיי דעריבער אָנגעהויבן אים אויסצופרעגן וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט, זינט זיי זענען אָנגעקומען קיין לובלין.

דער בעל עגלה האָט זיי איינפאַך און אויפריכטיג דערציילט, אַז ווען ער איז אָנגעקומען קיין לובלין האָט ער געזוכט אַ קרעטשמע. אָבער אויפ׳ן וועג איז ער דורכגעגאַנגען פאַר אַ הויז וואו עס איז פאָרגעקומען אַ חתונה, און ער איז דאָרט אַריינגעגאַנגען. אינצווישן איז אויף דער חתונה אויסגעבראָכן אַ גרויס קריגעריי. די כלה איז געווען אַן אָרימע אידישע טאָכטער, און אירע עלטערן האָבן נישט געהאַט געגעבן דעם חתן קיין טלית, ווי עס איז געווען דער מנהג. ווען דעם חתנ׳ס מחותנים האָבן זיך דערפון דערוואוסט, האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסן שטורעם און זיי האָבן נישט געוואָלט לאָזן שטעלן די חופה. די כלה איז געזעסן אַ פאַרשעמטע און עס האָט געהאַלטן דערביי אַז מען זאָל זיך צעגיין.

„דאָס האַרץ האָט מיר פאַרקלעמט, ווען כ׳האָב געזען ווי די אָרימע כלה און אירע עלטערן וויינען" — האָט דער בעל עגלה דערציילט. איך בין אַרויסגעלאָפן אין גאַס צו אַ מוכר ספרים און אים אָוועקגעגעבן מיין גאַנץ געלט און געבראַכט אַ טלית. באַלד האָט מען טאַקע געשטעלט די חופה. די כלה איז געווען גליקלעך, די מחותנים גליקלעך, און אויך איך האָב געטרונקען אַ גלעזל משקה..." — האָט ער הויך געלאַכט מיט זיין בעל עגלה׳שע שטימע.

ערשט איצט האָבן די חסידים פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער רבי האָט זיך אַזוי געפרייט לייענענדיג דעם בעל עגלה׳ס קוויטל.

טויזנטער חסידים פלעגן קומען קיין לובלין. עס זענען געקומען גרויסע אידן, באַרימטע רבנים און תלמידי חכמים לערנען פון אים תורה און צדקות, און סתם אידן בכדי צו קריגן אַ ברכה אָדער אַ ישועה פאַר זייערע צרות. דער חוזה האָט אַלע מקרב געווען צום אויבערשטן אין הימל, די גרויסע האָט ער דערהויבן צו העכערע מדריגות אין תורה, און די פשוט׳ע האָט ער געהאָלפן מיט זיין קלוגע עצה און תפילה צום אויבערשטן.

אין דער גאַנצער וועלט האָט געקלונגען זיין נאָמען. אָבער דער חוזה אַליין, האָט זיך געהאַלטן אַז ער איז גאָרנישט ראוי דערצו. אין זיין גרויס צדקות האָט ער זיך גאָרנישט געהאַלטן גרעסער פון אַנדערע. ער האָט

אַלעמען מכבד געווען. ספּעציעל תלמידי חכמים, ווען אפילו זיי זענען נישט געווען קיין חסידים.

אין לובלין גופא האָבן געוואוינט אַ סך מתנגדים. בראש פון זיי איז געווען דער בּאַרימטער לובּלינער רב ר׳ עזריאל הורוויץ, וועמען מען האָט גערופן „דער אייזערנער קאָפּ״. האָט דער „אייזערנער קאָפּ״ אַמאָל געפרעגט דעם חוזה: „פאַרוואָס עפּעס לאָזט איר אַז אידן זאָלן קומען צו אייך און איר האָט זיך געמאַכט פאַר אַ רבי. איר זאָגט דאָך אַליין אַז איר זענט נישט ראוי דערצו?!

האָט אים דער חוזה געענטפערט: וואָס זאָל איך טאָן, אַז די אידן קומען פאַרט צו מיר?

— וואָס הייסט, וואָס איר זאָלט טאָן? גייט אַרויף שבת אויף דער בימה און זאָגט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אַז איר זענט נישט קיין רבי!

האָט דער חוזה אַזוי געטאָן. דעם קומענדיגן שבת, ווען אין בית המדרש האָט זיך געפינען אַ גרויסער עולם, איז דער חוזה אַרויף אויף דער בימה און אויסגערופן: „רבותי, איר זאָלט וויסן אַז איך בין נישט קיין רבי. איך בין אַ פּשוט׳ער איד, און כ׳בעט אייך מער נישט צו קומען צו מיר״.

איר פאַרשטייט דאָך אודאי, אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן. נאָך מער חסידים האָבן אָנגעהויבן צו קומען צום חוזה.

ווען דער אייזערנער קאָפּ האָט דערנאָך באַגעגנט דעם חוזה, האָט ער אים געזאָגט: „איך זעה דאָך אַז דאָס האָט נישט געהאָלפן, נאָר אדרבה, איר האָט נאָך געקראָגן מער חסידים, דעריבער זע איך נישט קיין אַנדערע עצה נאָר איר זאָלט דעם קומענדיגן שבת אַרויפגיין אויף דער בימה און אויס־רופן אַז איר זענט אַ גרויסער רבי און צדיק. אפשר וועט דאָס העלפן און פאַרטרייבן די חסידים.

— אָ, דאָס נישט, — האָט דער לובּלינער געענטפערט. קיין ליגן קען איך נישט זאָגן. אַז איר האָט מיר געהייסן זאָגן אַז איך בין נישט קיין רבי, האָב איך אייך געפאָלגט, ווייל דאָס איז אמת. אָבער זאָגן אַ ליגן, אַז איך בין אַ גרויסער צדיק, דאָס קען איך נישט טאָן...

דער חוזה איז געווען דער רבי פון אַ סך חסידישע רביים אין פּוילן, גאַליציען און אונגאַרן. ער איז נפטר געוואָרן תשעה באב. נאָך זיין פּטירה האָבן זיינע תלמידים פאַרשפּרייט זיין תורה אויף דער גאַנצער אידישער וועלט און זייערע אייניקלעך זענען די חסידישע מנהיגים ביזן היינטיגן טאָג.

# פסח

דער הייליגער יום טוב פסח רופט ביי יעדן פון אונז אַרויס פריידיגע דערמאָנונגען. שוין וואָכן פריער גרייט מען זיך צום דאָזיגן יום טוב. דער יום טוב וואָס אידן זענען אַרויס פון ביטערן גלות מצרים, נאָכדעם ווי השי״ת האָט מיט אונז געטאָן גרויסע נסים; די עשר מכות וואָס די מצריים זענען מיט זיי געשלאָגן געוואָרן; דאָס שפּאַלטן פון ים סוף; און דער קלימאַקס מיט זיבן וואָכן שפּעטער — קבלת התורה ביים באַרג סיני, ווען אידן זענען געוואָרן אַ ג-טליך פאָלק.

פּסח, דער יום טוב פון אונזער באַפרייאונג, איז געווען די ערשטע גאולה פון ערשטן אידישן גלות, און די דאָזיגע צייט איז מסוגל אויסגעלייזט צו ווערן אויך פון אונזער לעצטן גלות.

## שבת הגדול

דער שבת פאַר פסח ווערט אָנגערופן „שבת הגדול״ — דער גרויסער שבת. פאַראַן אַ סך טעמים פאַרוואָס אָט דער שבת ווערט באַצייכנט אַלס דער גרויסער שבת.

קודם כל איז דאָס דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען דער ערשטער גרויסער שבת פאַר די אידן אין מצרים. אין דאָזיגן שבת, וואָס איז געווען דער צענטער טאָג אין חודש ניסן, פינף טאָג פאַר'ן אַרויסגיין פון מצרים, האָבן די אידן זיך גענומען גרייטן צום קרבן פסח. די מצריים האָבן צוגעזען, ווי די אידן נעמען אַ שעפּעלע און בינדן עס צו צו זייער בעט, האָבן זיי געפרעגט די אידן צוליב וואָס זיי טוען דאָס. די אידן האָבן געענטפערט אַז דאָס שעפּעלע וועט מען מקריב זיין פאַר אַ קרבן פסח, ווי דער אויבערשטער האָט געבאָטן. די מצריים האָבן געדינט צו שאָף, און זיי האָבן געזען ווי די אידן בינדן צו זייער אָפּגאָט, האָבן זיי געקריצט מיט די ציין פון גרוים כעס, אָבער זיי האָבן שוין גאָרנישט געקענט טאָן פאַר די אידן.

אין דאָזיגן שבת לייענט מען די הפטורה אין ספר מלאכי, ווי דער נביא זאָגט פאָראויס די קומענדע גאולה. דער נביא רופט אָן די גאולה „יום הגדול" — דער גרויסער טאָג. און אויך צוליב דעם רופן מיר דעם שבת „שבת הגדול". אויסער דעם זענען נאָך פאַראַן פיל אַנדערע טעמים. אָבער מיר אַלע ווייסן און פילן די גרויסקייט פון דעם שבת וואָס קומט פאַר דעם גרויסן יום טוב צו וועלכן מיר גרייטן זיך מיט אַזאַ בענקשאַפט, דערוואַרטונג און פרייד.

# פסח

פופצן טאָג אין חודש ניסן פייערן מיר דעם יום טוב פסח. דערפון מאַכן מיר — ווי אין סוכות — די ערשטע און די לעצטע צוויי טעג יום טוב. די מיטלסטע פיר טעג זענען „חול המועד".

מיט דעם יום טוב פסח זענען פאַרבונדן אַ סך מצוות פון דער תורה, און כדי אַלץ מקיים צו זיין בשלימות און פראַווען דעם יום טוב ווי די תורה האָט געבאָטן, דאַרף מען טאָן זייער פיל זאַכן. מען דאַרף רוימען דאָס הויז; באַקן מצות; איינקויפן ספּעציעלע מאכלים; אויסרוימען דעם חמץ און פאַרקויפן עס, און נאָך און נאָך. דאָס אַלץ טוען ערליכע אידן מיט גרויס פרייד און התלהבות. און נישט נאָר דערוואַקסענע, אויך די קינדער וואָס פאַרשטייען שוין אַביסעל אידישקייט, נעמען אָנטייל אין די דאָזיגע צוגרייטונגען צום הייליגן יום טוב פסח. ווייל דער יום טוב פילט אָן מיט באַזונדערע שמחה די אידישע קינדער.

ווי איר ווייסט שוין אוודאי, האָט די הייליגע תורה אונז געבאָטן צו פראַווען דעם יום טוב פסח, לזכר דער באַפרייאונג פון אונזערע עלטערן פון קנעכטשאַפט אין מצרים, אָדער ווי מען רופט עס אויף לשון הקודש „יציאת מצרים". דער יום טוב פסח האָט אָבער אַ גאַנצע ריי נעמען.

## חג המצות

די תורה באַצייכנט דעם יום טוב „חג המצות" — דער יום טוב פון מצות, ווייל מיר עסן אין די דאָזיגע טעג נישט קיין אַנדער מעל-געבעקס ווי מצות.

די מצות זענען אַ זכר פון די מצות וואָס אונזערע עלטערן האָבן געגעסן ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים. ווי איר ווייסט, האָט פּרעה דער קעניג פון מצרים, נישט געוואָלט אַרויסלאָזן די אידן פון מצרים. ער האָט זיך נישט געוואָלט צוהערן צו די וואָרענונגען פון דעם ג-טליכן שליח משה רבינו, וועלכער האָט אים געוואָרנט נישט צו האַלטן מער די אידן אין געפאַנגענשאַפט. אויך די מכות וואָס ג-ט האָט געשיקט אויף די מצריים האָבן נישט געהאָלפן, ביז דער מכת בכורים, ווען אין איין נאַכט זענען אויסגעשטאָרבן אַלע בכורים אין מצרים, דעמאָלט האָט פּרעה מער שוין נישט געקענט וואַרטן אַז די אידן זאָלן פאַרלאָזן זיין לאַנד. ס'איז געוואָרן אַזאַ איילעניש, אַז די טייג וואָס אידן האָבן זיך געהאַט אָנגעגרייט צו באַקן זייער ברויט, האָט נישט געקענט זויער ווערן. זיי האָבן מיט זיך גענומען דאָס טייג און די זון האָט זיי באַלד געבאַקן אין מצות.

אַלס זכר דערפון עסן מיר אין פּסח נאָר מצות, וואָס דאָס איז נישט-געזויערט געבעקס. יעדעס זויער געבעקס ווערט אָנגערופן חמץ, און חמץ האָט די תורה שטרענג פאַרבאָטן. נישט נאָר טאָרן מיר נישט עסן קיין חמץ, נאָר ס'טאָר זיך אפילו נישט געפינען אין אַ אידיש הויז. ווען עס בלייבט אין אַ אידיש הויז אפילו נאָר אַ ברעקעלע חמץ, איז דאָס אַ גרויסע עבירה.

## דער פאַרבאָט פון חמץ

דעריבער ווען עס קומט פאַר פּסח, ווערט דאָס אידישע הויז אויסגעריינציגט ווי נײַ. קיין שום זאַך ווערט נישט אַדורכגעלאָזן. דאָס פאַרוואָרפנסטע ווינקעלע אין הויז, אַלע שענק און שענקלעך, ווערן אויסגעריינציגט און געוואַשן. דאָס בעטגעוואַנט ווערט געלופטערט און אַזוי אויך די ספרים וואָס געפינען זיך אין הויז. אַלץ בכדי אויסצוראַמען יעדן שפּור פון חמץ.

כלים וואָס מען נוצט אַ גאַנץ יאָר צום עסן און צום קאָכן, טאָר מער נישט נוצן אין פּסח, ווייל אין די דאָזיגע כלים האָט מען גענוצט חמץ'דיגע מאכלים אָדער געטראַנקען. אין יעדער אידישער שטוב געפינען זיך דערפאַר ספּעציעלע כלים וואָס מען נוצט נאָר אין פּסח.

אויך אַנדערע מאכלים וואָס זענען נישט קיין חמץ, ווי למשל צוקער, זאַלץ, קאַפע, טשאָקאָלאַד, טיי, מילכיגע זאַכן א. א. וו. קויפט מען אויף פסח נאָר פון אַזעלכע סוחרים וואָס מען ווייזט אַז זיי זענען אָפּגעהיטן געוואָרן און נישט געקומען אין קאָנטאַקט מיט קיין חמץ׳דיגע שפּייזן. מען קויפט דעריבער די אַלע זאַכן נאָר פון ערליכע פאַרלעסליכע אידן, וואָס טוען זאָרגפעלטיג אָפּהיטן די אַלע שפּייזן פון אַ חשש חמץ.

## מצות שמורה

איר האָט זיכער געהערט דאָס וואָרט „מצות שמורה" וואָס אַ סך ערליכע אידן עסן אין פסח. — וואָס זענען דאָס אַזוינס די מצות שמורה ?

דאָס זענען מצות וואָס זענען געבאַקן פון אַזאַ מעל וואָס איז געמאָלן געוואָרן פון אָפּגעהיטענעם ווייץ זינט דער ווייץ איז אָפּגע־שניטן געוואָרן פון פעלד, אַז ער זאָל נישט נאַס ווערן, און אַזוי האָט מען אַכטונג געגעבן אויפ׳ן ווייץ און אויף דעם מאָלן ביז נאָכ׳ן באַקן די מצות. דערפון שטאַמט דער נאָמען „מצות שמורה משעת קצירה" — אָפּגעהיטענע מצות פונעם אָפּשניידן דעם ווייץ אין פעלד.

ווער עס האָט נאָר די מעגליכקייט איז מהדר צו עסן מצות שמורה גאַנץ פסח, אָבער אפילו די וואָס קענען דאָס נישט באַווייזן, באַמיען זיך צו האָבן שמורה מצות לכל הפחות צום סדר, ווען דאָס עסן פונעם ערשטן כזית מצה איז אַ גרויסע מצוה פון דער תורה און מען מאַכט דערויף די ברכה „על אכילת מצה".

## בדיקת חמץ

שוין וואָכן פאַר פסח באַמיט מען זיך אויסצורוימען דעם חמץ. אָבער ענדגילטיג ווערט דאָס געטאָן אין דער נאַכט צום פערצנטן טאָג פון חודש ניסן, ערב פסח. דער פאָטער פון הויז קוקט דעמאָלט דורך דאָס גאַנצע הויז צי עס איז ח"ו נישט פאַרבליבן אין הויז קיין חמץ. דאָס רופט זיך „בדיקת חמץ".

בדיקת חמץ איז אַ מצוה און מען מאַכט דערויף אַ ברכה. היות אָבער אין כמעט יעדער אידישער שטוב איז שוין מער נישט פאַראַן קיין חמץ, און טאָמער געפינט מען נישט קיין חמץ וועט דאָך די ברכה זיין אַ ברכה לבטלה, גרייט מען דערפאַר צו עטליכע שטיקעלעך האַרט ברויט, געוויינליך צען שטיקלעך, כדי דער טאַטע ווען ער איז בודק חמץ זאָל זיי אויפזוכן. בדיקת חמץ ווערט געטאָן מיט אַ ליכט, וואָס קען צוקומען אויך אין די ווינקעלעך און שפּאַרעס. נאָכ׳ן בודק זיין ווערט דאָס געפונענע חמץ צוזאַמענגענומען און אַוועקגעלייגט בכדי עס מאָרגן פרי צו פאַרברענען.

ערב פּסח אין דער פרי טאָר מען נישט עסן קיין חמצ׳דיגע מאכלים נאָר ביז אַ באַשטימטער צייט. די זאַכן וואָס אַנטהאַלטן אין זיך חמץ דאַרף מען פאַרקויפן פאַר אַ גוי. אויב מען האָט זיי נישט פאַרקויפט פאַר אַ גוי, טאָר מען עס נישט נוצן נאָך פּסח. דערנאָך פאַרברענט מען דעם חמץ וואָס מען האָט געפונען ביי בדיקת חמץ מיט אַ נאַכט פריער.

## חג הפסח

אַז דער יום טוב ווערט אָנגערופן חג הפסח, ווייסט איר אַלע. וואָס איז די באַדייטונג דערפון?

פּסח איז דער נאָמען פון דעם קרבן וואָס די אידן האָבן גע־ברענגט אין מצרים איידער זיי זענען פון דאָרט אַרויס. בעפאָר השי״ת האָט געשלאָגן די מצריים מיט דער „מכת בכורות״, האָט השי״ת אָנגעזאָגט פאַר משה רבינו, אַז יעדע אידישע משפחה זאָל שחט׳ן אַ שעפּעלע פאַר אַ קרבן צו ג־ט. מיט׳ן בלוט פון דאָזיגן קרבן האָבן זיי אָנגעשמירט די טירן פון זייערע הייזער, און ווען דער אויבערשטער האָט געשלאָגן די בכורים אין מצרים, האָט ער איבערגעהיפּט איבער די הייזער וואו עס האָט זיך געפונען אַ צייכן פונעם בלוט פון קרבן פּסח, ווייל דאָס איז אַ אידיש הויז.

דאָס וואָרט „פּסח״ מיינט טאַקע איבערהיפּן. אַ דאַנק דעם קרבן זיינען די אידישע הייזער ניצול געוואָרן. ווען די אידן זענען אַרויס פון מצרים האָט השי״ת באַפוילן די אידן צו ברענגען יעדעס

יאָר אַ קרבן פסח. און דער יום טוב פון יציאת מצרים ווערט דעריבער אָנגערופן „חג הפסח".

אַזוי לאַנג ווי די אידן האָבן געהאַט אַ בית המקדש, האָבן זיי יעדעס יאָר געבראַכט דעם קרבן פסח. זייט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, זענען בטל געוואָרן די קרבנות, אָבער יאָר יערליך דערמאַנען מיר דעם קרבן פסח. ספּעציעל אין דער נאַכט פון סדר, צום זכר פון יענע צייטן ווען אידן האָבן געפייערט דעם יום טוב פון יציאת מצרים מיט'ן קרבן פסח, און וואָס מיר וועלן ווידער קענען מקיים זיין ווען משיח וועט קומען.

## זמן חרותנו

דער יום טוב פסח ווערט אָנגערופן „זמן חרותנו" — די צייט פון אונזער באַפרייאונג. און דאָס איז דאָך פאַקטיש דער זין פון יום טוב, וואָס דער אויבערשטער האָט אונז באַפוילן צו פייערן צוליב דעם וואָס ער האָט אונזערע עלטערן באַפרייט פון דאָזיגן גלות אין מצרים, אַרויסגעפירט פון דאָרט און אונז געמאַכט פאַר זיין פאָלק. ווייל ווען דער אויבערשטער וואָלט אונז חלילה דעמאָלט נישט אַרויס־גענומען פון מצרים, וואָלטן מיר נאָך היינט דאָרט געווען אין פינסטערער קנעכטשאַפט.

ווען עס קומט פסח, דאַנקען מיר דעריבער דעם אויבערשטן פאַר זיינע חסדים, פאַר די נסים וואָס ער האָט דעמאָלט באַוויזן און אונז געמאַכט פאַר אַ פרייע פאָלק צו קענען דינען דעם אויבערשטן און אָפּהיטן זיינע מצוות.

מיר טוען דאָס באַזונדער אין דער סדר נאַכט, ווען מיר זיצן און דערציילן דאָס אַלץ אין גרוים פרייד.

## די דריי זאַכן

אונזערע הייליגע חכמים זאָגן אונז, אַז אונזערע עלטערן האָבן זוכה געווען אויסגעלייזט צו ווערן פון מצרים אין זכות פון דריי זאַכן: זיי האָבן נישט געענדערט זייערע נעמען; זיי האָבן נישט געענדערט זייער שפּראַך; און זיי האָבן נישט געענדערט זייערע מלבושים. —

דאָס אַלץ האָבן די אידן אין מצרים איינגעהאַלטן, טראָץ אַלע צרות און שווערע ליידן.

אין די טעג פון פסח דאַרפן מיר דערפון אַ סך לערנען. דער נאָמען איד, זיין שפּראַך און זיין קליידונג, זענען נישט קיין קליי־ניגקייטן, ווי אַ סך קענען מיינען. דאָס זענען יסודות פון אידישקייט, און זיי זענען אַזוי גרויס און וויכטיג, אַז דאָס איז געווען זייער זכות באַפרייט צו ווערן.

דער נאָמען פון אַ איד איז זייער וויכטיג. אַ איד דאַרף זיך רופן מיט זיין אידישן נאָמען און דאַרף זיין שטאָלץ מיט׳ן אידישן נאָמען. ער דאַרף וויסן, אַז זיין אידישער נאָמען איז שיין, און דאַרף זיך נישט באַהאַלטן אָדער פאַרטוישן פאַר אַן אַנדערן נאָמען.

די שפּראַך פון איד דאַרף זיין אַנדערש ווי די שפּראַך פון נישט־איד. אַ איד טאָר זיך נישט שעמען מיט דער אידישער שפּראַך וואָס עס רעדן אַלע אידן. ער דאַרף זיין שטאָלץ מיט אָט דער שפּראַך פון זיינע עלטערן און מיט דער שפּראַך וואָס עס רעדן תלמידי חכמים און ערליכע אידן. אָבער נישט נאָר די שפּראַך אַליין, נאָר אויך דער אופן ווי מען רעדט דאַרף זיין אַנדערש. אַ אידיש קינד דאַרף האָבן אַ ריינע און איידעלע שפּראַך. ער טאָר נישט רעדן גראָב און וואולגאַר. ער טאָר נישט שווערן, ער טאָר נישט שעלטן, און ער טאָר נישט באַליידיגן. ער דאַרף געדענקען אַז ער שטייט תמיד פאַר השי״ת. אַ איד וואָס היט אַזוי אָפּ זיין שפּראַך, איז ראוי אויס־געלייזט צו ווערן.

אַ איד דאַרף זיך קליידן אַנדערש. דער וועג וויאַזוי אידן האָבן זיך געקליידעט פאַר הונדערטער יאָרן איז נישט אַ צופעליגע זאַך נאָר אַ הייליגקייט. אַ באָרד און פיאות דאַרף זיין אַ שטאָלץ. דאָס זעלבע איז אויך מיט די ספּעציעלע שבת בגדים און אַלע אַנדערע מלבושים וואָס אידן טראָגן שוין לאַנגע דורות.

אויך די קליידונג פון אַ אידישע טאָכטער דאַרף זיין אַנדערש. די חכמים האָבן געזאָגט אַז אַ אידישע טאָכטער דאַרף זיך שיין קליידן, אָבער דאָך אַנדערש. דאָס קלייד פון אַ אידישער טאָכטער דאַרף זיין באַשיידן און צניעות׳דיג. און וואָס באַשיידענער און צניעות׳דיגער

דאָס קלייד איז, אַלץ שענער און אָרענטליכער איז עס, און האָט מער אידישן חן.

די אידן אין מצרים — און באַזונדערס די פרויען, וואָס די חכמים רופן זיי „נשים צדקניות" — האָבן אָפּגעהיטן די דריי וויכטיגע יסודות פון אידישן פאָלק, און אין דעם זכות זענען זיי באַפרייט געוואָרן.

# דער סדר

די ערשטע נאַכט פון פסח — און אין חוץ לארץביידע נעכט פון די ערשטע טעג פסח — ווערט אָנגערופן די **סדר נאַכט.** אין דער סדר-נאַכט פייערט מען אין די אידישע היימען מיט פראַכט און גלאַנץ דעם אָנפאַנג פון זמן חרותנו — דער יום טוב פון אונזער באַפרייאונג.

ווי שיין איז די אידישע היים אין דער סדר נאַכט! עס שיינט אַרום פון יעדן ווינקעלע אין שטוב. אַלץ איז ניי אָדער פריש. דער לייכטער אויפ'ן טיש, די ציכטיג-שיינענדיגע יום-טוב כלים, די מלבושים פון עלטערן און קינדער, — אַלץ שיינט און פינקלט מיט פרישקייט און יום-טוב'דיגקייט. מען פילט די מתנה וואָס דער אויבערשטער האָט אונז געגעבן — די פרייהייט — ממש אין דער לופט.

דער פאָטער אין הויז ווערט באַטראַכט ווי אַ מלך; די מוטער — אַ מלכה; און די קינדער — בני מלכים, פרינצן און פרינצעסינס. און דערפאַר ווערט ביים אויבן-אָן פון טיש אויפגעשטעלט דאָס היסב-בעט פאַר'ן טאַטן, ווייל אַזוי האָבן זיך געפירט קעניגן און גרויסע שרים.

אין דער דאָזיגער נאַכט, אַרום דעם סדר-טיש, קומען זיך צונויף די אידישע משפחות און מען דערציילט מיט פרייד די גרויסע נסים און וואונדער וואָס דער אויבערשטער האָט געטאָן מיט אונזערע עלטערן, ווען ער האָט זיי אַרויסגענומען פון מצרים, פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט און פון פינסטערניש צו ליכטיגקייט.

און דער עיקר איז דאָס אַ גרויסע פריילעכע נאַכט פאַר אידישע קינדער. ווייל די וויכטיגסטע זאַך פון סדר איז דאָס דערציילן פאַר די קינדער וואָס עס איז פאָרגעקומען אין מצרים. דעריבער איז איינס

פון די ערשטע זאכן פון סדר די פיר קשיות „מה נשתנה" וואָס די קינדער פרעגן.

דער טאַטע פאַנגט אָן צו זאָגן די הגדה און ער ענטפערט אויף די קשיות, און ער דערציילט פאַר די קינדער וואָס עס האָט פאַסירט. ער דערציילט די שווערע צרות וואָס די אידן האָבן געליטן אין גלות מצרים, און וויאַזוי השי"ת האָט זיי אויסגעלייזט מיט אותות ומופתים. ווען די קינדער הערן דאָס אַלץ צו, ווערן זיי באַגייסטערט און אָנגעפילט מיט ליבשאַפט צום אויבערשטן. אידישע קינדער פרייען זיך דערמיט וואָס זיי זענען קינדער פון אַ הייליג פאָלק, וועמען השי"ת האָט אויסדערוויילט פון אַלע פעלקער, און ווילן זיך באַהעפטן צו השי"ת, צו זיין תורה און מצוות.

די גאַנצע נאַכט איז אויסגעפילט מיט אַ סך מצוות, ווי טרינקען די פיר כוסות וויין, עסן מצה, מרור און פיל אַנדערע מצוות און מנהגים. יעדע מצוה און מנהג האָבן אַ טיפן זין, וואָס העלפן דעם איד צו פילן די גרויסקייט און דערהאַבנקייט פון יציאת מצרים. יעדע זאַך וואָס מיר טוען אין דער נאַכט פון פסח, לויט די מצוות פון דער תורה אָדער לויט די געבאָטן פון אונזערע הייליגע חכמים, האָבן אַ טיפע באַדייטונג צו דערהויבן דעם איד און ברענגען אים נענטער צו השם יתברך.

די נאַכט ווערט אָנגערופן דער „סדר", ווייל די מצוות וואָס מיר זענען מקיים אין דער נאַכט ווערן געטאָן נישט סתם כאַפּ-לאַפּ, נאָר מיט אַ פּלאַן, יעדע מצוה אויף איר אָרט און פּלאַץ, ווי די הייליגע חכמים האָבן אונז געלערנט און ווי מיר האָבן איבערגענומען פון אונזערע עלטערן אין די פריערדיגע דורות. דאָס אַלץ ווערט געטאָן, ווי שוין געזאָגט, מיט אַ פּלאַן, מיט אַ סדר.

און אָט דאָס איז דער סדר:

קדש — ווי יעדן יום טוב פאַנגען מיר אָן אויך די סדר נאַכט מיט קידוש, מיט הייליגן דעם טאָג און דאַנקען השם יתברך וואָס האָט אונז אויסדערוויילט און דערהויבן איבער אַלע פעלקער און שפּראַכן, און ער האָט אונז געגעבן מצוות און געמאַכט דערלעבן דעם

היינטיגן יום טוב צו קענען זיך פרייען מיט זמן חרותנו. מען טרינקט דערנאָך דעם ערשטן כוס פון די ארבע כוסות.

ורחץ — דאַן קומט דאָס וואַשן זיך פאַר'ן עסן „כרפס", און מען מאַכט נישט קיין ברכה „על נטילת ידים".

כרפס — מען עסט אַ געוויסע גרינצייג, רעטעך, פּעטרישקע אָדער קאַרטאָפל, און מען מאַכט דערויף אַ ברכה „בורא פרי האדמה". פאַר'ן עסן טינקט מען עס איין אין זאַלץ־וואַסער.

יחץ — מען נעמט די מיטלסטע מצה און מען ברעכט זי אין צוויי. איין העלפט באַהאַלט מען פאַר'ן „אפיקומן". די צווייטע העלפט לאָזט מען אין דער מצה טאַש.

מגיד — דאַן פאַנגט מען אָן צו זאָגן די הגדה, מיט „הא לחמא עניא" — „דאָס איז דאָס אָרימע ברויט וואָס אונזערע עלטערן האָבן געגעסן אין מצרים". דערביי זאָגט מען, אַז יעדער איד וואָס איז הונגעריק זאָל קומען מיטהאַלטן דעם סדר. באַלד דערנאָך גיסט מען אָן דעם צווייטן כוס, און די קינדער פרעגן די פיר קשיות. נאָך „מה נשתנה" פאַנגט מען ווידער אָן צו זאָגן די הגדה מיט „עבדים היינו", מען דערציילט וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די אידן אין מצרים, און וויאַזוי דער אויבערשטער האָט די אידן אַרויסגעפירט פון מצרים, נאָכדעם וואָס ער האָט געבראַכט אויף פרעה'ן און אויף די מצריים די צען מכות. מען פאַרענדיגט מיט דאַנקען דעם אויבערשטן פאַר דעם אַלעם און מיט דער תפילה, אַז פונקט ווי ער האָט באַפרייט די אידן פון מצרים, זאָל ער אויך אונז באַפרייען פון גלות. מען טרינקט דערנאָך דאָס צווייטע כוס פון די פיר כוסות.

רחצה — נאָכן זאָגן דעם ערשטן טייל פון דער הגדה, וואַשט מען זיך צו דער סעודה און מען מאַכט ווי אַלעמאָל די ברכה „על נטילת ידים".

מוציא, מצה — איצט איז מען מקיים איינע פון די וויכטיגסטע מצוות — דאָס עסן מצה. מען מאַכט צוויי ברכות: צוערשט זאָגט מען די ברכה „המוציא לחם מן הארץ", אַזוי ווי אַלעמאָל; און דערנאָך

מאַכט מען די ברכה „אשר קדשנו במצוותיו וצונו על אכילת מצה". און מען עסט די מצה.

**מרור** — דערנאָך נעמט מען מרור, ביטערע גרינצייג, וואָס איז מיינסטנס כריין אָדער שאַלאַט, און מען טינקט עס איין אין חרוסת און מען מאַכט די ברכה „אשר קדשנו במצוותיו וצונו על אכילת מרור". די מצוה פון מרור קומט אונז דערמאַנען דאָס ביטערע לעבן וואָס אידן האָבן געהאַט אין מצרים.

**כורך** — מען נעמט צוויי שטיקלעך מצה און מען לייגט אַריין מרור אינצווישן, און בעפאָר מען עסט עס זאָגט מען, אַז דאָס איז צו געדענקען ווי דער גרויסער תנא הלל האָט זיך געפירט אין בית המקדש. הלל האָט געגעסן די מצה מיט׳ן מרור צוזאַמען מיט׳ן קרבן פסח, ווי עס שטייט אין דער תורה. היינט האָבן מיר לײדער נישט קיין בית המקדש, און צוליב דעם עסן מיר אויך נישט קיין קרבן פסח, אָבער ווען מיר טוען דאָס, דערמאַנען מיר זיך אין בית המקדש און מיר האָפן און בעטן אַז אין דעם זכות זאָל אונז דער אויבערשטער געדענקען צום גוטן און אויפבויען דאָס בית המקדש.

**שלחן עורך** — מען נעמט זיך צו דער יום טוב סעודה. שלחן ערוך איז דער טייטש אַ געדעקטער טיש. מען עסט מיט גרוים שמחה די יום טוב׳דיגע סעודה.

**צפון** — נאָכ׳ן פאַרענדיגן די סעודה נעמט מען אַרויס דעם אפיקומן וואָס איז געווען באַהאַלטן, און יעדער איינער עסט דערפון. מען עסט עס נאָך אַלע שפּייזן, כדי נאָך דער סעודה זאָל בלייבן אין מויל דער טעם פון דער מצה.

עס איז אַ מנהג אין אַ סך אידישע היימען, אַז נאָכדעם ווי דער טאַטע האָט באַהאַלטן אונטערן קישן פון זיין היסב-בעט, „גנב׳ענען" די קינדער אַרויס דעם אפיקומן און באַהאַלטן עס. ווען עס קומט צום עסן דעם אפיקומן, פאַרלאַנגען די קינדער דערפאַר אַ צוזאָג פאַר אַ מתנה נאָך פסח. דאָס איז נישט קיין גניבה (וואָרים גנב׳ענען טאָר מען קיינמאָל נישט) — ווייל דער טאַטע ווייסט אַז די קינדער וועלן דאָס טאָן און ער איז צופרידן וואָס די קינדער האָבן הנאה

אין דער סדר-נאַכט. דער מנהג דערפון וואָס מען פלעגט איינפירן פאַרשידענע מיטלען אַז די קינדער זאָלן נישט אַנטשלאָפן ווערן ביים סדר, און אויך אין דער גמרא ווערט געבראַכט אַז מען כאַפּט אַוועק די מצה און מען עסט... אידישע קינדער טוען דעריבער די דאָזיגע זאַך אַנשטענדיג און איידל. זיי פאַרלאַנגען נישט צופיל מתנות, אָדער טייערע זאַכן וואָס דער טאַטע קען נישט נאָכקומען. זיי שפּאַרן זיך נישט איין און לאָזן נישט דעם טאַטן לאַנג וואַרטן מיט צוריקגעבן דעם אפיקומן. עלטערע קינדער וואָס פאַרשטייען שוין בעסער, לאָזן צו די הנאה פון „גנב'ענען" דעם אפיקומן פאַר די אינגערע קינדער. פאַרשטענדיגע קינדער זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס זאָל זיין אַן אָנגענעמער שפּאַס, און נישט אַז דאָס זאָל ח"ו אַרויסרופן קריגערייען צווישן די קינדער.

**ברך** — מען בענשט נאָך דער זאַטער יום טוב'דיגער סעודה. נאָכ'ן בענטשן גיסט מען אָן די כוסות. אַ באַזונדערן כוס גיסט מען אָן פאַר אליהו הנביא. מען עפנט די טיר, כדי צו ווייזן אַז בעפאַר משיח וועט קומען, וועט פריער קומען אליהו הנביא אָנזאָגן די בשורה פון דער גאולה. דערנאָך זאָגט מען די תפילה „שפוך חמתך" ווען די טיר איז אָפן, כדי צו ווייזן אַז מיר זענען פריי און מיר האָבן נישט פאַר קיינעם קיין מורא. די סדר נאַכט ווערט אָנגערופן „ליל שימורים" — אַן אָפּגעהיטענע נאַכט, ווען השי"ת היט אונז אָפּ, פונקט ווי דעמאָלט אין מצרים ווען ער האָט אויסגעהרג'עט אַלע בכורים פון מצרים, און די אידן האָט ער אָפּגעהיטן.

**הלל** — מען זאָגט די צווייטע העלפט פון הלל און אַנדערע שירות ותשבחות, און מען דאַנקט דעם אויבערשטן פאַר די גרויסע נסים און וואונדער וואָס ער האָט אונז באַוויזן.

**נרצה** — נאָכ'ן פאַרענדיגן און טרינקען דעם פערטן כוס, וויל מען זיך נאָך אַלץ נישט שיידן. מען זינגט ווייטער צו השי"ת, און מען פאַרענדיגט דעם סדר מיט „נרצה" — מיט דער זיכערקייט אַז השי"ת האָט אָנגענומען אונזער סדר, די תפילות און לויב געזאַנגען פון דער סדר נאַכט.

## בענטשן טל

פסח בייטאָג דאַוונט מען די יום טוב׳דיגע תפילות. מען זאָגט הלל און מען לייענט אין דער תורה. דעם ערשטן טאָג פסח בענטשט מען „טל״, ביי דער מוסף׳דיגער שמונה עשרה. פון דעמאָלט אָן פאַנגט מען אָן צו זאָגן „מוריד הטל״ אין דער שמונה עשרה, ביז שמיני עצרת.

די צווייטע נאַכט פסח ריכט מען נאָכאַמאָל אָפּ דעם סדר. (אין ארץ ישראל איז נאָר איין טאָג יום טוב, און מען מאַכט דעריבער נאָר איין סדר־נאַכט). אויך דעם צווייטן טאָג פסח דאַוונט מען די זעלבע יום טוב׳דיגע תפילות.

די צווייטע נאַכט פסח פאַנגט מען אויך אָן צו ציילן ספירה. טייל זענען זיך נוהג צו ציילן ספירה אין בית המדרש, תיכף נאָך מעריב דאַוונען. און טייל חסידים זענען זיך נוהג צוזאַמענצוקומען נאָכ׳ן פאַרענדיגן דעם סדר און ציילן ספירה.

דערנאָך קומען פיר טעג חול המועד. חול המועד טאָר מען נישט טאָן קיין שום אַרבעט וואָס מען דאַרף נישט אויף יום טוב, אָדער וואָס וועט נישט פאַרלוירן גיין אויב מען וועט עס אָפּלייגן אויף נאָך יום טוב. אויב איינער האָט נישט קיין געלט אויף די יום טוב׳דיגע הוצאות דאַן מעג ער אַרבעטן חול המועד, כדי צו האָבן אויף די באַדערפענישן פון יום טוב. ערליכע אידן זענען אפילו נזהר נישט צו שרייבן חול המועד.

## שביעי של פסח

נאָך די פיר טעג חול המועד קומען די צווייטע טעג יום טוב: שביעי של פסח און אחרון של פסח. שביעי של פסח איז דער טאָג וואָס די אידן זענען אַריבער דעם ים, ווען זיי זענען אַרויס פון מצרים. ווען די אידן האָבן דערזען דאָס גרויסע נס וואָס דער ים האָט זיך געשפּאָלטן און זיי זענען אַריבער אין דער טרוקעניש, און אַלע מצריים

וואָס זענען זיי נאָכגעלאָפן זענען דערטרינקען געוואָרן, האָבן זיי גע־זונגען די שירה „אז ישיר״. דעריבער פאַרברענגען אידן אין דער נאַכט פון שביעי של פסח מיט שירות ותשבחות און מען זינגט די שירה „אז ישיר״.

## אחרון של פסח

דער לעצטער טאָג פסח איז אחרון של פסח. מען דאַוונט אַזוי ווי שביעי של פסח. דעם לעצטן טאָג פסח ערלויבט מען זיך שוין צו עסן מאכלים וואָס ווערן געמאַכט פון מצה מעל. אין דעם טאָג פאַרברענגט מען צוזאַמען מיט שירה ושמחה.

איידער די אידן זענען אַרויס פון מצרים, האָט השי״ת געזאָגט צו משה רבינו ער זאָל הייסן די אידן זיי זאָלן באָרגן ביי די מצריים זילבערנע און גאָלדענע כלים און קליידונג. די מצריים האָבן אָבער נישט געוואָלט באָרגן, זיי האָבן גע׳טענה׳ט אַז זיי פאַרמאָגן נישט די זאַכן. די אידן האָבן אָבער אָנגעוויזן די ערטער וואו די פאַרשידענע טייערע חפצים האָבן זיך געפונען, — ווייל אין די טעג ווען די מצריים זענען געשלאָגן געוואָרן מיט דער מכה „חושך״ (פינסטערניש), זענען די אידן אַריין אין די הייזער פון זייערע מצרישע שכנים און זיי האָבן זיך דאָרט גוט אומגעקוקט און געזען וואָס די מצריים פאַרמאָגן. די מצריים האָבן נישט געהאַט קיין ברירה נאָר אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע רייכטום, און עס איז מקויים געוואָרן די הבטחה פון השי״ת צו אברהם אבינו, אַז די אידן וועלן אַרויסגיין פון גלות מצרים מיט אַ גרויס פאַרמעגן.

(מדרש)

# לא יישן שומר ישראל

— א —

אין דער שטאָט פּראַג האָט געלעבט אַ גרויסער גאון און הייליגער איד, וועמען מען האָט גערופן דער מהר״ל מפּראג. זיין נאָמען איז געווען באַקאַנט איבעראַל וואו אידן האָבן נאָר געלעבט און אַלע האָבן אים פאַרהייליגט פאַר זיין גרויסקייט אין תורה און זיין גרויסע צדקות.

באַזונדערס האָבן אים ליב געהאַט און געאַכטעט די אידן פון דער מדינה בעהמען, וואו ער האָט געוואוינט. דער מהר״ל איז פאַר די אידן געווען ווי אַן אייגענער פאָטער. ער האָט פאַר זיי געזאָרגט און זיי געשיצט פון פאַרשידענע צרות. מיט זיין אויסערגעוויינליכער חכמה האָט ער זיי אַלעמאָל געראַטעוועט פון די פאַרשידענע צרות וואָס עס האָבן קעגן די אידן פאַרטראַכט די גויאישע שונאים.

אויך די גוים האָבן שטאַרק געאַכטעט דעם מהר״ל, ווייל זיי האָבן זיך איבערצייגט אין זיין גרויסער חכמה און ג־טליכקייט.

נאָר צוויי ביטערע שונאים האָט דער מהר״ל געהאַט. דאָס זענען געווען דער הויפּט־בישאָף פון פּראַג און דער צווייטער איז געווען אַ גלח, וועלכער האָט געשטאַמט פון אידן. דער דאָזיגער גלח האָט שטאַרק פיינט געהאַט די אידן און באַזונדערס דעם מהר״ל, וועלכער האָט אים אַ סך מאָל פאַרשעמט דערפאַר וואָס ער האָט פאַרלאָזן די אמונה פון זיינע עלטערן און איז געוואָרן אַ גוי. דער גלח־משומד האָט ביי זיך געשוואוירען נקמה צו נעמען אין מהר״ל.

איינמאָל איז דער משומד געגאַנגען צום בישאָף און אים אָנגערייצט קעגן דעם מהר״ל. ער האָט אים דערציילט, אַז דער מהר״ל טוט גרינגשעצן די קריסטליכע רעליגיע און אַז די קריסטן אין דער

שטאָט פּראַג שעצן מער דעם אידישן רב ווי זייער אייגענעם בישאָף. דעם בישאָף האָט דאָס זייער פאַרדראָסן און ער האָט צוגעזאָגט דעם גלח-משומד זיך נוקם צו זיין אין מהר״ל.

— ב —

דאָס איז געווען אין דער פּסח'דיגער סדר-נאַכט. אין דער שטוב פון מהר״ל איז געווען ליכטיג פון אַ סך לאַמפּן. ביי אַ שיין געדעקטן טיש זענען געזעסן די קינדער און אייניקלעך פון מהר״ל און אַ סך אורחים. אויבן אָן איז געזעסן דער מהר״ל אין אַ שניי-ווייסן קיטל, און ער האָט אויסגעזען ווי אַ ג-טליכער מלאך.

מען האָט אָנגעפאַנגען פּראַווען דעם סדר. די כוסות אַרומגע־שטעלט אויפ'ן טיש, זענען געווען אָנגעפּולט מיט וויין און אינמיטן טיש איז געשטאַנען דער גרויסער כוס פאַר אליהו הנביא. אַ קליין אינגעלע, אַן אייניקל פון מהר״ל, האָט געפרעגט די פיר קשיות און באַלד האָט מען זיך גענומען זאָגן די הגדה מיט גרויס שמחה. נאָך דער סעודה האָט מען צופרידענע און פרייליכע זיך געגרייט פאַרצוזעצן דעם סדר.

מיטאַמאָל זענען צו די אויערן פון מהר״ל דערגאַנגען שרעקליכע געשרייען און געוויינען וואָס האָבן זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט. די מענטשן אַרום דעם טיש האָבן גאָרנישט געהערט, אָבער דער מהר״ל האָט געהערט די אומאויפהערליכע געשרייען און געוויינען. ער האָט געוואָרפן זיין בליק אין דער ריכטונג פון דער טיר.

„וואו איז אליהו הנביא ?" — האָט זיך דער מהר״ל געוואונדערט. יעדעס יאָר קומט ער אין דער צייט, אָבער היינט איז ער נישט געקומען. וואו איז ער ?

מיטאַמאָל האָט דער מהר״ל דערהערט אַ שטיל שעפּטשן אין זיינע אויערן: „קום שטיי אויף, געטרייער פּאַסטוך, און ראַטעווע דיינע שאָף! גיי אין שול אַריין, און בעט רחמים פאַר דיין עדה אידן" ! — האָט אים דאָס בת-קול געזאָגט.

דער מהר״ל האָט זיך האַסטיג אויפגעהויבן פון זיין היסב-בעט

און נישט באַווייזנדיג אפילו אויסצוטאָן זיין קיטל, איז ער אין איין אָטעם געלאָפן אין דער שול אַריין.

ווען ער איז אַריינגעקומען אין שול, האָט ער מיטאַמאָל דערזען ווי דער ארון קודש שטייט אָפן. ער איז צוגעלאָפן צום ארון קודש און אַריינגעקוקט. באַלד האָט ער פאַרשטאַנען וואָס דאָ האָט פּאַסירט. נעבן די ספרי תורה'ס איז געשטאַנען דאָס פלעשל ווין, איבער וועלכן דער חזן פון שול פלעגט מאַכן קידוש און הבדלה. אָבער אנשטאָט מיט ווין, איז דאָס פלעשל געווען פול מיט בלוט.

„אָה, אַן עלילת דם, אַ בלוט בלבול", — האָט דער מהר"ל צו זיך שטיל געזאָגט, און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט פון גרויס שרעק. ער האָט געוואוסט וואָס דאָס מיינט. שוין נישט איינמאָל האָבן די שונאים פון די אידן אויסגעטראַכט אויף די אידן אַ בלבול, אַז זיי נוצן גויאיש בלוט צום באַקן מצות. זיי האָבן מן הסתם אַריינגעשטעלט דאָס פלעשל בלוט אין ארון קודש, כדי מאָרגן צו ברענגען די פּאָליציי און באַווייזן אַז דאָס איז טאַקע אמת...

דער מהר"ל האָט שנעל אויסגעגאָסן דאָס בלוט און אַריינגעגאָסן אין פלעשל פרישן ווין. אַ באַרואיגטער און צופרידענער האָט ער זיך צוריקגעקערט צום סדר טיש, און ווי גאָרנישט וואָלט פּאַסירט, האָט ער פאַרענדיגט דאָס זאָגן די הגדה מיט געזאַנג און לויב צו השם יתברך.

— ג —

צומאָרגנס, דעם ערשטן טאָג פסח אינדערפרי, זענען אַלע אידן געווען פאַרזאַמלט אין דער גרויסער פּראַגער שול. דער רב איז געשטאַנען אויף זיין באַשטימטן פּלאַץ ביי דער מזרח-וואַנט. דער חזן האָט אָנגעפאַנגען די ברכות פאַר'ן דאַוונען. אָבער ווען ער איז צוגעקומען צו דער ברכה „אוזר ישראל בגבורה", איז אין דער שול אַנטשטאַנען אַ גרויסע בהלה.

אַ באַטאַליאָן פון באַוואָפנטע סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט די שול, און דער בישאָף מיט אַ גאַנצע באַנדע גלחים און שטאָט-אָפּיצירן

און אויך דער משומד, האָבן זיך ווי ווילדע וועלף אריינגעריסן אין דער שול.

א טויט שרעק איז באַפאַלן די אידן אין שול. נאָר דער מהר״ל איז געשטאַנען א רואיגער און ווייטער געדאַוונט.

„שווייג, דו אַלטער רוצח!" — האָט מיט גרויס רציחה אויסגעשריגן דער בישאָף צום רב. „מיט דיינע ליפּן לויבסטו ג־ט, אָבער דיינע הענט זענען פול מיט בלוט פון די קריסטליכע קינדער וואָס איר אידן דערמאָרדעט, כדי מיט דעם דאָזיגן בלוט צו באַקן אייערע מצות. דאָסמאָל איז געקומען אייער סוף. איר וועט זיך שוין מער נישט אַרויסדרייען פון אונזערע הענט"!

דער רב איז געשטאַנען א רואיגער און מיט א געלאַסן און זיכער קול האָט ער געענטפערט:

— ווי קענט איר, בישאָף, עס באַווייזן אַז מיר נוצן בלוט אין פּסח?

— דאָס איז אונזער באַווייז, — האָט אויסגערופן דער משומד. ער איז צוגעלאָפן צום ארון קודש, אויפגעריסן די טירן און פון דאָרט אַרויסגענומען דאָס פלעשל און עס דערלאַנגט דעם בישאָף.

— און וואָס זאָגסטו איצט? דו אַלטער רוצח. ווער האָט פאַרגאָסן דאָס בלוט וואָס איז אין דעם פלעשל? — האָט זיגעריש אויסגערופן דער בישאָף, האַלטנדיג דאָס פלעשל פאַר די אויגן פון רב.

— וואָס זאָל איך זאָגן, — האָט דער מהר״ל געענטפערט מיט זעלבסטזיכערקייט. — איך זאָג, אַז אַלץ וואָס דו זאָגסט איז א ליגן. מיר אידן נוצן נישט קיין בלוט. און נישט נאָר נוצן מיר נישט קיין מענטשליך בלוט, נאָר יעדער בלוט איז פאַר אונז פאַרבאָטן. דאָס פלעשל וואָס דו האָסט אין דער האַנט, איז נישט מיט בלוט, נאָר מיט וויין וואָס מיר נוצן צו קידוש און הבדלה. אדרבה, פאַרזוך עס און גיב עס צו פאַרזוכן די אָפיצירן.

דער בישאָף און די גלחים האָבן יעדער פאַרזוכט פון פלעשל, און זייערע פּנימער זיינען רויט געוואָרן ווי פייער פון גרויס בושה.

זיי האָבן זיך געשעמט פאַר די אָפיצירן, ווען זיי האָבן איינגערעדט אַז זיי האָבן אַנטדעקט אַ מאָרד ביי די אידן, און איצט האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַז אַלץ איז שקר.

דערשלאָגענע און פאַרשעמטע זענען זיי אַוועק פון דער שול.

די אידן פון פראַג, אין שפּיץ פון מהר״ל, האָבן יענעם פּסח געפייערט מיט דאָפּלטער שמחה, דאַנקענדיג דעם בורא עולם פאַר דער נייער גאולה וואָס האָט מיט זיי פּאַסירט.

אַ צדיק איז געגליכן צו אַ טייטלבוים. פּונקט ווי אַ טייטלבוים איז שיין אין זיין אויסקוק און זיינע פּירות זענען גוט און זיס, אַזוי איז אויך דער צדיק שיין אין זיין געשטאַלט און אַלע זיינע מעשים זענען גוט און זיס פאַר הקב״ה. פּונקט ווי דער שאָטן פון אַ טייטלבוים גרייכט אויף דער ווייטנס, אַזוי איז אויך דער שכר פון אַ צדיק ווייט. פּונקט ווי אַ טייטלבוים איז אויסגעצויגן צום הימל, אַזוי איז דאָס האַרץ פון צדיק געווענדעט צום פאָטער אין הימל. פּונקט ווי אַ טייטלבוים ענדערט זיך נישט, אַזוי אויך אַ צדיק ענדערט זיך נישט. פּונקט ווי אַ טייטלבוים, ווער עס קריכט אַרויף אויף זיין שפּיץ און היט זיך נישט אָפּ פאַלט ער אַראָפּ און ווערט געשעדיגט, אַזוי אויך ווער עס פאַרמעסט זיך קעגן אַ צדיק דער קריגט זיין פאַרדינטע שטראָף.

(מדרש תנחומא)

# שמורה מצות אין לאַגער

דער לאַגער וואו דאָס איז פאָרגעקומען איז געווען אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר פרויען. — ווען די דייטשע היטלעריסטן האָבן, בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה, געהערשט כמעט איבער גאַנץ אייראָפּע, האָבן זיי איינגעאָרדענט צענדליגער אַזעלכע לאַגערן. דאָרט אַהין האָבן זיי פאַרשלעפּט טויזנטער אידישע טעכטער און פרויען פון פּולין, ליטע, טשעכאָסלאָוואַקיי, אונגאַרן, בעלגיען און אַנדערע מדינות. דעם גרעסטן טייל פון זיי האָבן די נאַציס מיט אכזריות תיכף אומגעבראַכט. בלויז די אינגערע און די שטאַרקערע האָבן זיי געלאָזט לעבן.

איבערן לאַגער האָבן געהערשט עס־עס פרויען. דאָס זענען געווען סאַדיסטישע דייטשקעס, וועלכע האָבן די יונגע מיידלעך און פרויען געצוואונגען צו טאָן די שווערסטע און שמוציגסטע אַרבעט. זיי האָבן צוגענומען פון די מיידלעך אַלע זייערע זאַכן, ביז צום לעצטן העמד, נישט געגעבן זיי צו עסן און געמאַכט זיי צו שפּאָט ביי יעדער געלעגנהייט.

צווישן די מיידלעך וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ לאַגער אין שלעזיען, איז געווען אַ מיידל פון אַ חסידישער היים, וועלכע האָט באַוויזן צו ראַטעווען אַ סידור און עס אַריינצושמוגלען אין באַראַק. דעם סידור האָט איר דער פאָטער מיטגעגעבן, ווען מען האָט זיי פאַרשלעפּט און אויפ׳ן ליידיגן פלאַץ פון שער־בלאַט האָט ער פאַרצייכנט מיט קליינע אותיות, די טעג פון די אידישע ימים טובים פאַר די נעקסטע פאַר יאָר, ווען זיי פאַלן אויס.

— היט דעם דאָזיגן סידור, — האָט דער טאַטע איר אָנגעזאָגט מיט טרערן אין די אויגן, — ווען דו וועסט נאָר קענען זאָלסטו דאַוונען און בעטן דעם אויבערשטן. דער עיקר געדענק ווען עס איז שבת און יום טוב.

די פרומע טאָכטער האָט געפאָלגט. זי האָט פון זיך אַלץ פּרייוויליג אַוועקגעגעבן, אָבער דאָס סידור׳ל האָט זי געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. און ווען זי איז געגאַנגען צו דער אַרבעט האָבן אַנדערע מיידלעך אַכטונג געגעבן אויף דעם סידורל. דאָס סידור איז געווען אַלעמענס טרייסט. יעדעס מאָל ווען עס איז געווען שווער אויפ׳ן האַרצן, ווען עס האָט זיך פאַרבענקט נאָך דער היים, נאָך טאַטע מאַמע, האָט אַ מיידל גענומען דאָס סידורל, זיך אויסגעוויינט פאַר׳ן רבונו של עולם, און עס איז געוואָרן לייכטער אויף האַרץ.

אינעם סידורל האָט דאָס מיידל געדענקט. אָבער וועגן דעם לוח, — וועגען די טעג ווען עס פאַלן אויס די ימים טובים, — האָט דאָס מיידל געהאַט פאַרגעסן. איינמאָל איז זי געבליבען אַ גאַנצן טאָג אין לאַגער און געבלעטערט דעם סידור. בלעטערנדיג דאָס סידור׳ל האָט זי זיך דערמאַנט און איז אויפגעשפרונגען פון צער: „אוי, ווער ווייסט צי מיר האָבן נישט פאַר־געסן אַ יום טוב״, — האָט דאָס מיידל צו זיך ציטערדיג גערעדט. זי האָט געכאַפּט אַ בליק אין לוח. „יאָ, — האָט זי צו זיך געזאָגט, — פורים האָבן מיר פאַרגעסן. אָבער פסח ניין! צו פסח איז נאָך פאַראַן גאַנצע צוויי וואָכן. פסח וועט מען נאָך קענען האַלטן״.

דעמזעלבן אָוונט, ווען די מיידלעך האָבן זיך צוריקגעקערט פון דער שווערער אַרבעט, האָט זי צוזאַמענגערופן אירע פרומע חבר׳טעס און געזאָגט:

— מיידלעך, עס גייט צו פסח. אַזוי שטייט פאַרשריבן אויפ׳ן לוח וואָס מיין טאַטע האָט אַנגעצייכנט אין סידורל. זעט, אָט איז עס. מיר וועלן מאַכן אַ סדר.

— אַ סדר? — האָבן די אַנדערע מיידלעך געפרעגט מיט שטוינונג.

— יאָ, אַ סדר, — האָט דאָס מיידל פון סידור געענטפערט. — אַ סדר ווי עס האָבן געמאַכט די אנוסים אין שפּאַניען. שטילערהייט אין אַ ווינקל וועלן מיר זיך צוזאַמענזעצן, אויפשפרייטן אַ ווייס ליילעך, עסן צוזאַמען אַ פּאַר קאַרטאָפל און זאָגן די הגדה, ווי עס שטייט אין דעם סידורל.

— אוי, — האָט איין מיידל זיך אָנגערופן, — ווען מען קען האָבן כאָטש איין מצה, אפילו נאָר אַ כזית מצה, פאַר אַ סימן, פאַר אַ זכר!

— און אפשר וועט געשען אַ נס, — האָט געזאָגט דאָס מיידל מיט׳ן סידורל, — ווי זי וואָלט פאַרגעפילט, אַז ס׳איז דאָך מעגליך.

אין אַזאַ נס האָט זיך זייער שווער געגלויבט, אָבער אַזאַ נס האָט דאָך פּאַסירט.

נישט ווייט פון אַרבעטס־לאַגער פון די פרויען, איז געווען אַ לאַגער פון פראַנצויזישע קריגס־געפאַנגענע. אויך די דאָזיגע געפאַנגענע האָבן געמוזט אַרבעטן אונטער דער אויפזיכט פון די דייטשן. אָבער מען האָט זיי גאַנץ אַנדערש באַהאַנדלט. מען האָט זיי געגעבן מער צו עסן, און מען האָט זיי נישט געשלאָגן סתם פון פאַרוויילונג וועגן. זיי האָבן אויך באַקומען קליידער און שפּייז פּעקלעך פון דער היים אָדער פון הילפס־אָרגאַניזאַציעס.

מיט די דאָזיגע געפאַנגענע האָבן די מיידלעך נישט געהאַט קיין שום שייכות. קודם כל זענען זיי צום רוב געווען נישט אידען, און צווייטנס איז אייך געווען שטרענג פאַרבאָטן פאַר די געפאַנגענע אַפילו צו רעדן צו די אידישע לאַגערניקעס.

אָבער איינמאָל האָט מען פון דער זייט פון די פראַנצויזן אַריבערגעוואָרפן צו די מיידלעך אַ קליין צעטעלע, און גראָד איז עס אַריינגעפאַלן אין האַנט פון דעם מיידל מיט׳ן סידורל. דאָס איז געווען אַ בריוול געשריבן אין אידיש, און דאָרט איז געשטאַנען:

„טייערע אידישע טעכטער! אויך איך בין אַ איד. די דייטשן ווייסן נישט דערפון, אָבער אַ טייל פראַנצויזן ווייסן יאָ, און זיי וועלן נישט אויסזאָגן. איך ווייס אַז איר זענט אידישע טעכטער, און איך וואָלט אייך געוואָלט העלפן. שרייבט מיר וואָס איר דאַרפט, אפשר וועל איך עס אייך קענען באַזאָרגן. שרייבט אָן אויף אַ שטיקל פּאַפּיר, און ווען איר גייט אַרויס פון לאַגער צו דער אַרבעט, לייגט עס אַוועק נעבן גרויסן שטיין. דערוויל האַלט אייך! די שעה פון באַפרייאונג איז נאָענט, און איר דאַרפט נאָך זיין געזינטע אידישע מאַמעס!״

דאָס בריוול איז נישט געווען אונטערגעשריבן, אָבער ס׳איז געווען געשריבן אויף אידיש און איבער דעם בריוול צוויי הייליגע אותיות: „ב״ה״ — ברוך השם. אַ סימן אַז ס׳האָט עס געשריבן אַ איד וואָס גלויבט אין ג־ט, און אפשר לייגט ער גאָר תפלין, — האָט דאָס מיידל געטראַכט. און אפשר האָט ער גאָר מצות אויף פסח אויך? אין פראַנצויזישן לאַגער איז דאָך אַלץ מעגליך.

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צוריקצושרייבן נאָר איין בקשה: אַ מצה! און אויב אַזעלכעס איז נישטאָ, אַביסל ווייס מעל, צו באַקן אַ מצה אויף פסח.

אין צוויי טעג אַרום, ווען די מיידלעך זענען פאַרבייגעגאַנגען דעם פראַנצויזישן לאַגער, האָט מען זיי אַריבערגעוואָרפן אַ קליין פּעקעלע. און ווי גרויס איז געווען די שמחה. עס איז געווען אַ זעקעלע מעל און צוגעטשעפּעט איז געווען אַ קליין בריוועלע, אויף וועלכן ס׳איז געשטאַנען:

„וואויל איז אייך, טייערע אידישע טעכטער! איך בין שטאָלץ אויף אייך, אַז איר האָט געדענקט אַז ס׳גייט פסח. איך האָב דאָס מעל באַקומען פון אַ גוי, אַ פראַנצויז, וואָס באַקומט פּעקלעך פון דער היים. ווען ער

האָט דערהערט אויף וואָס איך דאַרף דאָס מעל, האָט ער געוויינט. ער האָט מיר געזאָגט: „איר זענט אַ גרויס פאָלק, אַז איר האָט אַזעלכע קינדער". און ער האָט מיר אָוועקגעגעבן דאָס גאַנצע פעקעלע. — האָט מיך אויך אין זינען ביי דער מצות מצה, טאָמער וועל איך זי נישט קענען מקיים זיין. האָט אַ גוטן יום טוב, טייערע און הייליגע אידישע קינדער!"

נאָך אין דער זעלבער נאַכט, ווען דער גאַנצער באַראַק איז שוין געשלאָפן, זענען אויפגעשטאַנען די פּאָר מיידלעך, און זיך גענומען צו באַקן די מצות. ס'איז זיי נישט אָנגעקומען לייכט. נישט געווען קיין וואַלגער־העלצער און ס'האָט גענומען לאַנג ביז די מיידלעך האָבן געפונען אַ פּאָר פלעשער צו וועלגערן דאָס טייג. דאַן איז דער אויוון געווען קאַלט. ענדליך איז מען איבערגעקומען אַלע שוועריקייטן. מען האָט אָפּגעהאַקט עטליכע ברעטלעך פון די בעטן און איינגעהייצט דעם אויוון. אינדרויסן האָט מען אַרויסגעשיקט אַ פּאָר מיידלעך אַכטונג צו געבן צי קיינער פון די דייטשע עס־עס פּרויען קומט נישט אָן.

נאָך אַ פּאָר שעה איז אַלץ געווען פאַרטיג. יעדע פון די מיידלעך האָט איינגעוויקלט איר שטיקל פריש געבאַקענע מצה אין אַ קליין טיכעלע. ווען דאָס מיידל מיט'ן סידורל האָט גענומען איר חלק מצה אין דער האַנט, האָט זי געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס, מיידלעך, דאָס איז נישט קיין געוועהנליכע מצה. דאָס איז ש מ ו ר ה מ צ ה. מיר האָבן זי באַוויזן אָפּצוהיטן פון די אויגן פון די דייטשע מזיקים...

# ספירת העומר

ווי איר ווייסט שוין, זענען אַמאָל די אידן געווען קנעכט אין מצרים. דער קעניג פרעה האָט זיי געמאַטערט און געפּייניגט מיט אויסטערלישע גזירות און שווערע אַרבעט. די אידן זענען געווען פאַרפאָלגט, פאַרהאַרעוועט און אויסגעמאַטערט. זיי האָבן נישט געהאַט די מעגליכקייט צו לעבן ווי מענטשן, צו דאַווענען און צו דינען דעם אויבערשטן. פאַר גרויס צער האָט זיי צוגעקלעמט דאָס האַרץ און זיי האָבן געשריגן צו השם יתברך.

ווען משה רבינו איז געקומען און האָט זיי אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן, האָבן זיי פון גרויס צער נישט געוואָלט אפילו זיך צוהערן צו זיינע רייד. אָבער דערציילענדיג זיי ווייטער, ווי ווייט דער אויבערשטער וויל זיי גרויס מאַכן, ווי ווייט ער וויל זיי אויסאיידלען, ווי ער וויל זיי געבן די הייליגע תורה, — האָבן זיי ערשט אָנגעהויבן שטראַלן פון פרייד. די שמחה פון אויס־לייזונג איז ביי זיי פאַרשטאַרקט געוואָרן מיט דער שמחה פון דער צוגעזאָגטער תורה.

ווי נאָר דער אויבערשטער האָט באַוויזן דאָס גרויסע נס און די אידן זענען אין פופצענטן טאָג פון חודש ניסן אַרויס פון מצרים, האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן אויסקוקן אויף דעם גרויסן טאָג, וועגן וועלכן משה רבנו האָט זיי געזאָגט. יעדע רגע איז פאַר זיי געוואָרן צופיל. ווי דערלעבט מען שוין דעם טאָג — האָבן זיי געטראַכט — ווען מ׳וועט הערן ג־ט׳ס וואָרט. יעדן טאָג האָבן זיי געציילט, געבענקט און אויסגעקוקט אויף דער גליקליכער שעה.

דער אויבערשטער האָט זיי אָבער געלאָזט וואַרטן גאַנצע ניין און פערציג טעג, כדי זיי זאָלן זיין ריכטיג גרייט אויפצונעמען די תורה. ערשט דעם פופציגסטן טאָג האָט השי״ת געלאָזט הערן זיין

ג־טליך וואָרט אויפ׳ן באַרג סיני און פאַר די אידן געגעבן די אוים־געבענקטע מתנה.

און טאַקע באַלד אין דער תורה, האָט דער אויבערשטער אונז געגעבן אויף אַלע צייטן די מצוה צו ציילן די טעג, פון דעם טאָג פון אַרויסגיין פון מצרים, ביז צו קבלת התורה. אַזוי ווי מיר מאַכן יעדעס יאָר דעם טאָג ווען די אידן זענען אַרויס פון מצרים פאַר אַ יום טוב — פסח, אַזוי זאָלן מיר יעדעס יאָר, ווי דעמאָלט, אַ טאָג נאָך דער אויסלייזונג, — ד. ה. פון צווייטן טאָג פסח — אָנהויבן צו ציילן די טעג און די וואָכן, ביז צום יום טוב שבועות, דער טאָג ווען אידן האָבן מקבל געווען די תורה.

דאָס זענען ניין און פערציג ספירה טעג, וואָס טיילן זיך אין זיבן וואָכן. ווי דעמאָלט בשעת׳ן אַרויסגיין פון מצרים, זאָל מען יעדעס יאָר מיט דער ציילונג אַרויסווייזן אונזער בענקשאַפט צו דער תורה און זיך מאַכן גרייט זי אויפצונעמען אויפסניי און זי רעכט מקיים זיין.

בשעת דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, איז אויך געווען אַ מצוה צו ברענגען דעם זעכצענטן טאָג פון חודש ניסן, — דעם צווייטן טאָג פסח, — אַ קרבן פאַר השי״ת. דאָס קרבן איז באַשטאַנען פון אַ מעסטל גערשטן מעל פון די נייע גערשטן, וואָס זענען שוין דעמאָלט אין ארץ ישראל פאַרטיג געווען צום שניידן. ווי לאַנג מ׳האָט נישט מקריב געווען דעם „עומר״, דאָס מעסטל מיט נייעם גערשטן מעל, אַזוי לאַנג האָט מען נישט געטאָרט עסען פון דער נייער תבואה וואָס איז געוואַקסן אין דעם יאָר.

די תבואה איז דאָס גאַנצע לעבן פונעם מענטש. דאָס איז זיין וויכטיגסטע שפייז. מ׳האָט דעריבער מיט דעם קרבן געוויזן, אַז אונזער גאַנץ לעבן איז אַ מתנה פון השם יתברך.

די מצוה פון ציילן די ניין און פערציג טעג האָט די תורה פאַרבונדן מיט דער מצוה פון ברענגען דעם קרבן עומר. די תורה האָט אונז באַפוילן צו ציילן יעדן טאָג און יעדע וואָך, וויפיל ס׳איז שוין פאַריבער פון דעם טאָג וואָס מ׳האָט געבראַכט דעם עומר.

דעריבער רופט מען די מצוה: „ספירת העומר" — די ציילונג פון עומר.

היינט בשעת דאָס בית המקדש איז נישטאָ, ברענגט מען נישט דעם עומר. אָבער דאָך ציילט מען ספירת העומר, יעדע נאַכט נאָך מעריב דאַווענען. פאַר'ן ציילן מאַכט מען אַ ברכה, און אַזוי ציילט מען נײַן און פערציג טאָג ביז שבועות.

# די ספירה טעג

דער גרויסער תנא רבי עקיבא, וועלכער האָט געלעבט אין דער צייט פון חורבן פון צווייטן בית המקדש, האָט געהאַט פיר און צוואַנציג טויזנט תלמידים. זיי זענען אַלע געווען גרויס אין מידות, אין צדקות און אין קדושה. זיי זענען געווען שטאַרק אָפּגעהיטן אין מצוות און געלערנט פיל תורה.

בלויז איין און איינציגע זינד זענען זיי באַגאַנגען. זיי האָבן נישט געגעבן גענוג געשווינט איינער דעם צווייטנס כבוד. צוליב זייער גרויס־קייט האָט זיי ג־ט בלויז פאַר דעם איינציגן חטא שטרענג באַשטראָפט. זיי זענען כמעט אַלע אויסגעשטאָרבן אין איין יאָר, אין די טעג פון ספירה.

דעריבער זענען פון דעמאָלט אָן די ספירה טעג, — פון פסח ביז שבועות, — טעג פון טרויער. מ'מאַכט נישט קיין שמחות (חתונות וכדומה), מ'שערט אויך נישט אָפּ די האָר.

דערפון דאַרף מען אָפּלערנען ווי גרויס עס איז די זינד פון גרינגשעצן דעם חבר'ס כבוד. אין די טעג פון ספירה איז די צייט צו באַטראַכטן די אייגענע אויפפירונג און אויסבעסערן די מידות, און מען נעמט זיך פאָר צו האַלטן טייער דעם צווייטנס כבוד.

# ל״ג בעומר

דעם דריי און דרייסיגסטן טאָג פון ספירה צייט האָבן אויפ־געהערט די תלמידים פון רבי עקיבא צו שטאַרבן. דער דאָזיגער טאָג איז דעריבער אַ שטיקל פרייליכער אָנדענקס־טאָג. די אַלע זאַכן וואָס מ'טאָר נישט טאָן אין די ספירה טעג, מעג מען יאָ טאָן אין טאָג פון ל״ג בעומר — דעם דריי און דרייסיגסטן טאָג פון ספירת העומר.

אין פיל ערטער איז געווען איינגעפירט אַז אידישע קינדער פלעגן אַרויסגיין ל״ג בעומר מיט זייערע מלמדים אין פעלד, און דאָרט געשמועסט וועגן הייליגע צדיקים און חכמי התורה.

ל״ג בעומר איז אויך דער לויב־טאָג (יומא דהילולא) פאַר דעם תנא רבי שמעון בן יוחאי. דער תנא רבי שמעון בן יוחאי, וועלכער האָט מחבר געווען דעם הייליגען „זוהר״, איז נפטר געוואָרן ל״ג בעומר. זיין קבר געפינט זיך אין דעם קליינעם שטעטל מירון, אין ארץ ישראל, נעבען דער הייליגער שטאָט צפת.

דער תנא רבי שמעון בן יוחאי איז געווען אַ תלמיד פון רבי עקיבא. איינמאָל האָבן אים די רוימער געכאַפּט און אים פאַר'משפּט צו טויט, ר״ל. אָבער ביינאַכט האָט אים זיין זון אַרויסגע'גנב'עט פון דער תפיסה, און זיי זענען ביידע אַנטלאָפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ פאַרבאָרגענער הייל צווישן הויכע פעלזן.

רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון האָבן דאָרט געלערנט תורה. צו עסן איז דאָרט נישט געווען, ווייל ס'איז געווען ווייט פון אַ ישוב וואו מענטשן וואוינען. אָבער די תורה פון רבי שמעון בן יוחאי איז זיי בייגעשטאַנען. ס'האָט פּאַסירט אַ נס און אין דער הייל איז אויסגעוואַקסן אַ טייטל־בוים און נעבן דער הייל האָט אָנגעהויבן פליסן אַ קוועלענדיג וואַסערל, און דערפון האָבן זיי זיך דערנערט.

גאַנצע צוועלף יאָר האָבן רבי שמעון בן יוחאי און זיין זון רבי אלעזר דאָרט פאַרבראַכט אין דער הייל, פאַרטיפנדיג זיך אין

דער תורה הקדושה. השם יתברך האָט אַזוי ליב געהאַט די תורה פון רבי שמעון בן יוחאי, אַז ער האָט אים אין דער הייל געמאַכט פאַרשטיין די טיפסטע סודות פון דער תורה. טאַקע אין דער דאָזיגער הייל האָט רבי שמעון בן יוחאי פאַרפאַסט דעם זוהר הקדוש, מיט טיפע סודות פון דער תורה.

רבי שמעון בן יוחאי איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין זיין זכות זענען אויך געשיצט געוואָרן די מענטשן פון זיין דור. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, האָט זיך קיינמאָל נישט באַוויזן קיין רעגנבויגן.

(אַ רעגנבויגן איז אַ סימן, אַז די וועלט איז זינדיג און פאַרדינט נאָכאַמאָל פאַרפליצט צו ווערן ח"ו פון אַ מבול. נאָר דער מבול קומט נישט, ווייל השי"ת האָט צוגעזאָגט אַז ער וועט מער אַזאַ שטראָף נישט ברענגען אויף די מענטשן. אַזוי לאַנג ווי רבי שמעון בן יוחאי האָט געלעבט, האָט זיין תורה און קדושה באַשיצט זיין דור, און השי"ת האָט נישט באַטראַכט דאָס דור ווי זינדיג).

אַלס זכר פון דעם רעגנבויגן איז אויף געוויסע ערטער אַ מנהג, אַז חדר-אינגלעך שיסן אין ל"ג בעומר מיט פייל און בויגנס.

אין דעם טאָג קומען אידען פון אַלע עקן ארץ ישראל קיין מירון אויף רבי שמעון בן יוחאי'ס ציון. מען צינד אָן פיל ליכט און גרויסע פייער-פאַקלען, וואָס באַלייכטן פיל מייל פונדערווייטנס. מען דערמאָנט די גרויסקייט פון הייליגן צדיק, מען זינגט ספּעציעלע שירים וועגן רבי שמעון בן יוחאי, און מען בעט דעם אויבערשטן אַז אין זיין זכות זאָלן אידן געהאָלפן ווערן מיט כל מיני ישועות.

# דער ייטב לב זצ״ל

## „ער וועט באַלייכטן די וועלט"

דער דראָהביטשער רב רבי אלעזר ניסן טייטלבוים זצ״ל, דער בן יחיד פון הייליגן ישמח משה זצ״ל, און זיין רביצין די צדיקת רויזא בלימא, וועלכע איז געווען אַן אייניקל פון אַלטן דראָהביטשער רב ר׳ יקותיאל זלמן זצ״ל, זענען געווען שטאַרק פאַרצווייפלט, ווייל שוין עטליכע קינדער זענען ביי זיי געבוירן געוואָרן און זענען אַוועק פריצייטיג פון דער וועלט, די קינדער האָבן זיך ביי זיי נישט דערהאַלטן ר״ל. האָט דער דראָהביטשער רב אַוועקגעשיקט אַ בריוו צו זיין פאָטער, דעם ישמח משה, און געבעטן מתפלל זיין פאַר אים, אַז די קינדער זאָלן זיך ביי זיי דערהאַלטן.

באַלד איז אָנגעקומען די אַנטוואָרט פון ישמח משה זצ״ל, אין וועלכער ער האָט זיי באַפוילן זיי זאָלן אַריבערגיין אויפ׳ן קבר פון אַלטן דראָהביטשער רב ר׳ יקותיאל זלמן זצ״ל, דער זיידע פון זיין רביצין, און זיי זאָלן דאָרט מתפלל זיין און פאַרשפּרעכן, אַז אויב עס וועט ביי זיי געבוירן ווערן אַ אינגל וועלן זיי אַ נאָמען געבן נאָך אים.

פאַרשטייט זיך אַז ביידע האָבן תיכף אויסגעפאָלגט דעם ישמח משה׳ס עצה און מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, אין יאָר תקס״ח, איז ביי זיי געבוירן געוואָרן אַ זון, וועמען זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן יקותיאל יהודה (זלמן לייב) — יקותיאל־זלמן, נאָכ׳ן אַלטן דראָהביטשער רב, דער זיידע פון דער רביצין רויזא בלימא, און יהודה־לייב, נאָך זיין זיידן רבי לייב חסיד פון לעמבערג.

ווען ער איז אַלט געוואָרן פיר יאָר, האָט זיין פאָטער דער דראָהביטשער רב געשיקט אַ קוויטל צום הייליגן „חוזה" קיין לובלין. ווען דער לובלינער רבי האָט איבערגעליינט זיין נאָמען האָט ער געזאָגט: „ער שיינט און ער לייכט. ער וועט באַלייכטן די וועלט".

### ביים זיידן

דער קליינער זלמן־לייבעלע — ווי די עלטערן פלעגן אים צו רופן — האָט זיך נאָך אַלס קליין קינד אויסגעצייכנט מיט זיין קלוגשאַפט, שכל

הישר און שאַרפן קאָפּ. ער האָט איבערגעשטיגן אין לערנען זיינע חברים וואָס זענען געווען צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי ער.

ווען ער איז נאָך געווען אַ אינגל פון אַרום זיבן יאָר, האָט ער אַמאָל מיט זיין פאָטער באַזוכט זיין זיידע'ן דעם ישמח משה. נאָכדעם ווי דער ישמח משה האָט געזאָגט תורה ביים טיש, האָט ער געזאָגט צו זיין אייניקל: „זלמן לייבעלע, זאָג דו אויך אַ שטיקל תורה"!

דער קליינער זלמן לייבעלע האָט זיך נישט לאַנג געקווענקעלט און אָנגעפאַנגען זאָגן דברי תורה, וועלכע האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים ישמח משה און ער האָט אים דערפאַר שטאַרק געלויבט. אַזוי איז ער געוואַקסן אין תורה, ביז עס האָט זיך שוין נישט געפונען פאַר אים קיין מלמד אין גאַנץ דראָהביטש.

ווען ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט אים זיין פאָטער געשיקט צום ישמח משה און דאָרט איז ער ערצויגן געוואָרן. זיין זיידע דער ישמח משה האָט אים געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, און ער האָט אים געלערנט טאָג און נאַכט און אים מדריך געווען צו זיין אַ מנהיג ישראל.

## דער גרויסער חריף

ווען ער איז געוואָרן בר מצוה, האָט אים דער ישמח משה געהייסן צוזאַמענשטעלן אַן אייגן פשט'ל, און ער האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך גוט צוגרייטן מיט דעם פשט'ל, וואָרים צו דער בר מצוה וועט אויך קומען זיין פעטער, דער באַרימטער גאון דער „ארי' דבי עילאי", וועלכער איז געווען דעם ישמח משה'ס איידעם און זיין פאָטער'ס שוואָגער, — און מסתמא וועט ער מיט אים וועלן מפלפל זיין.

דעם אַנדערן טאָג איז דער בר מצוה בחור זלמן־לייבעלע אַריינגעקומען צום ישמח משה און אים איבערגעזאָגט דאָס שאַרפע פשט'ל וואָס ער האָט מחדש געווען אין דער פאַרגאַנגענער נאַכט. אָבער דער ישמח משה האָט אַרויסגענומען איינעם פון די באַרימטע ספרים און אים געוויזן אַז זיין גאַנץ פשט'ל איז שוין דאָרט געדרוקט. באין ברירה האָט ער געמוזט מחדש זיין נייע פשט'לעך. אָבער אויך די נייע פשט'לעך האָבן זיך שוין געפונען אין אַנדערע ספרים. ביז ער האָט ענדליך צוזאַמענגעשטעלט אַ פשט'ל וואָס דער ישמח משה איז דערפון געווען זייער שטאַרק צופרידן.

ווען דער ארי׳ דבי עילאי איז אָנגעקומען, האָט אים דער ישמח משה דערציילט וועגן דער אויסערגעוויינליכער חריפות און לומדות פון דעם יונגן זלמן לייב און וועגן די פשט׳לעך וואָס ער האָט מחדש געווען. דער ארי׳ דבי עילאי האָט אָנגעהויבן מיט אים צו שמועסן אין לערנען און פאַר אים געזאָגט עטליכע חידושים, אָבער דער יונגער זלמן לייב האָט זיי תיכף אָפּגעפרעגט און צעקלאַפּט. דער ארי׳ דבי עילאי איז געוואָרן אַנטציקט פון דעם גאונ׳ישן בר מצוה בחור׳ל.

## דער שידוך

דער נאָמען פון דעם זעלטענעם עילוי איז געוואָרן באַרימט אומעטום. פון אַלע זייטן האָט מען אָנגעבאָטן דעם ישמח משה פיינע שידוכים. דער ישמח משה האָט אָבער אַלע שידוכים אָפּגעוואָרפן.

אין איין פרימאָרגן האָט געהייסן דער ישמח משה דינגען אַ וואָגן צו פאָרן קיין טאָלטשווא. זיין רביצין איז צוגעשטאַנען צו אים און געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט עפּעס באַשלאָסן צו פאָרן קיין טאָלטשווא. האָט ער איר דערציילט, אַז מען האָט אים מגלה געווען מן השמים אַז דער זיווג פון זיין אייניקל זלמן לייב איז די טאָכטער פון טאָלטשוואַ׳ר רב רבי משה דוד אשכנזי זצ״ל.

ווען דער ישמח משה איז אָנגעקומען קיין טאָלטשווא אומגעריכטערהייט, איז אים די גאַנצע שטאָט אַנטקעגנגעגאַנגען מקבל פנים זיין. ער איז באַלד צוגעפאָרן צום רב און אים איבערגעגעבן אַז ער וויל זיך משדך זיין מיט אים און נעמען זיין טאָכטער רחל פאַר זיין אייניקל זלמן לייב. דער טאָלטשוואַ׳ר רב איז געווען איבערראַשט און צופרידן פון דעם אומפאַרהאָפטן אנטראָג, און ער האָט גערן מסכים געווען. דער שידוך איז טאַקע באַלד געשלאָסן געוואָרן.

דער טאָלטשוואַ׳ר רב האָט געהאַט אַ שם אַלס גביר און רייכער מענטש. דער ישמח משה איז געווען זיכער ביי זיך, אַז דער מחותן, דער טאָלטשוואַ׳ר רב וועט געבן אַ גרויסן נדן, כדי דער באַרימטער עילוי זאָל קענען זיצן און לערנען במנוחה. אָבער פאַקטיש איז ער געווען אַ איד אָן אַרימאַן. ווען עס איז געקומען די צייט פון באַשטימען דעם טאָג פון דער חתונה, איז נאָך דער נדן נישט געווען איינגעלייגט, און דעריבער האָט זיך פאַרצויגן דער זמן פון די חתונה.

אין דער צווישן צייט איז פאָרגעקומען די פאָלגנדע פּאַסירונג:

אין טאָלטשווא האָט געוואוינט אַ איד אַ וויין סוחר, וועלכער איז נישט געווען גענוג פאַרלעסליך אין כשרות. דער דאָזיגער איד האָט זיך געווענדעט צום טאָלטשוואַ׳ר רב נאָך אַ הכשר, אָבער דער רב האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון. דער וויין־סוחר האָט באַשלאָסן נקמה צו נעמען אין רב. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין איהעל און איז אַריין צום ישמח משה. דער ישמח משה האָט אים געגעבן „שלום עליכם" און געפרעגט פון וואַנען ער איז. ווען דער סוחר האָט געזאָגט אַז ער איז פון טאָלטשווא, האָט אים דער ישמח משה געפרעגט: „וואָס טוט עפּעס אונזער מחותן, דער רב"?

האָט דער איד געענטפערט: „דער רב איז אַ געהויבענער איד. ער זיצט יומם ולילה און איז עוסק בתורה. נאָר ער איז ליידער אַ גרויסער אָרימאַן און אין הויז איז נישט פאַראַן אפילו אַ שטיקל ברויט". — דערמיט האָט דער איד געצילט צו דערציילן דעם ישמח משה אַז דער טאָלטשוואַ׳ר רב איז אָרים און וועט נישט קענען באַצאָלן דעם נדן, כדי אַזוי אָרום צו שטערן דעם שידוך, אַלס נקמה דערפאַר וואָס ער האָט אים נישט געוואָלט געבן קיין הכשר אויף זיין וויין.

ווען דער ישמח משה האָט דאָס דערהערט, איז ער באַלד אַריין צו דער רביצין און איר געזאָגט:

„אָט איצט איז ביי מיר געווען אַ איד פון טאָלטשווא, און ער האָט דערציילט אַז דער מחותן איז אַן אָרימאַן. און מיר האָבן גאָר אַ גאַנצע צייט געמיינט אַז ער איז רייך און אַז ער וויל בלויז נישט געבן קיין נדן. אַצינד שטעלט זיך אַרויס אַז ער האָט טאַקע נישט. טאָ וואָס האָט עס אַ זין אָפּצושלעפּן דעם זמן חתונה. לאָמיר באַשטימען דעם טאָג פון דער חתונה". — אַזוי איז טאַקע געווען.

## די חתונה

ווען עס איז פאָרגעקומען די חתונה אין טאָלטשווא איז דער ישמח משה אַהין געפאָרן. ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט, פלעגט מען מאַכן פאַר דער חתונה אַ מאָלצייט פאַר אָרימע לייט. ביי דעם דאָזיגן מאָלצייט איז אַרומגעגאַנגען דער טאָלטשוואַ׳ר רב און געטיילט נדבות פאַר די אָרימע אידן. איינער פון די אָרימע לייט האָט אָבער נישט געוואָלט צונעמען די

נדבה וואָס דער טאָלטשוואַ׳ר רב האָט אים געגעבן, ער האָט פאַרלאַנגט אַ גרויסן סכום. דער טאָלטשוואַ׳ר רב האָט אים געפּרואווט געבן אַ גרעסערע נדבה, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן ביי דאָס זייניגע און געפאָדערט דוקא אַ גרויסן סכום.

נישט ווּיסנדיג וואָס צו טאָן, איז דער טאָלטשוואַ׳ר רב אַריין צום ישמח משה און אים דערציילט די גאַנצע מעשה מיט דעם מאָדנעם אורח. האָט דער ישמח משה געזאָגט, אַז ער וועט אים גיין אָנקוקן. ווען דער ישמח משה האָט אָנגעקוקט דעם אורח, האָט ער געזאָגט צום מחותן, דעם טאָלטשוואַ׳ר רב: „גיט אים וויפיל ער פאַרלאַנגט!״

דער טאָלטשוואַ׳ר רב האָט געטאָן ווי דער ישמח משה האָט געהייסן. דער אורח האָט צוגענומען דעם סכום און אָנגעוואונשן, אַז „פון דעם זיווג וועלן אַרויסקומען דורות וואָס וועלן פאַרלייכטן די וועלט״. — דער דאָזיגער מאָדנער אורח איז געווען דער הייליגער רבי ר׳ הערשעלע רימאַנאָווער זי״ע, וועלכער פלעגט אַרומפאָרן אין שטעט אויף אַ פאַרשטעלטן אופן.

## ביים שווער

נאָך דער חתונה איז ער געזעסן און געלערנט צוזאַמען מיט זיין שווער בקדושה ובטהרה. אין הויז האָט געהערשט גרויס נויט און דחקות, דאָס האָט זיי אָבער נישט געשטערט אין לימוד התורה. ווינטער אין דער גרויסער קעלט, ווען ס׳איז נישט געווען מיט וואָס צו באַהייצן די דירה, זענען זיי געזעסן אונטער דער קאָלדרע און געלערנט. דער ייטב לב פלעגט שפּעטער דערציילן, אַז דעם איינציגן תענוג עולם הזה האָט ער געהאַט ביי זיין שווער, אַז ווען ער פלעגט אויפשטיין אין די גרויסע קעלטן און גיין אין מקוה האָט ער שוין אַלעמאָל געפונען דאָס אייז אויפגעבראָכן, ווייל זיין שווער איז שוין דאָרט פריער געווען.

ווען דער ישמח משה מיט זיין רביצין זענען אַמאָל געקומען קיין טאָלטשווא באַזוכן זייער אייניקל, האָט זיך דעם ישמח משה׳ס רביצין געקלאָגט וואָס איר אייניקל זעט אַזוי שלעכט אויס, און זי האָט געוואָלט ער זאָל מיטגיין מיט זיי קיין איהעל, וואו עס איז געווען מער רחבות. האָט איר דער ישמח משה געענטפערט: „עס שאַדט נישט. ער וועט אי״ה בעסער אויסזען״...

## זיין שווער באַזעצט זיך אין ארץ ישראל

ווען זיין שווער דער טאָלטשוואַ׳ר רב איז אַלט געוואָרן זיבעציג יאָר, האָט ער געזאָגט צו זיין איידעם דעם ייטב לב, אַז ער האָט אויף זיך מקבל געווען, אַז ווען ער וועט אַלט ווערן זיבעציג יאָר וועט ער טאָן אַ מצוה וואָס ער האָט נאָך נישט געטאָן. אַצינד איז ער מסופק וואָס ער זאָל טאָן. זאָל ער אָפּדרוקן זיינע ספרים וואָס ער האָט זיך שוין לאַנג דערויף געמאַטערט, אָדער זאָל ער פאָרן קיין ארץ ישראל און זיך דאָרט באַזעצן.

האָט אים דער ייטב לב געראַטן ער זאָל פאָרן קיין ארץ ישראל. ער האָט טאַקע אָנגענומען זיין עצה און ער איז געפאָרן קיין ארץ ישראל, וואו מען האָט אים אויפגענומען אַלס רב אין דער שטאָט צפת. ער האָט זיך דאָרט געקויפט אַ שטיקל לאַנד און געוואָלט אויפבויען אַ הויז. ווען מען האָט אָנגעפאַנגען גראָבן, האָבן די אַרבעטער זיך אָנגעשטויסן אין אַ דאַך, און שפּעטער האָבן זיי אַרומגעגראָבן און עס האָט זיך פאַר זיי אַנטפּלעקט אַ גאַנץ הויז מיט אַלע איינריכטונגען.

דער טאָלטשוואַ׳ר רב האָט זיך אַריינגעצויגן אין דעם הויז, אָבער ער האָט נישט געוואָלט וואוינען דאָרט בחינם. פלעגט ער יעדן חודש אָפּטיילן דאָס דירה געלט און עס צעטיילן פאַר צדקה. פאַר זיין פּטירה האָט ער צוואה געלאָזט, אַז קיינער פון זיינע קינדער זאָלן נישט וואוינען אין הויז, נאָר ער האָט געשטעלט אַן אפּוטרופּוס וועלכער זאָל פאַרוואַלטן מיט׳ן הויז און דאָס דירה געלט זאָל ווערן פאַרטיילט צו אָרימע לייט. נאָר אויב זיין איידעם (דער ייטב לב זצ״ל) וועט באַשליסן זיך צו באַזעצן אין ארץ ישראל, וועט ער מעגן וואוינען אין זיין הויז.

## דאָס ערשטע רבנות

אַזוי איז דער ייטב לב געשטיגן אין תורה, אין צדקות און אין קדושה ביז ער איז געוואָרן באַרימט איבער דער וועלט.

ווען ער איז אַלט געוואָרן פינף און צוואַנציג יאָר האָט מען אים אויפגענומען אַלס רב אין סטראָפּקאָוו. גלייך מיט׳ן איבערנעמען דאָס רבנות, האָט ער באַלד דאָרט אויפגעשטעלט אַ ישיבה און געלערנט מיט הונדערטער בחורים.

אין יאָר תר״א, ווען זיין זיידע דער ישמח משה זצ״ל איז נפטר געוואָרן,

האָט מען אים אויפגענומען אַלס רב קיין איהעל. ער איז אָבער נישט פאַר־בליבן אין איהעל קיין לאַנגע צייט. צווישן די דאָרטיגע בעלי בתים זענען געווען אַ טייל מתנגדים, וועלכע האָבן אים שטאַרק גע׳רודפ׳ט, ביז זיי האָבן אים גע׳מסר׳ט און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן איהעל.

פון איהעל איז ער אַוועק קיין גאָרליץ, וואו ער האָט אויפסניי אָנגע־פאַנגען מרביץ תורה צו זיין און זיין רום איז געוואַקסן וואָס אַמאָל מער און מער. פיל חסידים האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צו אים מיט זייערע בקשות און ער איז מפורסם געוואָרן פאַר אַ ג־טליכן מענטש.

נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער דער דראָהביטשער רב רבי אלעזר ניסן זצ״ל, אין יאָר תרט״ו, איז ער אויפגענומען געוואָרן אויף זיין פאָטער׳ס אָרט. ער איז אָבער דאָרט פאַרבליבן בלויז צוויי יאָר. אין משך פון בלויז דער קורצער צייט האָט ער זיך באַוויזן צו דערווערבן אַזויפיל גוטע פריינט און אָנהענגער אין דער שטאָט, אַז ווען עס זענען געקומען שליחים פון סיגעט אויפצונעמען אים אַלס זייער רב, האָבן די דראָהביטשער איינוואוינער נישט געוואָלט צולאָזן די שליחים צו זייער רב.

## אין סיגעט

אין יאָר תרי״ח האָט דער ייטב לב זצ״ל איבערגענומען דאָס רבנות אין סיגעט. סיגעט איז געווען אַ שטאָט פון לומדים און תלמידי חכמים. דאָרט זענען תמיד געווען רבנים באַרימטע גאונים. מיט דעם אָנקומען פון ייטב לב קיין סיגעט האָט נישט נאָר די שטאָט סיגעט ווידער אויפגעבליט, נאָר אויך די גאַנצע סביבה, און די גאַנצע מדינה, האָבן באַקומען אַן אַנדער פנים.

באַלד האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען הונדערטער און טויזענטער תלמידים אין דער ישיבה פון ייטב לב, און טויזנטער חסידים פלעגן קומען וואָך נאָך וואָך צו שעפּן תורה און קדושה פון דעם הייליגן מנהיג ישראל. סיגעט איז געוואָרן אַ צענטער פון תורה און חסידות. אַהין פלעגן קומען נישט בלויז חסידים און תלמידי חכמים, נאָר אויך באַרימטע רבנים גאונים און רביים פון חסידים. פון גאַנץ אונגאַרן און פון גאַליציען איז מען צו אים געקומען נאָך אַ ברכה און ישועה, און פון זיינע וואונדער האָט מען זיך נאָכדערציילט אומעטום.

## דער מנהיג ישראל

דער סיגעטער רב, דער בעל ייטב לב זצ״ל, איז געוואָרן דער מנהיג פון גאַנצן אידנטום אין דער מדינה. פון זיין ישיבה זענען אויסגעוואַקסן באַרימטע רבנים גאונים און צדיקים. סיגעט איז געוואָרן אַ לייכט־טורעם פאַר דער גאַנצער מדינה.

דאָס דאַוונען פון ייטב לב האָט ממש געשפּאָלטן הימלען. מיט גרויס התעוררות און געוויין פלעגט ער מיט זיין פעסטער שטימע מאַכן אויפציטערן אַלע מתפללים און צוהערער. אויך זיינע פייערדיגע דרשות זענען געווען דורכ־געדרינגען מיט הייליגן ציטער און מיט גרויס געוויין פלעגט ער שטראָפן דעם עולם. אין איינער פון זיינע דרשות האָט ער אויסגערופן צום עולם: „אייערע חטאים זענען אויסגעקריצט אויף אייערע פּנימ׳ער״!

ער פלעגט צו זאָרגן פאַר די פשוט׳ע דאָרפס־אידן און ער האָט זיך תמיד משתדל געווען און אינטערעסירט וועגן זייער פרנסה. צו יעדן תלמיד און חסיד האָט ער זיך באַצויגן מיט פאָטערליכער ליבשאַפט, און יעדן איד׳ס צער האָט אים גערירט ביז אין די טיפעניש פון האַרצן. מיט זיינע תפילות און ברכות פלעגט ער העלפן פיל קראַנקע און אומגליקליכע.

אין דער זעלבער צייט פלעגט ער אומדערשראָקן באַקעמפן יעדע פּירצה געגן אידישקייט, נישט אָפּשטעלנדיג זיך פאַר קיין שום זאַך. אויב עמיצער האָט זיך אויפגעפירט שלא על פּי התורה, פלעגט ער געגען אים אַרויסגיין מיט דער גרעסטער שאַרפקייט, אפילו ווען דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט סכנת נפשות.

## דער רבי פון רבנים

דער ייטב לב זצ״ל איז געווען אַ רב פאַר רבנים און אַ רבי פאַר רביים. ווען עס איז אויפגעקומען די רעפאָרמיסטישע באַוועגונג, האָט דער ייטב לב אָנגעפירט געגן זיי דעם קאַמף, ביז ער האָט זיי דערוויטערט פון די ערליכע אידן. ער האָט אויך געקעמפט מיט מסירת נפש געגן די אידישע שולעס, וועלכע זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך פרייע און נישט־רעליגיעזע אידן. זיין וואָרט איז געווען אַ באַפעל פאַר דער גאַנצער מדינה.

פונקט ווי זיין זיידע דער ישמח משה זצ״ל, אַזוי פלעגט אויך דער ייטב לב זצ״ל האַלטן פייערדיגע דרשות אין די ימים נוראים, און ער פלעגט

מעורר זיין די טויזנטער אידן צו תשובה און מעשים טובים. פיל גרויסע רבנים און צדיקים פלעגן קומען קיין סיגעט זיך לערנען אַ דרך אין עבדות הבורא יתברך.

ווען ער האָט געדרוקט זיין ספר „ייטב לב" אויף דער תורה, האָט ער צוליב ענוות נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען אויפ'ן ספר. שפּעטער האָט ער אויך געדרוקט זיין ספר „ייטב פנים". נאָך זיין פּטירה האָבן זיינע אייניקלעך געדרוקט זיינע ספרים „שאלות ותשובות אבני צדק" און „רב טוב".

## די לעצטע טעג

ווען ער איז אַלט געוואָרן פינף און זיבעציג יאָר, אין יאָר תרמ"ג, איז ער שטאַרק שלאַף געוואָרן און ער האָט געליטן גרויסע יסורים. אין דעם לעצטן שבועות האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים: „איר זאָלט וויסן, אַז מיין זיידע דער ישמח משה זצ"ל האָט מיר איבערגעגעבן דעם כח צו האַלטן דרשות און מעורר צו זיין דאָס פאָלק צו תשובה. דעריבער וועל איך אויך איצט דרש'נען". טראָץ זיין שלעכטן געזונט צושטאַנד און די יסורים וואָס ער האָט געליטן האָט ער געזאָגט אַ פלאַם-פייערדיגע דרשה וואָס האָט יעדן איינעם גערירט ביז אין די טיף-טיפעניש.

אפילו אין די טעג פון זיין קראַנקהייט האָט ער אָנגעפירט מיט דער עדה פון טויזנטער אידן און געזאָרגט דערפאַר אַז אַלץ זאָל אָנגיין ווי עס דאַרף צו זיין. ער פלעגט זיך אינטערעסירן וועגן יעדן פרט אין אידישן לעבן און מאַסן אידן פלעגן קומען מיט זייערע בקשות צו זיין קראַנקן בעט.

פרייטאָג צו נאַכט פרשת שופטים — ו' אלול תרמ"ג — ווען ער האָט געהאַלטן אין מיטן דאַווענען, ביי די ווערטער „ובצל כנפיך תסתירני" איז זיין הייליגע נשמה אַרויף צוריק אין הימל. די גאַנצע אידישע וועלט איז געוואָרן איינגעהילט אין שווערן טרויער אויף דער פּטירה פון דעם גרויסן מנהיג הדור.

אויף זיין אָרט אַלס רב אין סיגעט איז אויפגענומען געוואָרן זיין זון רבי חנני' יום טוב ליפּא זצ"ל, דער „קדושת יום טוב" — דער פאָטער פון רבן של ישראל דער סאַטמאַרער רבי שליט"א.

# שבועות

דעם זעקסטן טאָג פון חודש סיון, פופציק טאָג נאָך דער באַפרייאונג פון גלות מצרים, האָט הקב"ה געגעבן פאַר די אידן די הייליגע תורה אויפ'ן באַרג סיני. בשעת אַלע אידן זענען געווען צוזאַמען האָט השם יתברך געזאָגט די עשרת הדברות — די צען געבאָט. די איבעריגע תורה האָט משה רבנו איבערגענומען פון השי"ת און דערנאָך זי איבערגעגעבן פאַר אַלע אידן.

פאַר די אידן וואָס זענען דעמאָלט אַרויס פון מצרים, איז די שמחה מיט מתן תורה געווען אויסערגעוויינליך גרויס. וואָרים וואָס פאַר אַ ווערט וואָלט געהאַט די באַפרייאונג, אויב הקב"ה וואָלט אונז נישט געגעבן די תורה הקדושה? וואָס פאַר אַ חשיבות וואָלט געהאַט אונזער פאָלק, אויב עס וואָלט נישט געקאָנט ג-ט'ס וועג? וואָס פאַר אַ טעם וואָלט געהאַט אונזער לעבן, ווען מיר וואָלטן נישט פאַרמאָגט די הייליגע מצוות?

דער באַשעפער האָט דעריבער געהייסן מאַכן די צייט וואָס מיר האָבן באַקומען די תורה, פאַר אַ יום טוב. מ'האַלט דעם יום טוב פון קבלת התורה צוויי טעג, — דעם זעקסטן און זיבעטן טאָג פון חודש סיון. דער יום טוב הייסט שבועות, ווייל מ'פייערט אים נאָך דער ציילונג פון זיבן וואָכן, וואָס זענען פונעם צווייטן טאָג פסח ביזן ערשטן טאָג שבועות. דער טייטש פון וואָרט שבועות איז: וואָכן.

אין דער תפילה וואָס מ'דאַוונט שבועות, זאָגט מען: „זמן מתן תורתנו" — די צייט וואָס מ'האָט אונז געגעבן די תורה.

# מתן תורה

עס זענען נישט פאַרביי קיין פופציג טעג, ווי די אידן זענען אַרויס פון מצרים. ערשט נישט לאַנג צוריק, האָבן זיי מיט געבויגענע אַקסלען געשלעפט די שווערע ציגל און שטיינער פאַר פרעה׳ס פּיראַמידן. ערשט נישט לאַנג צוריק האָבן זיי געפּילט אויף זייערע לייבער די אייזערנע רוט פון די מצריים. ערשט מיט עטליכע וואָכן צוריק זענען זיי געווען אומגליקליכע שקלאַפן ביים רשע פרעה. איצט זענען זיי אַלע פרייע מענטשן.

ווי אויף אָדלער פליגלען האָט זיי ג-ט אַריבערגעפירט דעם ים, אַרויסגעבראַכט אין דער מדבר, און איצט האָט ער זיי דערנענטערט צום באַרג סיני. ער האָט זיי געגעבן אַ גרויסן געטליכן מנהיג, וואָס איז פאַר זיי ווי אַ פאָטער. דער דאָזיגער מנהיג הערט ג-ט׳ס וואָרט און ברענגט דאָס וואָרט פון כביכול השי״ת צו די אידן. און אָט האָט זיי זייער פירער משה רבנו, מיט אַ פאַר טעג צוריק געברענגט דעם אָנזאָג פון השי״ת: „זייט גרייט צום גרויסן טאָג, און איר אַלע וועט קענען הערן ג-ט׳ס וואָרט.

ס׳איז דער זעקסטער טאָג אין חודש סיון. גליקליכע זאַמלען זיך איצט די בני ישראל אַרום דעם באַרג סיני. זיי זענען איצט פרייע מענטשן וואָס דאַרפן קיינעם נישט דינען, אַ חוץ זייער פאָטער אין הימל. קעניגליכע קינדער, אַלע גערייניגט און מיט לויטערע הערצער גרייט איבערצונעמען די טייערסטע מתנה, וואָס דער ליבער פאָטער אין הימל האָט זיי צוגעזאָגט.

אַ געדיכטער נעפּל מאַכט מיטאַמאָל פול דעם מדבר. אַ טונקעלער וואָלקן נעמט אַרום דעם באַרג. עס הויבט אָן בליצן מיט שטיקער פייער. ס׳דונערט. ס׳שטורעמט. דער שופר בלאָזט. דער גאַנצער באַרג סיני פלאַקערט. עס פלאַטערט יעדעם באַשעפעניש. עס ציטערט די גאַנצע וועלט.

מיטאַמאָל ווערט שטיל. די אידישע מחנה שוויגט. דאָס פייגעלע טשוויטשערט נישט. דער אָדלער פליט נישט. די חיה ברומט נישט.

דער ווינט בלאָזט נישט. דער ים רירט זיך נישט. די גאַנצע וועלט שווייגט. יעדער ווערט אַן אויער פאַר ג־ט'ס וואָרט. אַלעמענס הערצער ווערן פול מיט הייליגער שמחה. יעדע נשמה שוועבט צום הימל, צאַפּלט פאַר גליקלעכקייט. ג־ט'ס וואָרט הילכט אָפּ. ס'פאַרשמעקט די לופט. מ'גייט שיעור אוים פאַר פרייד. אַלע אידן באַגרייפן מיטאַמאָל די העכסטע אמת'דיגע ידיעות מיט דער גרעסטער קלאָרקייט.

ווי זים זענען ג־ט'ס רייד! ווי ליכטיג איז דער אמת פון ג־ט וואָס נעמט אַלץ אַרום! ווי גוט איז איצט דעם באַשעפערס פאָלק! ווי וואויל איז איצט דעם איד! ווי ליב איז צו זיין דעם באַשעפערס דינער! ווי גליקליך איז צו זיין דער אויספירער פון אויבערשטנס רצון!

מ'האָט איצט שוין די הימלישע תורה. מ'איז באַגליקט מיט ג־ט'ס מצוות. מ'פילט אוים דעם טאָג מיט גוטע מעשים. מ'דערקוויקט די דורשטיגע נשמות. מ'דערנענטערט די הערצער צו ג־ט. מ'ווערט דורכגענומען פון די איידלסטע געפילן און מ'דערשפירט ג־טליך גליק.

# די תורה און די אידן

איידער דער אויבערשטער איז געגאַנגען געבן די תורה פאַר די אידן, האָט ער געזאָגט: איך וועל גיין מיט דער תורה אויך צו די פעלקער פון דער וועלט און וועל זיי פרעגן, אפשר ווילן זיי אויך נעמען די תורה. אויב זיי וועלן מסכים זיין, וועל איך זיי לאָזן אָנשליסן אין די אידן. זאָלן זיי שפעטער נישט זאָגן אַז ווען מען וואָלט זיי פאַרגעשלאָגן די תורה, וואָלטן זיי זי אויך אָנגענומען.

איז דער אויבערשטער אַוועק צו די בני עשיו און געפרעגט:
— ווילט איר נעמען מיין תורה?

האָבן די בני עשיו געפרעגט: וואָס שטייט אין דער דאָזיגער תורה?

האָט דער אויבערשטער געענטפערט: אין מיין תורה שטייט געשריבן: „איר זאָלט נישט מאָרדן!"

האָבן די בני עשיו געזאָגט צו ג־ט: „חלילה, מיר קענען נישט נעמען אַזאַ תורה. מיר לעבן פון קריג און מאָרד. אָן דעם קענען מיר נישט עקזיסטירן!"

האָט ג־ט ב"ה זיך באַוויזן צו די בני ישמעאל און זיי געזאָגט: „וועט איר נעמען מיין תורה, די תורה גיט לעבן צו די וואָס זענען איר מקיים".

— וואָס שטייט אין אָט דער תורה? — האָבן די בני ישמעאל געפרעגט.

— אין מיין תורה שטייט: „דו זאָלסט נישט גנב'ענען"! — האָט הקב"ה געזאָגט.

— אָ, ניין! — האָבן די בני ישמעאל אויסגערופן — אַזאַ תורה ווילן מיר נישט אָננעמען.

איז דער אויבערשטער אַוועק צו די קינדער פון עמון און מואב. אויך זיי האָבן געפרעגט וואָס עס שטייט אין דער תורה. און ווען דער אויבערשטער האָט זיי געזאָגט, אַז אין דער תורה שטייט, אַז מען טאָר נישט פירן קיין אויסגעלאַסן לעבן, האָבן זיי זיך דערשראָקן און זיך אָפּגעזאָגט פון דער תורה.

איז דער אויבערשטער אַוועק צו די פעלקער פון כנען און זיי געפרעגט, „אפשר וועט איר נעמען מיין תורה. עס וועט אייך גוט זיין און איר וועט לאַנג לעבן אינעם לאַנד. דערויף האָבן די בני כנען געפרעגט: „וואָס שטייט אין דער דאָזיגער תורה?"

האָט דער אויבערשטער זיי געזאָגט: „אין מיין תורה שטייט, אַז מען מוז זיין ערליך, מען טאָר נישט שווינדלען ווען מען האַנדלט, מען דאַרף געבן אַ ריכטיגע מאָס און אַ ריכטיגע וואָג.

האָבן די כנענים דערויף געענטפערט: „ניין! אַ תורה וואָס האָט אַזעלכע גערעכטע געזעצן, ווילן מיר נישט".

און דאַן איז השי"ת געקומען צו די אידן. און ווען מען האָט די אידן געפרעגט, האָבן זיי לאַנג נישט געטראַכט. זיי האָבן אפילו

נישט געפרעגט וואָס עס שטייט אין דער תורה. מיט גרויס פרייד און התלהבות האָבן זיי אַלע אינאיינעם אויסגערופן:

„נעשה ונשמע!" — מיר וועלן טאָן און מיר וועלן הערן!

---

איידער דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה פאַר די אידן, האָט ער געזאָגט צו משה רבנו:

„גיי נעם צוזאַמען דאָס גאַנצע פאָלק און רעד פריער צו די אידישע פרויען, ווייל אויב די פרויען וועלן נישט נעמען אויף זיך די תורה, וועלן די מענער און די קינדער וואָס וועלן געבוירן ווערן נישט קענען זי מקיים זיין. די פרוי איז די עקרת הבית און זי ערציט די קינדער פון זייער געבורט אָן. דעריבער איז וויכטיג אַז ווען דער פונדאַמענט פאַר אַ אידיש הויז ווערט געשטעלט, אַז די פרוי זאָל נעמען אויף זיך די תורה.

איז משה רבינו געגאַנגען פריער צו די פרויען, און דערנאָך צו די מענער, און אַלע האָבן זיי אויף זיך גענומען צו האַלטן די תורה. דאַן האָט ג־ט געזאָגט צו משה'ן: „איצט וויל איך פון דיר אַ גאַראַנטיע. ווער וועט מיר געבן אַ פאַרזיכערונג, אַז די אידן וועלן טאַקע האַלטן מיין תורה אויף אייביג?

ווען משה האָט געבערענגט דעם דאָזיגן פאַרלאַנג צו די אידן, האָבן די אידן געזאָגט:

„אונזערע קינדער וועלן פאַר אונז האַפטן, אַז מיר וועלן האַלטן די תורה. מיר וועלן די תורה לערנען מיט אונזערע קינדער און אונזערע קינדער וועלן די תורה איבערגעבן צו זייערע קינדער, און אַזוי וועט די תורה איבערגעגעבן ווערן פון איין דור צום צווייטן, און זי וועט בלייבן ביי אידן אויף אייביג.

# גזירות ת״ח ות״ט

## (תענית כ׳ סיון)

פינף מאָל אין יאָר — אויסער יום כיפור פאַסטן מיר: צום גדלי׳, עשרה בטבת, תענית אסתר, שבעה עשר בתמוז און תשעה באב. די דאָזיגע פינף תעניתים זענען איינגעפירט געוואָרן דורך די נביאים און חכמים.

פאַראַן אָבער נאָך אַ תענית, וואָס הייליגע גדולי ישראל האָבן איינגעפירט ערשט מיט יאָרן שפּעטער, און וואָס טייל אידן היטן אָפּ ביזן היינטיגן טאָג. דאָס איז דער תענית כ׳ סיון — צוואַנציג טאָג אין סיון — אין זכר פון טראַגישע געשעענישן וואָס זענען פאָרגעקומען מיט אידן אין די יאָרן פון ת״ח און ת״ט, אָדער ווי זיי ווערן אָנגערופן אין דער געשיכטע: „גזירות ת״ח ות״ט״.

אין יענע יאָרן האָבן די גרויזאַמע קאָזאַקן, טאַטאַרן און אוקראַאינער, אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם בלוט־דורשטיגן קאָזאַקן פירער, דער צורר ישראל באָגדאַן כמיעלניצקי, אויסגעפירט שוידערליכע פּאָגראָמען אויף די אידן.

די קאָזאַקן זיינען געווען אַ ווילדער רוסיש־אוקראַאינישער שבט פון פערד רייטער, וועלכע האָבן פאַר לאַנגע יאָרן געלעבט פון רויב און מאָרד. מיט איבער דריי־הונדערט יאָר צוריק זענען זיי אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן איינגענומען דעם גאַנצן דרום טייל פון רוסלאַנד. די פּאָליאַקן האָבן שטאַרק גע׳רודפ׳ט די קאָזאַקן, און דאָס האָט דערפירט דערצו אַז די קאָזאַקן האָבן אונטער דער פירערשאַפט פון דעם רשע באָגדאַן כמיעלניצקי אָרגאַניזירט אַ גרויסן אויפשטאַנד קעגן די פּאָליאַקן. כמיעלניצקי האָט זיך פאַרבונדן מיט די טאַטאַרן פון קרים און צוזאַמענגעשטעלט אַ גרויסע אַרמיי צו מאַרשירן קעגן דער פּוילישער מלוכה.

כמיעלניצקי׳ס קאָזאַקן האָבן באַלד אָפּגעהאַלטן איין נצחון נאָכ׳ן אַנדערן. אין אַ קורצער צייט האָבן זיי איינגענומען גרויסע טיילן פון אוקראַאינע, פּאָדאָליע און וואָלין. און וואו נאָר זיי זענען אַריין האָבן זיי אָנגעמאַכט גרויסע

חורבנות, גערויבט, געפּלינדערט און געמאָרדעט. באַזונדערס האָבן זיי אויס־געלאָזן זייער גאַנץ רשעות און מאָרד־לוסט קעגן די אידן. אומעטום האָבן זיי אויסגעפירט גרויזאַמע און ברוטאַלע שחיטות אויף אידן, גערויבט און געפּלינדערט דאָס אידישע פאַרמעגן.

איינע פון די גרעסטע שחיטות האָבן כמיעלניצקי׳ס באַנדעס דורכ־געפירט אין דער שטאָט נעמיראָוו. אין דער דאָזיגער שטאָט אַריין זענען געהאַט אַנטלאָפן טויזנטער אידן פון אַלע אַרומיגע שטעט און שטעטלעך, מיט דער האָפענונג אַז דאָרט וועלן זיי געשיצט ווערן דורך דער פּוילישער אַרמיי. אָבער געשען איז אַנדערש. די קאָזאַקן האָבן זיך דורך אַ טריק אַריינ־באַקומען אין דער שטאָט און דאָרט דורכגעפירט אַ בלוטיגע שחיטה איבער די אידן.

דער רב פון נעמיראָוו איז געווען דער באַרימטער גאון און צדיק רבי יחיאל מיכל ז״ל. ווען ער האָט געזען וואָס עס גרייט זיך פאַר די אידן פון דער שטאָט, האָט ער צוזאַמענגערופן אַלע אידן און זיי געשטאַרקט צו גיין אויף קידוש השם מיט מוט, און נישט לאָזן זיך אויסקויפן פון די קאָזאַקן דורך שמד ר״ל, ווי די קאָזאַקן האָבן זיי געהאַט פאַרגעשלאָגן. די אידן זענען טאַקע אַלע אומגעקומען אויף קידוש השם.

די גרויסע שחיטה איז פאַרגעקומען אין דעם טאָג כ׳ סיון. אַלס זכר פון דער דאָזיגער פאַסירונג האָט דער גרויסער גאון רבי שבתי הכהן (ש״ך) און אַנדערע גאונים פון יענער צייט, איינגעפירט אַ תענית ציבור פאַר אַלע אידן אין פּוילן און ליטע. — אייגנטליך איז דער טאָג כ׳ סיון שוין פון פריער געווען באַשטימט פאַר אַ תענית, נאָך פון די צייטן פון די קרייץ־צוגן, אָבער נאָך די אויבן דערמאַנטע טראַגישע פאַסירונגען איז דער תענית נאָך מער פאַרשטאַרקט געוואָרן. עס זענען פאַרפאַסט געוואָרן ספּעציעלע קינות און סליחות פאַר׳ן דאָזיגן טאָג.

אַזוי איז כמיעלניצקי מיט זיינע ווילדע סאָלדאַטן געגאַנגען פון איין אָרט צום צווייטן און אומעטום גערויבט און געמאָרדעט. צענדליגער טוי־זנטער אידן זענען אומגעקומען אין יענע יאָרן פון ת״ח און ת״ט דורך די מערדערישע באַנדעס.

ענדליך האָבן אויך כמיעלניצקי׳ס באַנדעס געהאַט זייער סוף. די פּאָליאַקן האָבן זיך געשטאַרקט און פאַרטריבן כמיעלניצקי׳ס חיילות. די אידן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט, אָבער די שרעקליכע חורבנות וואָס די רשעים האָבן אָנגעמאַכט האָבן אידן געפילט פאַר לאַנגע דורות. עס האָט גענומען

אַ לאַנגע צייט ביז די אידן זענען ווידער געקומען צו זיך און צוריק געקענט אויפשטעלן די חרוב׳ע קהלות.

אין אָט די יאָרן האָבן טויזנטער אידן ווידעראַמאָל אַרויסגעוויזן אויסער־געוויינלעכע מסירת נפש פאַר זייער אמונה. געווען קאָזאַקישע באַנדעס וואָס האָבן פאַרגעשלאָגן פאַר די אידן אָנצונעמען דאָס קריסטליכע גלויבן, און זייער לעבן וועט זיי געשענקט ווערן. אָבער די אידן האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן. זיי האָבן בעסער געוואָלט שטאַרבן איידער לעבן ווי גוים.

נאָר איינצלנע שוואַכע אידן האָבן מכלומרשט אָנגענומען דאָס קריסט־ליכע גלויבן. אָבער באַלד ווי כמיעלניצקי׳ס באַנדעס זענען פאַרטריבן געוואָרן האָבן זיי תשובה געטאָן און זיך צוריקגעקערט צו דער אמונה פון זייערע עלטערן.

די גזירות פון שנת ת״ח ות״ט זענען פון די בלוטיגסטע קאַפּיטלען אין דער אידישער געשיכטע וואָס איז, לײַדער, איבערפולט מיט תקופות פון צרות און פאַרפאָלגונגען.

# די דריי וואָכן

## שבעה עשר בתמוז

ווי איר ווייסט שוין אוודאי, האָט ג-ט אָריינגעפירט די אידן קיין ארץ ישראל און זיי דאָרט באַזעצט. אָבער ג-ט האָט די אידן געגעבן דאָס לאַנד נאָר מיט דעם תנאי, אַז זיי וועלן מקיים זיין די תורה. באַלד אין דער תורה האָט הקב״ה זיי געוואָרנט, אַז אויב זיי וועלן נישט אָפּהיטן די תורה, וועלן די אידן פאַרטריבן ווערן פון לאַנד און עס וועט אויף זיי קומען גרויסע צרות.

אידן האָבן אָבער פאַרגעסן די וואָרענונג פון דער תורה. זיי האָבן זיך אין ארץ ישראל נישט געפירט ווי עס דאַרף צו זיין. זיי האָבן זיך פאַרקוקט אויף די שכנות׳דיגע גוים. זיי האָבן נישט געהיטן ג-ט׳ס מצוות און אויך אָפטמאָל געדינט עבודה זרה.

אָבער דער אויבערשטער אין זיין גרויס רחמנות, האָט זיי נישט באַלד באַשטראָפט. ער האָט צו די אידן געשיקט זיינע געטליכע שליחים, די נביאים. די נביאים האָבן די אידן גערופן צו תשובה און אָפּצוקערן זיך פון די שלעכטע מעשים. זיי האָבן געוואָרנט די אידן, אַז ג-ט וועט זיי שטרענג באַשטראָפן און וועט זיי פאַרטרייבן פון הייליגן לאַנד.

אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. אין אַ שכנות׳דיג לאַנד, נעבן ארץ ישראל, אין בבל, איז אויפגעשטאַנען אַ מעכטיגער און גרויזאַמער קעניג מיט׳ן נאָמען נבוכדנאצר. דער קעניג האָט גענומען פירן אַ מלחמה קעגן די אידן און ער האָט אויך באַלד באַזיגט די אידן. אָבער די הויפּט שטאָט ירושלים, וואו עס איז געשטאַנען דאָס בית המקדש, האָט איהם דער אויבערשטער נישט געלאָזט אַזוי שנעל איינעמען.

ג־ט האָט נאָך אַלץ געוואַרט אַז די אידן זאָלן תשובה טאָן. אָבער ווען די אידן האָבן דאָך נישט תשובה געטאָן, האָט ג־ט איבערגעגעבן די שטאָט אין די הענט פון די אידישע שונאים.

די גויים האָבן אַרומגערינגלט ירושלים און באַשאָסן פון אַלע זייטן. די שטאָט איז געווען פאַרמאַכט און מ׳האָט נישט געקענט אַריינפירן קיין עסן. די אידן האָבן געקעמפט מיט העלדישקייט און מסירת נפש. אָבער זיי האָבן זיך נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן דעם שונא, ווייל ג־ט האָט זיי מער נישט געהאָלפן.

אין דער שטאָט האָט אָנגעהויבן אויספעלן ברויט. אויך וואַסער איז נישט געווען צו טרינקען. טויזנטער מענטשן זענען יעדן טאָג אומגעקומען פון הונגער. דערצו זענען נאָך צוגעקומען שרעקליכע קראַנקהייטן. אַזוי אַרום זענען אויך די אידישע קעמפער שוואַך געוואָרן און נישט געקענט מער שטעלן קיין ווידערשטאַנד.

דעם שונא׳ס מיליטער האָט איינגעבראָכן די מויער פון ירושלים. געשען איז דאָס דעם ניינטן טאָג אין חודש תמוז. זיי זענען אַריין אין שטאָט און דאָרט אָנגעמאַכט אַ חורבן. זיי האָבן גע׳הרג׳עט אָן רחמנות און קיינעם נישט געשוינט. אַלע לייט, פרויען, שוואַכע און קינדער — אַלעמען האָבן די רשעים געפייניקט און אָנגעטאָן שרעקליכע צרות.

דאָס איז געווען ביים ערשטן בית המקדש.

עפּעס ענליכעס האָט פּאַסירט ביים צווייטן בית המקדש. ווי־דעראַמאָל האָבן די גויים, — דאַסמאָל זענען עס געווען די רוימער, — נאָך אַ לאַנגער צייט באַלאַגערונג, איינגעבראָכן די מויערן פון ירושלים. דאָס איז געווען זיבעצן טאָג אין חודש תמוז. דעריבער איז דער טאָג שבעה עשר בתמוז באַשטימט געוואָרן פאַר אַ תענית, אין וועלכן עס דאַרפן פאַסטן אַלע דערוואַקסענע מענער און פרויען, און מען זאָגט ספּעציעלע סליחות אין דעם טאָג.

## בין המצרים

פון יענעם טאָג אָן, ווען די רשעים זענען אַריין אין דער

הייליגער שטאָט ירושלים, איז דאָרט די לאַגע געוואָרן פון טאָג צו טאָג ערגער. די גוישע חיילות האָבן גערויבט, געפּלינדערט, געמאָרדעט און חרוב געמאַכט אַלץ וואָס איז זיי געקומען אונטער דער האַנט. אַזוי האָבן די נגישות און עינויים אָנגעהאַלטן ביז דעם ניינטן טאָג אין חודש אב — תשעה באב.

אויך ביים צווייטן בית המקדש, ווען די מויער פון ירושלים עיר הקודש איז אויפגעבראָכן געוואָרן דעם זיבעצענטן טאָג אין חודש תמוז, איז דער ניינטער טאָג אין חודש אב געווען דער מורא׳דיגסטער טאָג פון חורבן.

פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב זענען פאַראַן איין און צוואַנציג טעג, אָדער דריי וואָכן. אין לשון קודש רופט מען די „דריי וואָכן״ — „בין המצרים״.

מיט׳ן אָנפאַנג פון די דריי וואָכן, פון זיבעצן טאָג אין תמוז, איז דעריבער איינגעפירט געוואָרן אַ געוויסע מאָס טרויער. מ׳שערט נישט די האָר, מ׳טוט נישט אָן קיין נייע מלבושים און מ׳עסט נישט קיין נייע פּירות איבער וועלכע מ׳דאַרף מאַכן שהחיינו. מ׳מאַכט אויך נישט קיין חתונות. און בכלל מיידט מען אויס אין די דאָזיגע טעג יעדען שטייגער פרייד. מ׳טאָר נישט, פאַרשטייט זיך, זינגען און שפּילן אָדער הערן מוזיק וכדומה.

## די ניין טעג

פון ערשטן טאָג אין חודש אב, ביז׳ן ניינטן, דאָס הייסט פון ראש חודש אב ביז תשעה באב, ווערט די אומעטיגקייט נאָך גרעסער. אין די דאָזיגע טעג עסט מען נישט קיין פלייש און מ׳טרינקט נישט קיין ווייַן, אויסער שבת. מען באָדט זיך נישט. מ׳וואַשט נישט קיין וועש און מען פאַרריכט נישט קיין קליידער. בכלל טוט מען נישט קיין שום זאַך וואָס פאַרשאַפט פאַרגעניגן און פרייד.

## שבת חזון

דעם שבת פאַר תשעה באב לייענט מען שבת די הפטורה פון „חזון ישעיהו״. דאָס איז די נבואה פון ישעיהו הנביא, וועלכער האָט

געוואָרנט די אידן, אַז אויב זיי וועלן נישט תשובה טאָן, וועט אויף זיי קומען דער חורבן. היות די שטראָף־רייד הויבן זיך אָן מיט דעם וואָרט „חזון”, דעריבער רופט מען דעם שבת „שבת חזון”.

## חורבן בית המקדש

נאָכדעם ווי עס זענען אומגעקומען און אויסגעהרג׳עט געוואָרן טויזנטער אידן, האָבן די שונאים נאָך אַלץ נישט געהאַט גענוג. זיי האָבן באַשלאָסן פון אַלעם צו מאַכן אַ תל.

דאָס טייערסטע ביי אידן איז שטענדיג געווען דאָס בית המקדש וואָס איז געשטאַנען אין ירושלים. ווען נאָר מ׳האָט דאָרט געבעטן צום אויבערשטן, האָט ער צוגעהערט צו אידישע תפלות מער ווי ערגעץ אַנדערש. דאָרט אין בית המקדש איז דער אויבערשטער געווען צו די אידן נענטער. זייער אַ גרויסע צאָל מצוות האָט מען נאָר געקענט מקיים זיין, ווען מ׳האָט געהאַט דאָס בית המקדש.

צוליב דעם בית המקדש האָט דער אויבערשטער געשענקט דער וועלט, און באַזונדערס פאַר די אידן, זייער פיל גוטס. דורך דעם בית המקדש איז יעדן איינעם — וואָס האָט נאָר געוואָלט — אָנגעקומען פיל לייכטער צו ווערן איידעלער און הייליגער. צוליב דעם בית המקדש איז ביי אידן געווען אָן אַ שיעור חכמה. אויך די נביאים זענען ביי אידן געווען צוליב דעם בית המקדש.

ווי לאַנג דאָס בית המקדש איז געשטאַנען, איז השם יתברך געווען נאָך אַלץ נאָענט צו זיין פאָלק. אָבער ווען די אידן האָבן אַ לאַנגע צייט געזינדיגט, האָט ער זיי געוואָלט דערווייטערן, האָט ער די גויים צוגעלאָזן צו צעשטערן דאָס בית המקדש, וואָס די אידן האָבן זיך מער נישט פאַרדינט.

דעם ניינטן טאָג אין חודש אב — תשעה באב — איז געשען דאָס גרויסע אומגליק. דאָס בית המקדש וואָס איז געשטאַנען איבער פיר הונדערט יאָר, איז אונטערגעצונדן געוואָרן. דער הייליגער בנין וואָס איז געווען די קרוין פון אידישן פאָלק, איז פאַרברענט געוואָרן אויף אַש.

ירמיהו הנביא, וועלכער האָט שטענדיג געוואָרנט די אידן, אַז דאָס וועט פּאַסירן, האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי דאָס וואָס דער אויבערשטער האָט פאָראויסגעזאָגט צו אים און צו די אַנדערע נביאים, ווערט מקוים. נאָך אַ צייט פריער, איידער דאָס אומגליק איז געשען, האָט ירמיהו, לויט ג־ט׳ס באַפעל, אָנגעשריבן מיט רוח הקודש די מגילה „איכה״, ווי עס ווערט באַוויינט דער גאַנצער חורבן.

ווי איר ווייסט מן הסתם פון דער געשיכטע, האָט דער אויבער־שטער געהאַט צוגעזאָגט די אידן, אַז זיי וועלן נאָך זיבעציג יאָר זיין אין בבל, זיך צוריקקערן קיין ארץ ישראל. אַזוי האָט טאַקע פּאַסירט. די אידן האָבן זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל און דאָרט ווידעראַמאָל אויפגעשטעלט דאָס בית המקדש. אָבער ווידעראַמאָל האָבן אידן געזינדיגט. עס איז דעריבער געקומען צו אַ צווייטן חורבן.

דאָס ערשטע בית המקדש איז געשטאַנען 410 יאָר. דאָס צווייטע בית המקדש איז געשטאַנען 420 יאָר.

אויך דער חורבן פון צווייטן בית המקדש איז פאָרגעקומען דעם ניינטן טאָג אין חודש אב, און די אידן זענען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות אַריין. מיט׳ן דאָזיגן צווייטן חורבן, האָט דער אויבערשטער זיך דערווייטערט פון אונז. דעריבער זענען מיר נאָך אַלץ אין גלות. דעריבער ליידן אידן פון צייט צו צייט גרויסע צרות פון די גוים.

עס וועט אָבער קומען אַ טאָג, ווען דער אויבערשטער וועט אונז אויסלייזן דורך משיח צדקינו, און צוריקפירן קיין ארץ ישראל און מיר וועלן קריגן דאָס דריטע בית המקדש, וועלכעס וועט שוין בלייבן שטיין אויף אייביג.

## תשעה באב

יעדעס יאָר, אינעם ניינטן טאָג פון חודש אב, אָדער ווי מ׳רופט אים: „תשעה באב״, פאַסט מען אַ גאַנצן מעת לעת. אין אַנדערע תענית טעג צום אָנדענק פון צרות, ווי למשל: שבעה עשר בתמוז, עשרה בטבת וכדומה, פאַסט מען נאָר פון אינדערפרי ביז נאַכט.

אָבער תשעה באב טאָר מען שוין נישט עסען אַ נאַכט בעפאָר. שוין דעם אַכטן טאָג אין אב פון זון-אונטערגאַנג, פאַסט מען ביז דעם ניינטן טאָג ביינאַכט. אפילו שוואַכערע מענטשן פאַסטן אין תשעה באב. אויך קליינע קינדער עסען נישט אין דער נאַכט פון תשעה באב.

אין אָוונט און אינדערפרי קומען אַלע מענער אין שול אַריין. מען גייט נישט אין קיין שוך. נאָכ׳ן דאַווענען זעצט מען זיך אויף דער ערד, און מ׳לייענט מיט אַ ספּעציעלן טרויעריגן ניגון די מגילה „איכה״ און מ׳זאָגט „קינות״ — קלאָג-לידער.

אין די קינות ווערט מיט שטאַרקע ווערטער געשילדערט ווי גרויס עס איז אונזער אומגליק מיט׳ן פאַרלירן דאָס בית המקדש, וואָסערע אויסטערלישע צרות די אידן האָבן געהאַט אויסצושטיין ביים און נאָכ׳ן חורבן און ווי ביטער עס איז אונז געוואָרן צוליב דעם וואָס מיר זענען פאַרטריבן געוואָרן אין גלות אַריין.

די קינות ווערן געזאָגט מיט טרערן און געוויין. ביים פאַרענדיגן די קינות בעט מען השי״ת ער זאָל זיך שוין דערבאַרעמען וואָס גיכער איבער זיין פאָלק. מ׳דערמאָנט דערביי זיין פעסטן צוזאָג וואָס ער האָט געגעבן דורך די נביאים, צוריק אויפצוריכטן דאָס אידישע פאָלק, דאָס אידישע לאַנד און דאָס בית המקדש.

תשעה באב איז אַ ביטערער טרויער טאָג. אין דעם טאָג זענען אויך פאָרגעקומען פאַרשידענע אַנדערע אומגליקן פאַר׳ן אידישן פאָלק. דער דאָזיגער טאָג איז פאַרצייכנט אַלס אַ טאָג פון ג-ט׳ס שווערער באַשטראָפונג.

צוליב׳ן טרויער טאָר מען אין תשעה באב נישט וואַשען זיך. מ׳מעג נאָר וואַשן די הענט אינדערפרי, און ווען מ׳דאַרף קענען זאָגן אַ אידיש וואָרט. מ׳טאָר אויך נישט טראָגן קיין לעדערנע שיך, אפילו אויב נאָר אַ טייל פון די שיך זענען פון לעדער. ביז׳ן האַלבן טאָג טאָר מען נישט זיצן אויף אַ באַנק אָדער בענקל, נאָר נידעריגער צו דער ערד.

תשעה באב ביינאַכט שלאָפט מען אויף ווייניגער קישנס ווי

אן אנדער מאל. א סך שלאפן איגאנצן נישט אויף קיין קישן און טייל ערליכע אידן לייגן זיך אונטער א שטיין אונטער׳ן קאפ.

תשעה באב גייט מען אין גאר פשוט׳סטע קליידער. ביינאכט באנוצט מען ווייניג באליכטונג. מ׳גייט נישט שפאצירן. מען באגריסט זיך נישט. אויב עמיצער באגריסט אבער יא, ענטפערט מען אים נישט, נאר מ׳שאקלט אים קוים צו מיט׳ן קאפ.

תשעה באב טאר מען נישט טאן קיין שום ארבעט וואס נעמט ארוים פון טרויער. אפילו תורה טאר מען נישט לערנען, ווייל תורה פארשאפט פרייד דעם וואס לערנט. ערליכע אידן לערנען דעריבער אין דעם טאג אזעלכע ענינים אין דער תורה וואס האבן א שייכות צום טרויער און צום חורבן בית המקדש.

בשעת מען לייענט אין שול „איכה" און מ׳זאגט קינות, לייענען די פרויען אין שטוב „איכה" אין אידישער איבערזעצונג, אדער הערן אוים דערציילן די געשעענישן פון חורבן. ביז׳ן האלבן טאג פארנעמט מען זיך נישט מיט קיין שום ארבעט.

תשעה באב נאכמיטאג איז שוין פיל גרינגער. מען מעג זיך שוין זעצן אויף א בענקל. מען מעג אויך שוין רויכערן. לויט ווי די הייליגע חכמים האבן געזאגט, ווערט תשעה באב נאכמיטאג געבוירן משיח. אזוי ארום איז דער גרויסער טרויער פארבונדן מיט דער האפענונג אויף א גאולה שלימה דורך משיח בן דוד.

## שבת נחמו

שבת נאך תשעה באב לייענט מען אין שול א קאפיטל אין דער הפטורה, אין וועלכן עס ווערט אנגעזאגט די אמת׳ע גאולה, וואס השי"ת האט צוגעזאגט. דאס קאפיטל פאנגט זיך אן מיט׳ן פסוק „נחמו, נחמו עמי" ! — טרייסט, מיין פאלק ! דער שבת ווערט דעריבער אנגערופן „שבת נחמו".

גאנצע זיבן וואכן לייענט מען יעדן שבת אן אנדער קאפיטל פון די נביאים, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט די ג-טליכע נבואה, וויאזוי עס וועט אויסזען די צוקונפטיגע גאולה.

אידן ווייסן אַז עס איז נישטאָ עפּעס מער זיכערס, ווי דעם אויבערשטנס צוזאָג. דערצו ווען מען זעט ווי דאָס שלעכטע ווערט אַזוי געגנוי מקוים, וועט דאָך דאָס גוטע אוודאי מקוים ווערן. אויב דאָס שלעכטס, וואָס איז דעם באַשעפער זייער אומליב צו ברענגען אויף מענטשן — און אוודאי אויף אידן — האָט ער אויסגעפירט, וועט ער דאָך דאָס גוטס, וואָס ער גאַרט אַזוי שטאַרק צו טאָן, געוויס אויספירן.

דעריבער דערפילט זיך דאָס אידישע פאָלק געטרייסט. מיר טרייסטן זיך מיט'ן באַשעפערס פעסטער פאַרזיכערונג, אַז ער וועט אונז שיקן גאָר בקרוב משיח'ן, וועלכער וועט אויסראָטן דאָס גאַנצע שלעכטס, אַריינברענגען אין אַלע מענטשן אַ קלאָרן דעת, ברענגען די גאַנצע וועלט צו אַ פעסטן שלום און דערנענטערן אַלע ברואים אים צו דינען.

השי"ת זאָגט צו די אידן: „די תורה איז אין אייערע הענט און דער קץ הגאולה איז אין מיינע הענט. מיר דאַרפן ביידע איינער דעם אַנדערן. איר דאַרפט מיך כדי איך זאָל אייך אויסלייזן פון גלות, און איך דאַרף אייך כדי איר זאָלט היטן די תורה, וואָס דורכדעם וועל איך מקרב זיין די גאולה און דאָס בויען פון בית המקדש. פונקט ווי איך קען נישט פאַרגעסן וועגן אייער גאולה, ווייל איך האָב דאָך געשוואוירן אַז איך וועל אייך אויסלייזן, אַזוי טאָרט איר אויך נישט פאַרגעסן אין מיין תורה".

(מדרש)

# די שלעכטע צונג

ר׳ שמואל הנגיד איז געווען דער פירער פון די אידן אין שפּאַניען מיט איבער ניין־הונדערט יאָר צוריק. ער איז געווען פון די גרעסטע אידישע געלערנטע, אַ גרויסער עושר און אַ זעלטענער חכם. צוליב זיין קלוגשאַפט און געלערנטקייט האָט אים דער שפּאַנישער קעניג באַשטימט אַלס זיין וויצע־קעניג.

געשען איז דאָס צוליב דער פאָלגנדער סיבה:

ר׳ שמואל האָט געהאַט אַ געשעפט נאָענט צום הויף פון קעניגליכן ראַטגעבער. איינער פון די משרתים פון קעניגליכן ראַטגעבער האָט געדאַרפט שרייבן אַ בקשה צו זיין האַר, צום מיניסטער, האָט ער זיך געווענדעט צו ר׳ שמואל הנגיד, ער זאָל פאַר אים אָנשרייבן די בקשה, וויסנדיג אַז ר׳ שמואל הנגיד איז אַ גרויסער געלערנטער מאַן. ר׳ שמואל האָט דערפולט זיין בקשה.

ווען דער מיניסטער דעם קעניגס ראַטגעבער האָט געלייענט די בקשה, איז ער פאַרוואונדערט געוואָרן פון דער שיינקייט פון דער שריפט און פון דער קלוגשאַפט פון זיין אינהאַלט. ער האָט באַלד פאַרלאַנגט פון זיין משרת ער זאָל אים אויסזאָגן ווער עס האָט אָנגעשריבן די בקשה. דער משרת האָט מודה געווען, אַז ר׳ שמואל דער שכנ׳ישער סוחר איז דער אָריגינעלער שרייבער און פאַרפאַסער פון דעם בריוו.

דער מיניסטער האָט באַלד געלאָזט רופן צו זיך ר׳ שמואל׳ן און ער האָט אים באַשטימט צו זיין זיין סעקרעטאַר און עצה געבער. ר׳ שמואל פלעגט געבן זיינע קלוגע עצות צום מיניסטער, און דער מיניסטער אַלס קעניגליכער ראַטגעבער האָט איבערגעגעבן די עצות צום קעניג. דער מיניסטער האָט צוליב די קלוגע עצות שטאַרק נושא חן געווען ביים קעניג.

ווען ר׳ שמואל׳ס האַר, דער מיניסטער, איז קראַנק געוואָרן און געהאַלטן פאַר׳ן שטאַרבן, איז אים געקומען דער קעניג באַזוכן,

און ער האָט אויסגעדריקט זיין באַדויערן וואָס ער וועט מער נישט האָבן אַזאַ קלוגן ראַטגעבער. דאַן האָט דער מיניסטער אויסגעזאָגט פאַר'ן קעניג, אַז די אַלע עצות האָט ער געקראָגן פון זיין אידישן סעקרעטאַר, וועלכער באַזיצט חכמה און וויסן וואָס איז נישט צום אָפּשאַצן.

דער קעניג האָט דאַן באַשטימט ר' שמואל'ן פאַר זיין ערשטן ראַטגעבער. ער האָט אים באַשטימט אָנצופירן סטראַטעגישע מלחמות און ר' שמואל איז געשטיגן אין זיין הויכער פּאָזיציע, ביז ער איז געוואָרן וויצע־קעניג.

צוליב זיין גרויס כבוד און חשיבות האָט ר' שמואל זיך פאַר־שאַפט פיל שונאים. די גוי'אישע מיניסטאָרן האָבן נישט געקענט פאַרגונען דאָס גרויסקייט פון דעם איד ר' שמואל הנגיד. זיי האָבן דעריבער געזוכט פאַרשידענע וועגן ווי אים צו שטרויכלען און באַ־זייטיגן.

ר' שמואל האָט אָבער מיט זיין גרויס קלוגשאַפט מנצח געווען זיינע שונאים. דער קעניג האָט אים שטאַרק ליב געהאַט, און ער האָט נישט צוגעלאָזט אַז זיינע פיינט זאָלן אים שלעכטס טאָן.

אין שכנות פון ר' שמואל'ן האָט געוואוינט אַ הויכער פּריץ, וועלכער איז געווען איינער פון זיינע פאַרביסנסטע שונאים. ווי נאָר ער פלעגט באַמערקן ר' שמואל'ן דורכפאָרן אין זיין קאַרעטע צום קעניגליכן פּאַלאַץ, פלעגט ער אים שטענדיג באַפאַלן מיט קללות. כאָטש ר' שמואל האָט געהאַט די מאַכט אים צו באַשטראָפן, דאָך האָט ער זיך געמאַכט נישט וויסנדיג, כדי נישט אויפצורייצן די נישט־אידישע איינוואוינער.

איינמאָל איז ר' שמואל הנגיד צוזאַמען מיט'ן קעניג דורכגעפאָרן פאַרביי דעם שונא ישראל. דער רשע האָט נישט באַמערקט דעם קעניג און ער האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, נאָכגעשריגן נאָך ר' שמואל'ן קללות און באַליידיגונגען.

דער קעניג איז געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט, און ער האָט געזאָגט צו ר' שמואל הנגיד, אַז ער זאָל נישט פאַרשווייגן די דאָזיגע

אומדערהערטע חוצפה. דער שונא מוז באַקומען זיין שטראָף. דער קעניג האָט געהייסן אַז ר׳ שמואל הנגיד זאָל לאָזן אויסשניידן די צונג פאַר דעם רשע, דערפאַר וואָס ער האָט גערעדט אַזעלכע נידער־טרעכטיגע רייד, אַזוי אַז ער זאָל שוין מער נישט קענען רעדן קיין בייזע דיבורים.

ר׳ שמואל הנגיד האָט נישט געזוכט צו נעמען נקמה ביי זיין שונא, האָט ער באַשלאָסן צו צוימען זיין בייזע צונג אויף אַן אַנדערן אופן.

ער האָט גענומען אַרויסווייזן גרוים פריינטשאַפט צו זיין שונא און אים געשיקט פיל מתנות, ביז דער שונא האָט זיך אָנגעהויבן שעמען פאַר זיך אַליין און פאַר דער אומזיסטער שנאה וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געטראָגן צום גרויסן אידישן געלערנטן.

פון דעמאָלט אָן פלעגט ער רעספעקטירן ר׳ שמואל הנגיד׳ן. ער האָט אים מער נישט נאָכגעשריגן קיין באַליידיגענדע ווערטער, נאָר אדרבה, ער פלעגט אים בענטשן ווען ער האָט אים געזען פאַרביי־פאָרן און געזאָגט אַז אָט דער ר׳ שמואל הנגיד איז באמת ראוי צו זיין דער משנה למלך.

מיט אַ צייט שפּעטער איז ר׳ שמואל הנגיד ווידעראַמאָל דורכ־געפאָרן מיט׳ן קעניג נעבן דעם הויז פון זיין געוועזענעם שונא. דער גוי איז אַרויסגעקומען און אָנגעפאַנגען לויבן און בענטשן ר׳ שמואל הנגיד פאַר זיין גוטסקייט און גרוים חכמה.

דער קעניג איז געוואָרן איבערראַשט. ווי קומט עס וואָס דער דאָזיגער פאַרשוין קען נאָך רעדן, ער האָט דאָך דעמאָלט באַפוילן מען זאָל אים אַרויסשניידן זיין צונג אַלס שטראָף. און נאָך מער איז ער געווען איבערראַשט וואָס אַנשטאָט צו שעלטן אים און זידלען, ווי ער פלעגט עס אַלעמאָל טאָן, האָט ער גאָר אים געלויבט און געבענטשט ?

דער קעניג האָט געהאַט שאַרפע טענות צו ר׳ שמואל הנגיד, פאַרוואָס ער האָט נישט אויסגעפאָלגט זיין באַפעל, אויסצושניידן די צונג פון יענעם שונא.

האָט אים ר׳ שמואל הנגיד געענטפערט: „אדוני המלך! דו זעסט דאָך, אַז איך האָב אויסגעשניטן זיין שלעכטע צונג. אַצינד האָט ער גאָר אַן אַנדערע צונג״.

דעם קעניג איז געפעלן זיין ענטפער, און ער האָט אים געזאָגט: „ערשט איצט זע איך נאָך מער דיין חכמה און פאַרשטאַנד״.

* * *

דער נאָמען פון ר׳ שמואל הנגיד איז געווען גרוים און הייליג ביי אַלע אידן איבער דער וועלט. ער האָט אויסגעהאַלטן טויזנטער אידן תלמידי חכמים אָרימעליים פון זיין פאַרמעגן זיי זאָלן קענען זיצן אין לערנען.

ער האָט געלאָזט שרייבן אויף זיינע קאָסטן ספרים און גמרות און זיי צעשיקט פריי פאַר יעדן איינעם ווער עס האָט געוואָלט עוסק זיין אין לימוד התורה.

יעדעס יאָר פלעגט ר׳ שמואל הנגיד שיקן געלט קיין ירושלים צו באַזאָרגן די דאָרטיגע שולן און בתי מדרשים מיט אויל צום באַלייכטן.

ער האָט מחבר געווען די באַרימטע כללים פון ש״ס „מבוא התלמוד״ און ער האָט דערגרייכט אַ טיפן עלטער.

אין זיין צייט זענען אידן געווען שטאַרק אַנגעזען און געשעצט.

# דער חפץ חיים זצ״ל

אין דעם קליינעם שטעטעלע ראדין, אין ליטע, האָט מיט איניגע צענדליק יאָרן צוריק געלעבט אַ גרויסער צדיק, ר׳ ישראל מאיר הכהן, וועמען מען האָט גערופן דער „חפץ חיים״.

אין דער גאַנצער אידישער וועלט האָט מען וועגן אים געוואוסט, און אומעטום האָט מען זיך נאָכדערציילט פון זיין גרויסקייט אין תורה, זיין אָפגעהיטנקייט אין מקיים זיין די מצוות, זיין צדקות און זיינע מעשים טובים.

נאָך אַלס קינד איז ער געווען גוט און פרום. ווען ער האָט נאָך געלערנט אין חדר האָט איינמאָל פּאַסירט אַזאַ זאַך:

צו יענער צייט איז נאָך נישט געווען קיין קאַנאַליזאַציע, און וואַסער האָט מען געמוזט שעפּן פון אַ ברונעם. אין שטעטל איז געווען אַן אַלטיטשקער וואַסער־טרעגער, וועלכער פלעגט טראָגן וואַסער אין די הייזער, און ער האָט זיך דערפון מפרנס געווען. ביינאַכט פלעגט דער וואַסערטרעגער איבערלאָזן זיינע עמערס אויפ׳ן הויף, ווייל ער האָט געלעבט אין גאָר אַ קליין צימערל און ער האָט דאָרט נישט געהאַט קיין פּלאַץ פאַר די עמערס. ווען עס פלעגט קומען דער ווינטער, האָבן די אינגלעך פון חדר זיך געוואָלט אַביסל פאַרווילן און אָנטאָן אַ שפּיצל דעם וואַסער־טרעגער, האָבן זיי גענומען און אָנגעפולט די עמערס מיט וואַסער. דורך דער נאַכט איז דאָס וואַסער פאַרפרוירן געוואָרן און איז געוואָרן אייז, און אינדערפרי פלעגט זיך דער וואַסער־טרעגער מוזן לאַנג מוטשן ביז ער האָט אויפגעהאַקט דאָס אייז צו קענען טראָגן וואַסער און פאַרדינען זיינע פאַר גראָשן אויף פּרנסה.

דעם חפץ חיים האָט דאָס זייער ווי געטאָן, אַז מען איז מצער אַן אַלטן אָרימען איד. ער האָט געלערנט אין חדר אַז עס איז אַן עבירה מצער צו זיין יעדעס בעל חי, און אוודאי איז אַ גרויסע זינד מצער צו זיין אַ איד וואָס אַרבעט שווער און ביטער אויף פּרנסה.

וואָס האָט ער געטאָן?

ביינאַכט האָט ער זיך נישט געלייגט שלאָפן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אינגלעך, נאָר ער האָט געוואַרט ביז אַלע זענען שוין אַוועק אַהיים, און דערנאָך

איז ער אַרויס אויפ׳ן הויף פון וואַסער־טרעגער, און ער האָט אויסגעגאָסן דאָס וואַסער.

אינדערפרי, איידער די אינגלעך זענען געגאַנגען אין חדר, זענען זיי פריער געגאַנגען צום וואַסער־טרעגער. זיי האָבן געמיינט, אַז זיי וועלן איצט קענען פון אים חוזק מאַכן. אָבער די עמערס זענען געווען ליידיג. אַזוי איז געווען יעדע נאַכט. די אינגלעך האָבן זיך געבראָכן די קעפּ, וויאַזוי פּאַסירט דאָס, אַז די עמערס זענען יעדן אינדערפרי ליידיג, און זיי האָבן געטראַכט, אַז נישט אַנדערש נאָר אַ מלאך פון הימל קומט יעדע נאַכט אויס־ליידיגן די עמערס, כדי נישט ווי צו טאָן דעם אַלטן וואַסער־טרעגער. זיי האָבן חרטה באַקומען און אויפגעהערט פון דעמאָלט אָן דאָס צו טאָן.

נאָך אַ מעשה דערציילט מען פון חפץ חיים׳ס ערליכקייט ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד:

אויף דער גאַס נעבן חדר איז געשטאַנען אַן אָרימע פּאַרקויפערין פון פּרוכט. איינמאָל האָבן די אינגלעך פון חדר זיך געוואָלט לוסטיג מאַכן. האָבן זיי אומגעוואָרפן דעם קויש מיט די עפּל. די עפּל האָבן זיך צעשאָטן אויף אַלע זייטן. יעדעס אינגל האָט געכאַפּט אַ פּאָר עפּל און אַנטלאָפן. אויך דער קליינער ישראל מאיר האָט געכאַפּט צוויי עפּל און זיי אויפגעגעסן.

אַ צייט שפּעטער ווען דער חפץ חיים האָט געלערנט אין חומש, אַז מען טאָר נישט גנב׳ענען, האָט ער זיך דערמאָנט אין דער מעשה מיט די עפּל. ער האָט באַקומען גרויס חרטה אויף דעם וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. איז ער געגאַנגען צו זיין מוטער און געבעטן אַ פּאָר גראָשן. דערנאָך איז ער גע־גאַנגען צו דער פּרוכט פּאַרקויפערין און געקויפט אַ פּאָר עפּל און נאָכדעם ווי ער האָט באַצאָלט האָט ער די עפּל צוריק אַריינגעוואָרפן אין קויש, און איז אַנטלאָפן.

דער חפץ חיים איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער גאון. ער האָט געמאַכט אַ סך ספרים און געפירט אין ראַדין אַ גרויסע ישיבה. אַלע ערליכע אידן האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד. אָבער ער אַליין האָט זיך געהאַלטן זייער קליין. אויף אַ סך ספרים וואָס ער האָט פאַרפאַסט, האָט ער אפילו נישט אויפגעשריבן זיין נאָמען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מען זאָל אים מכבד זיין. איינער פון די וויכטיגסטע צווישן די ספרים איז געווען דאָס ספר „חפץ חיים״, וואָס אַנטהאַלט דינים וועגן דעם איסור צו רעדן לשון הרע. פון דאָזיגן ספר זעט מען ווי גרויס עס איז די זינד און די שטראָף פון אויבערשטן

פאַר רעדן שלעכט אויף אַנדערע, אפילו ווען דאָס איז אמת, און ווי גרויס עס איז די מצוה פון אָפּהיטן דאָס מויל.

דאָס ספר „חפץ חיים״ האָט מען געלערנט אין אַלע לענדער, אָבער לאַנגע יאָרן האָט מען נישט געוואוסט ווער עס האָט מחבר געווען דאָס ספר. דעריבער האָט מען דעם מחבר אַ נאָמען געגעבן דער „חפץ חיים״, און אַזוי איז געבליבן זיין נאָמען ביז׳ן היינטיגן טאָג.

דער „חפץ חיים״ האָט זיך אויסגעצייכנט נישט נאָר מיט דער מידה פון נישט רעדן לשון הרע, נאָר אין אַלע פיינע אידישע מידות. ער איז פאַר אַלעמען געווען אַ ביישפיל מיט זיין ליבשאַפט צו תורה און צו אידן, מיט זיין הכנסת אורחים, מיט זיין ווען טאָן טובות אידן, מיט זיין צדקה און מיט זיין ענויות.

אויפ׳ן שער בלאַט פון זיין ספר „חפץ חיים״ האָט רבי ישראל מאיר הכהן אויפגעשריבן דעם פסוק פון תהלים: „מי האיש החפץ חיים, נצור לשונך מרע״ — ווער איז דער מענטש וואָס וויל לעבן, היט אָפּ דיין צונג פון שלעכטס! דער חפץ חיים האָט טאַקע זוכה געווען צו אריכת ימים. ער האָט געלעבט 96 יאָר. ווען ער איז נפטר געוואָרן אין יאָר תרצ״ב, האָבען אַלע ערליכע אידן נאָך אים שטאַרק געטרויערט.

# דוד׳ל פאָרט צום רבי׳ן

שוין א יאָר צייט ווי דער קליינער דוד׳ל בעט זיך ביים פאָטער ער זאָל אים מיטנעמען מיט זיך, ווען ער פאָרט צום רבי׳ן רבי ישעיה׳לע פון קערעסטור. אָבער דער פאָטער האָט אים אָלץ אָפּגעזאָגט זיין בקשה, ער איז דאָך נאָך גאָר א יונג קינד, סך הכל נישט מער ווי ניין יאָר. אָבער ווען דער קליינער דוד האָט דערהערט אז דער פאָטער קלייבט זיך ווידער צו פאָרן קיין קערעסטור, אויף שבת חנוכה, האָט ער זיך שטאַרק איינגעשפּאַרט און דוקא געפאָדערט אז דאָסמאָל זאָל אים דער פאָטער מיטנעמען צום רבי׳ן.

צוערשט האָט ער גע׳פועלט ביי זיין מוטער, זי זאָל מסכים זיין. און דערנאָך האָט ער געבעטן די מוטער, זיך משתדל צו זיין ביים פאָטער. און עס איז אים געלונגען. דער פאָטער האָט אים פאַרשפּראָכן, אז די קומענדע וואָך וועט ער אים מיטנעמען צו רבי ישעיה׳לע קערעסטורער.

דער קליינער דוד׳ל איז געווען אויסער זיך פאַר שמחה. א קלייניגקייט? ער פאָרט צום רבי׳ן! באַלד צומאָרגנס האָט ער דערציילט די בשורה פאַר זיינע חברים אין חדר. אַלע האָבן אים מקנא געווען און געקוקט אויף אים מיט בליקן פון פאַרערונג. דוד׳ל אַליין האָט זיך גענומען פלייסיגער צו לערנען. ער האָט געהערט פון פאָטער, אז דאָרט וועלן זיין א סך מענטשן חסידים, און מסתמא וועט מען אים באַווארפן מיט שאלות אין לערנען.

ווען עס איז געקומען דאָנערשטאָג פאַר שבת חנוכה, האָט די מוטער זיך שטאַרק געפאָרעט צוצוגרייטן אַלע נויטיגע זאַכן צו דער נסיעה. זי האָט אָנגעגרייט מזונות אויפ׳ן וועג און זי האָט אָנגעזאָגט דעם קליינעם דוד׳לען וויאַזוי ער זאָל זיך פירן צווישן פרעמדע מענטשן.

נאָכמיטאָג האָט דער פאָטער איבערגעלאָזט זיינע געשעפטן און גענומען צוגרייטן דעם שליטן. ער האָט איינגעשפּאַנט די פערד און

אַרומגעדעקט זיין זון מיט וואַרימע קאָלדרעס. ווען אַלץ איז געווען גרייט, האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די מוטער האָט זיי אַרומ־באַגלייט און זיי געוואונשן אַ גוטע נסיעה.

תחילת איז דער קליינער דוד געווען שטאַרק האַפּערדיג. ער האָט זיך געפרייט פון דער נסיעה אַליין, ער פאָרט אין אַ שליטן, אַרום איז די גאַנצע ערד באַדעקט מיט ווייסן שניי, און ער האָט זיך נאָך מער געפרייט וואָס ער פאָרט צום רבי׳ן, אַ זאַך צו וועלכער ער שטרעבט שוין אַזאַ לאַנגע צייט.

אָבער נאָך עטליכע שעה פאָרן איז צוגעפאַלן די נאַכט. צוביסלעך האָט דער קליינער דוד אָנגעפאַנגען איינצודרימלען. ווען ער האָט זיך שפּעטער אויפגעכאַפּט, איז ער געווען דורכגענומען פון קעלט. ער איז געוואָרן הונגעריק, און פון גרויס קעלט האָט ער נישט געוואָלט עסן. די גרויסע פרייד זיינע האָט ביסלעכוויז אָנגעהויבן אויסוועפּן, און ער וואָלט שוין געווען צופרידן אַז די רייזע זאָל שוין זיין צו ענדע.

ער האָט זיך געווענדעט צום פאָטער אָן דרייסטקייט און גע־פרעגט: „טאַטע, דאַרפן מיר נאָך לאַנג פאָרן?״

דער פאָטער האָט אים באַרואיגט און געזאָגט: „ניין, קינד מיינס, נאָך אַ שעה אָדער צוויי, און מיר וועלן שוין זיין דאָרט״.

דוד׳ל האָט זיך עטוואָס באַרואיגט, אָבער מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט ער ווייטער גענומען באַוואָרפן דעם פאָטער מיט פראַגעס, ווי לאַנג עס וועט נאָך נעמען די נסיעה. דער פאָטער האָט אים בעסער איינגעהילט מיט זיין פעלץ, ער האָט פון אים אַראָפּגעשאָרט דעם אָנגעפאַלענעם שניי, און אים באַרואיגט, אַז אָט אָט און זיי וועלן אָנקומען קיין קערעסטור, און דאַן וועלן זיי תיכף אַריינפאָרן צום רבי׳ן אין הויף... — דאָס האָט אים שוין באַרואיגט, און ער האָט פאַרקוקט די מאַטערנישן פון דער נסיעה, די קעלט און הונגער, אַבי ער זאָל זיין ביים רבי׳ן.

ווען זיי זענען אָנגעקומען אין שטעטל, איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבער נאַכט. איז אַלע הייזער זענען שוין געווען אויסגעלאָשן די ליכט. דער פאָטער איז צוגעפאָרן מיט׳ן שליטן צו אַ הויף, און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טויער.

באַלד איז אַרויסגעקומען אַן עלטערער איד מיט אַ ווייסער באָרד, און ער האָט זיי דערלאַנגט „שלום עליכם״. דערנאָך האָט ער אַריינגעפירט דעם פאָטער מיט׳ן זון אין בית המדרש וואָס איז געווען אין הויף. דאָס בית המדרש איז געווען באַלויכטן, דער אויוון האָט געברענט און אַ וואַרימקייט האָט אַרויסגעשפּאַרט פון אים. אויפ׳ן אויוון איז געווען אַ קעסל מיט הייסע טיי. דער איד מיט דער ווייסער באָרד האָט זיי געהייסן זיך אויסטאָן די אויבערמאַנטלען און זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ מיט אַביסל וואַרעמס. ער האָט זיי באַלד געבראַכט מזונות און אַנדערע מאכלים.

ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן און געבענטשט, האָט זיי דער איד מיט דער ווייסער באָרד אַנגעוויזן אַ פיין געלעגער, וואו זיי וועלן קענען איבערנעכטיגן. אָבער דער קליינער דוד האָט נאָך נישט געוואָלט גיין שלאָפן. עס איז אים שוין מער נישט געווען קאַלט און ער איז שוין געווען אויסגערוט, האָט ער נאָר געהאַט איין באַגער: צו זען דעם רבי׳ן. ער האָט פּשוט געברענט פון נייגיריקייט. „פיר מיך אָפּ צום רבי׳ן!״ — האָט דוד׳ל זיך געבעטן ביים פאָטער.

— דאָס איז דאָך טאַקע דער רבי — זאָגט צו אים דער פאָטער.

— אָט דער איד מיט דער ווייסער באָרד, וואָס האָט אַליין געעפנט דעם טויער און אונז באַדינט, אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער באַרימטער צדיק רבי ישעיה׳לע קערעסטורער...

דוד׳ל איז געבליבן שטיין כמעט ווי אָן לשון. ער האָט נאָך מער אָנגעהויבן צו באַוואונדערן דאָס צדקות פונעם רבי׳ן. אָבער ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און ער האָט געפרעגט דעם פאָטער:

— טאַטע, פון וואַנען האָט אָבער דער רבי געוואוסט אַז מיר וועלן קומען, וואָס ער האָט פאַרגעברייט אַ וואַרים בית המדרש און וואַרימע מאכלים?

— נאַריש קינד מיינס — האָט אים דער פאָטער געענטפערט,

— אַזוי פירט זיך דער צדיק אַ גאַנץ יאָר. זיין הויז איז תמיד אָפן פאַר אורחים, און אַלעמאָל איז פאַראַן גרייט צו עסן און שלאָפן פאַר יעדן דורכפאָרער.

# ר׳ לייב שומר שבת

מיט אַרום צוויי-הונדערט יאָר צוריק האָבן די אידן פון ירושלים אַרויסגעשיקט אַ שליח קיין חוץ לארץ, צו זאַמלען געלט פאַר די ישיבות און מוסדות צדקה וחסד אין הייליגן לאַנד.

פאַר דעם דאָזיגן צוועק האָבן די ירושלים׳ער אידן אויסגעקליבן איינעם אַ חשוב׳ן איד, אַ תלמיד חכם און ערליכער איד, וועלכער פלעגט זיך מוסר נפש זיין פאַר יעדער מצוה.

אין יענער צייט זענען נאָך נישט געווען קיין באַנען און קיין אויטאָמאָבילן, און אוודאי נישט קיין עראָפּלאַנען. אז מען האָט געוואָלט ערגעץ-וואו מאַכן אַ נסיעה, האָט מען געמוזט גיין צופוס, אָדער רייטן אויף אַ קעמל אָדער אַן אייזל, און אין בעסטן פאַל איז מען געפאָרן מיט אַ וואָגן. אזוי אַז די רייזעס פלעגן זיך פאַרציען אַ לאַנגע צייט.

די וועגן זענען געווען זייער שלעכט. אָפטמאָל האָט מען געמוזט וואַנדערן דורך וועלדער און מדבריות, אין וועלכע עס פלעגן זיך אויסבאַהאַלטן רויבער און זיי פלעגן באַפאַלן די דורכגייער און זיי באַרויבן. דעריבער פלעגן זיך צוזאַמענגעמען מערערע וואַנדערער און אינאיינעם זיך לאָזן אין וועג אַריין. די גאַנצע רייזנדע גרופּע פלעגט מיטנעמען מיט זיך אַלס באַגלייטערס שטאַרקע באַוואָפנטע מענטשן, און אויב די רויבער זענען זיי באַפאַלן האָבן די דאָזיגע שטאַרקע לייט געקעמפט מיט די רויבער-באַנדעס.

דער ירושלים׳ער שליח ר׳ לייב האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אין איינער אַזאַ רייזנדער גרופּע, וועלכע זענען געגאַנגען אין דעם זעלבן וועג וואו ער האָט געדאַרפט גיין. ער האָט איינגעצאָלט זיין חלק פאַר די באַגלייטערס. ער האָט זיך אָבער אויסגענומען מיט דער גרופּע אַ תנאי, אַז שבת זאָלן זיי רוען, ווייל ער טאָר נישט גיין אים שבת מער ווי צוויי טויזנט איילן, און ער טאָר אויך נישט טראָגן קיין שום זאַכן מיט זיך.

דער אָנפירער פון דער גרופּע האָט צו דעם אַלעם מסכים געווען און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ווען זיי האָבן געוואַנדערט בשלום עטליכע טעג איז געקומען ערב שבת. פרייטאָג נאָכמיטאָג איז צוגעגאַנגען ר׳ לייב צום אָנפירער פון דער גרופּע און ער האָט אים דערמאָנט וועגן זיין תנאי, אַז שבת זאָלן זיי בלייבן רוען.

דער אָנפירער האָט נישט געקענט פאַרלייקענען אַז ער האָט געגעבן זיין צוזאָג פאַר ר׳ לייב׳ן צו רוען אים שבת, אָבער די אַנדערע רייזנדע האָבן אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון, צו בלייבן אין אַ פאַרלאָזטער מדבר אַ גאַנצן מעת לעת. זיי האָבן זיך נאָך שטאַרק אויסגעבייזערט אויף ר׳ לייב׳ן פאַרוואָס ער וואָגט גאָר צו פאַרלאַנגען אַזאַ זאַך, צוריקצוהאַלטן אַ גרופּע פון עטליכע צענדליג מענטשן פון זייער רייזע צוליב דעם פאַרלאַנג פון איין מענטש, ובפרט ווען יעדער איינער גאַרט שוין ווי פריער אָנצוקומען אויף זיין געפּלאַנטן אָרט.

ר׳ לייב איז געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט. ער האָט פאַר זיך געהאַט צוויי ברירות: אָדער צו פאַרבלייבן אין דער מדבר, וואו עס איז אַ מקום סכנה, וואָרים די רויבער אָדער ווילדע חיות קענען אים חלילה באַפאַלן; אָדער זאָל ער מיטגיין מיט דער חברותא און מחלל שבת זיין, ח״ו.

נאָך אַ לענגערן ישוב הדעת איז ער געקומען צו דעם פאַל־געגדן באַשלוס: „איך בלייב אויף מיין אָרט! וואָרים אויב איך וועל דאָ בלייבן, בין איך טאַקע איינגעשטעלט מיט מיין לעבן און עס איז פאַראַן אַ געפאַר איך זאָל ח״ו אומקומען דורך רויבער אָדער חיות, אָבער אין דער זעלבער צייט קען דאָך זיין אַז איך וועל לעבן בלייבן. אויב אָבער איך וועל מיטגיין מיט דער חברותא און מחלל שבת זיין, וועל איך דאָך פאַרלירן עולם הבא. און דאָס לעבן פון אַ מענטש איז דאָך ממילא נישט קיין אייביגקייט. איך וויל נישט שטאַרבן קיין זינדיגער״.

ער האָט זיין באַשלוס מיטגעטיילט דעם פירער פון דער גרופּע. זיי האָבן נאָך פּרובירט אויף אים צו ווירקן אַז ער זאָל ענדערן זיין באַשלוס, אָבער ער איז געבליבן פעסט ביי זיין החלטה. ר׳ לייב

האָט זיך געזעגנט מיט די אַנדערע רייזנדע און ער איז געבליבן היטן שבת אין דער מדבר.

ער האָט באַלד אָוועקגעלייגט זיינע פּעקלעך און גענומען זיך גרייטן צום שבת. ווען דער טאָג האָט אָנגעהויבן צו פאַרגיין האָט ער זיך געשטעלט דאַוונען מנחה מיט געוויין און גרויס כוונה.

ווייבאַלד די זון איז אונטערגעגאַנגען און עס איז געוואָרן שבת, האָט זיך ר׳ לייב געשטעלט דאַוונען „לכו נרננה" מיט גרויס שמחה און דביקות. ער האָט פאַרגעסן וואו ער געפינט זיך, די פרייד פון שבת האָט אָנגעפולט אַלע זיינע איברים. מיט אַ הויכער און זיסער שטימע האָט ער אָנגעפאַנגען זינגען „לכה דודי".

אינמיטן זינגען האָט ר׳ לייב באַמערקט ווי אַ גרויסער און מעכטיגער לייב דערנענטערט זיך אין זיין ריכטונג. דאָס בלוט אין אים איז כמעט ווי פאַרגליווערט געוואָרן, ער האָט געוואַרט צו זען וואָס עס וועט ווייטער פּאַסירן.

ר׳ לייב האָט געזען ווי דער לייב איז צוגעקומען נאָענט צו אים און זיך אָוועקגעשטעלט רואיג אויף איין אָרט. ער האָט באַמערקט אַז דער לייב קוקט אויף אים נישט מיט קיין צאָרנדיגן בליק, נאָר זיין קוק איז אַ מילדער און צאַרטער. דער לייב האָט צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ, ווי גלייך ער וואָלט אים מיטגעהאָלפן דאַוונען.

דער פריערדיגער פּחד האָט ר׳ לייב׳ן נאָכגעלאָזט. ער האָט זיך גענומען באַרואיגן און ער האָט פאַרגעזעצט זיינע תפילות אומגעשטערט, ווי עס וואָלט גאָרנישט פּאַסירט.

ווען ער האָט געענדיגט דאַוונען האָט ר׳ לייב געמאַכט קידוש, דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון זיין פּעקל לחם משנה, זיך גע־וואַשן און געגעסן די שבת׳דיגע סעודה. נאָכ׳ן עסן האָט ער געזונגען זמירות און געבענטשט מיט כוונה.

די גאַנצע צייט איז דער לייב געשטאַנען נעבן אים ווי אַ שומר און איבער אים געוואַכט.

ר׳ לייב איז געוועזן מיד פון וועג און ער איז אַריינגעפאַלן אין

אַ טיפן זינקענדיגן שלאָף. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פאַרטאָגס, האָט ער געזען ווי דער לייב שטייט נאָך אַלץ אויף זיין אָרט, און היט אים ווי אַ שומר קעגן רויבער און חיות.

ער האָט זיך מיט נאָך מער שמחה געשטעלט דאַווענען, און אַזוי האָט ער פאַרבראַכט דעם גאַנצן שבת מיט תפילות ותשבחות פאַר השי״ת, דאַנקענדיג און לויבנדיג דעם באַשעפער וואָס ער האָט אים אָפּגעהיטן פון אַלעם שלעכטן.

ווי באַלד דער שבת איז פאַראיבער, נאָך הבדלה, האָט זיך דער לייב אויפגעשטעלט פון זיין אָרט און צוגעקומען נאָענט צו ר׳ לייב׳ן און זיך אַראָפּגעבויגן פאַר אים. מיט די אויגן האָט ער זיך ווי געבעטן ביי ר׳ לייב׳ן ער זאָל זיך אַרויפזעצן אויף זיין רוקן און אויף אים רייטן אין זיין ווייטערדיגער רייזע.

ר׳ לייב האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דער זכות פון היטן דעם הייליגן שבת מיט מסירת נפש איז אים ביי געשטאַנען. האָט ער גענומען זיין פּעקל און זיך אַרויפגעזעצט אויפ׳ן לייב, וועלכער איז מיט אים געלאָפן אין דער זעלבער ריכטונג ווי די רייזנדע זענען פרייטאָג געגאַנגען.

נאָך אַ קורצער צייט רייטן האָט ער נאָכגעיאָגט די גאַנצע חברותא רייזנדע. ווען זיי האָבן דערזען פון ווייטנס דעם לויפנדיגן לייב האָבן זיי זיך שטאַרק דערשראָקן. זיי האָבן שוין געוואָלט אַרויס־נעמען זייערע פיילן און צילן אינעם לייב, זיי האָבן אָבער באַלד באַ־מערקט אַז אויפ׳ן רוקן פון לייב רייט אַ מענטש, האָבן זיי צוריק־געלייגט זייערע פיילן און געוואַרט ביז ער וועט זיך דערנענטערן צו זיי.

די גאַנצע חברותא איז געוואָרן נבהל ונשתומם ווען זיי האָבן דערזען, אַז דער מענטש וועלכער זיצט אויפ׳ן רוקן פון לייב איז נישט קיין אַנדערער ווי זייער חבר ר׳ לייב.

ווען דער לייב איז אָנגעקומען צו דער חברותא האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פון זיין געלויף, ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, און ר׳ לייב איז אַרונטערגעקראָכן פון אים. דער לייב האָט זיך

באַלד צוריק אויפגעשטעלט און גענומען לויפן מיט גרויס אימפּעט אין דער זעלבער ריכטונג פון וואַנען ער איז געקומען.

באַלד האָבן די רייזנדע אַרומגענומען דעם ירושלים׳ער שליח און אים באַוואָרפן מיט פראַגעס, ער זאָל זיי דערציילן וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט זינט זיי האָבן זיך צעשיידט.

ר׳ לייב האָט זיי דערציילט אַלעס וועגן דעם וואונדערליכן לייב וואָס איז צו אים געקומען באַלד ווי ס׳איז געוואָרן שבת און ער האָט אים געהיטן דעם גאַנצן מעת לעת.

די רייזנדע זענען געוואָרן דערשטוינט פון דער אויסטערלישער פּאַסירונג. זיי האָבן אַלע צוגעגעבן אַז דאָס איז געווען אַ גרויסער נס פון הימל, פאַר דער מצוה פון היטן שבת מיט מסירת נפש.

זיי האָבן דאַן אַלע געלויבט דעם אידישן ג-ט וואָס איז גרויס און מעכטיג און היט זיינע איבערגעגעבענע דינער. אויף זייער גאַנצן וויטערדיגן וועג האָבן זיי שטאַרק בכבוד געהאַלטן דעם ירושלים׳ער שליח און זיי האָבן אים גערופן „ר׳ לייב שומר שבת״.

## עטליכע וויכטיגע גראַמאַטישע כללים אין אידישן אויסלייג

### און — אין

איך און דו; — איך גיי אין שול

### אָדער — אָבער

דער חילוק צווישןביידע ווערטער איז: אָדער באַצייכנט: דאָס אָדער דאָס; — אָבער מיינט: דאָס נישט אָבער דאָס אַנדערע יאָ. — למשל: איך פאָר היינט אָדער מאָרגן; — איך פאָר היינט אָבער נישט מאָרגן.

### דו — די

ווען מען ווענדעט זיך צו עמיצן שרייבט מען דו; — ווען מען שרייבט וועגן אַ געגנשטאַנד דאַרף מען שרייבן די. — למשל: דו האָסט; — די טיר.

### וואו — ווי

ביי אַ פראַגע וועגן אַן אָרט שרייבט מען וואו — ווען מען פרעגט וועגן עפּעס, שרייבט מען ווי. — למשל: וואו איז די שול; — ווי ווייט איז די שול?

### צו — צי

ווען מען וויל באַצייכענען עטוואָס אין שייכות צו אַ צווייטער זאַך שרייבט מען צו; — ווען מען וויל פרעגן אַ פראַגע שרייבט מען צי. למשל: — קום צו מיר; — צי מעג איך?

### פיל — פול

פיל מיינט אַ סך; פול מיינט ווען עפּעס איז שוין פול. — למשל: איך האָב פיל געלט; — מיין טאַש איז פול.

### אַ — אַן

פאַר אַ וואָרט וואָס הייבט זיך אָן מיט אַן „א" אָדער „ע" דאַרף מען אין די מערסטע פאַלן צוגעבן אַ „נון". — למשל: אַן אַרבעטער, אַן אויער, אַן אינזל, אַן אָקס, אַן עפּל.

### געפונען — געפינען

פאַר דער פאַרגאַנגענהייט שרייבט מען געפונען, געזונגען, קלונגען... אין דער געגנוואָרט און צוקונפט שרייבט מען זינגען, קלינגען. — למשל: איך האָב געפונען; — איך וועל געפינען. מיר האָבן געזונגען — מיר זינגען. אַזוי אויך: דינגען, בינדן און אַנדערע ענליכע ווערטער.

### טאָן — טוען

אין דער פאָרם פון עבר און עתיד שרייבט מען טאָן, נישט טהון; —

אין דער געגנוואַרט שרייבט מען טוען, נישט טהוען. — למשל: מיר האָבן געטאָן, מיר וועלן טאָן, — מיר טוען איצט.

**האָבן** — נישט האָבען, און דאָס זעלבע ביי אַלע אַנדערע ענליכע ווערטער ווערט דער „ע" פאַר דער לאַנגער „ן" אַרויסגעלאָזט. למשל: באָרגן, ווערן, לעבן, מוזן, שפּילן. — בלויז ווען דאָס וואָרט ענדיגט זיך מיט אַ „נג" אָדער „נק" פאַר דער לאַנגער „נון" שרייבט מען פאַר דער „ן" אַן „ע". — למשל: ברענגען — נישט ברענגן; זינגען נישט זינגן; טרינקען — נישט טרינקן; שווענקען נישט שווענקן.

**מיידלעך** — נישט מיידלאך אָדער מיידליך. אַזוי אויך ביי אַלע אַנדערע ענליכע ווערטער.

**לעבן — נעבן**

ווען מ׳וויל שרייבן אַז די זאַך געפינט זיך נעבן דער אַנדערער דאַרף מען שרייבן נעבן. — לעבן מיינט לעבעדיגקייט.

**צוטיילן — צעטיילן**

ווען מען וויל פאַר עמיצן עפּעס צוטיילן שרייבט מען צוטיילן; ווען מען וויל פאַנאַנדערטיילן עפּעס דאַן שרייבט מען צעטיילן. — למשל: צערייסן, צעטיילן, צעברעכן.

**ס׳איז — מ׳קען**

מען קען פאַרקירצן צוויי ווערטער אויף אַזאַ אופן: אַנשטאָט „עס איז" שרייבט מען ס׳איז; אנשטאָט „מען קען" שרייבט מען מ׳קען, און אַזוי אויך אַנדערע ענליכע ווערטער.

**זען** — נישט זעהן אָדער זעהען. — בלויז ווען מען שרייבט אין דער פאָרם פון געגנוואַרט שרייבט מען מיר זעען.

**גענוג — באַנוגענען**

פון דעם וואָרט „גענוג" ווערט באַנוגענען, נישט באַגניגענען.

**אונטער — אינטער — הינטער**

ווען מען באַצייכנט אַ זאָך וואָס געפינט זיך אונטער עפּעס, דאַרף מען שרייבן אונטער. צו באַצייכענען אַ זאַך פון אַלגעמיינעם פאַרנעם שרייבט מען אינטער. ווען מען באַצייכנט אַ זאַך וואָס געפינט זיך הינטערוויילעכץ שרייבט מען הינטער. — למשל: אונטער דעם טיש; — אינטערנאַציאָנאַל; — הינטער דער טיר.

**ברודער — ברידער**

**פום — פים**

**בוך — ביכער**

ווען מען גייט איבער פון לשון יחיד אויף לשון רבים שרייבט מען אַנשטאט אַ „ו" אַ „י". למשל: איך

האָב איין ברודער; — מיר זענען צוויי ברידער. דער זעלבער כלל איז ביי אַנדערע ענליכע ווערטער.

## יונג — אינגער

ווען מ׳פאַרלענגערט אַ וואָרט אָדער ווען מען וויל שטאַרקער באַטאָנען אַ זאַך ווערט פון אַ „ו״ אַ „י״. — למשל: יונג, אינגער, קלוג, קליגער.

## גע׳חבר׳ט — מזל׳דיג

ביים נוצן לשון קודש׳דיגע ווערטער מיט אידישע פאַרבאַציטעענונגען, איז ראַטזאַם צוצוגעבן פאַר און נאָך דעם לשון־קודש׳דיגן וואָרט אַן אויבערשטריך.

## וואונדער — נישט וינדער אָדער וונדער.

ווען עס קומען זיך צוזאַמען מער ווי צוויי „וואָוו׳ן״, דאַרף מען צווישן זיי געבן אַן „א״. — למשל: וואונדער, פּרואוו.

## געקומען, געגאַנגען — נישט גי־קומען, גיגאַנגען, גישריי, גיגעבן.

## אויבן — אויוון

אויבן מיינט אין דער הייך; — אויוון מיינט אַ באַקאויוון.

## פריינד — פריינט

פריינד מיינט אַ חבר אָדער ידיד, פריינט מיינט אַ קרוב.

## עלטסטער — נישט עלצטער

## איך רעד — ער רעדט

דאָס זעלבע ביי די ווערטער: ליידט, שניידט און ענליכע ווערטער.

## דרוקן — דריקן

דרוקן ביכער; — אויסדריקן אַ וואונש.

## קונסט — קינץ

ווען מען באַצייכנט אַ קונסט זאַך שרייבט מען קונסט, קינסטלעריש; — ווען מ׳וויל באַצייכענען עפּעס אַ מאַכינאַציע אָדער דריידל שרייבט מען קינץ, קינצענמאַכער.

## בוים —ביימער

אין איין צאָל (לשון יחיד) שרייבט מען מיט „וי״; — אין מער־צאָל (לשון רבים) שרייבט מען מיט „יי״. — למשל: איין בוים; צוויי ביימער, איין פויגל, צוויי פייגל. און אַזוי ביי אַלע אַנדערע ענליכע ווערטער.

## אויפ׳ן — נישט אָפן

ווען מען וויל שרייבן „אויף דעם טיש״ דאַרף מען שרייבן אויפ׳ן, נישט אָפן

## אָפּנעמען — נישט אָבנעמען, אַזוי אויך ביי אַנדערע ווערטער: אָפּ־האַלטן, אָפּוואַרטן; נישט אָבהאַלטן, אָדער אָבוואַרטן.

## איך האַלט — דו האַלטסט

קאָפּ — נישט קאָפּף
דאָס זעלבע מיט אַלע ענליכע ווער־טער. למשל: קעמפּ, שטרומפּ, — נישט קעמפּף אָדער קעמף אָדער שטרומפּף.

אויפנעמען — נישט אויף נעמען.

קעגן — אַנטקעגן — נישט געגען.

פיל — נישט פיעל אָדער פיהל.

יאָר — נישט יאָהר.

איך האָב — נישט איך אָב

נאָר — נישט נור

ערציאונג — נישט ערציהונג אָדער ערציונג

אוממעגליך — נישט אונמעגליך

אָרדענונג — נישט אָרדעניגג

בריוו — נישט בריף אָדער בריעף.

אידן — נישט יודען אָדער יידען.

איר — נישט איהר.

# באַדייטונג פון ראשי תיבות

א״א — און אַנדערע
אא״וו — און אַזוי ווייטער
אאמו״ר — אדוני אבי מורי ורבי
אב״ד — אב בית דין
אד״ג — און דאָס גלייכן
אדמו״ר — אדוננו מורנו ורבנו
א״ז — אבי זקני
א״י — ארץ ישראל
אי״ה — אם ירצה השם
אכיה״ר — אמן כן יהי רצון
ארה״ק — ארץ הקודש
ארה״ב — ארצות הברית
ב״ב — בני בית
בב״א — במהרה בימינו אמן
ב״ה — ברוך השם
ב״ה וב״ש — ברוך הוא וברוך שמו
בי״ד — בית דין
ביד״צ — בית דין צדק
ביהכ״נ — בית הכנסת
ביהמ״ד — בית המדרש
בל״נ — בלי נדר
בלעה״ר — בלי עין הרע
בנ״י — בני ישראל
בנש״ק — בנן של קדושים
בס״ד — בסייעתא דשמיא
בעה״ב — בעל הבית
בעה״י — בעזרת השם יתברך
ברהמ״ז — ברכת המזון
בשו״ט — בשורות טובות
בשעטו״מ — בשעה טובה ומוצלחת
גמח״ט — גמר חתימה טובה
דומ״ץ — דיין ומורה צדק
דו״ש — דורש שלומו
ד״ת — דין תורה
הבע״ל, הבעל״ט — הבא עלינו לטובה
החוה״ש — החיים והשלום
הי״ד — ה׳ ינקום דמו
הי״ו — ה׳ ישמרם וינצרם
הע״ל, העל״ט — העבר עלינו לטובה
הקב״ה — הקדוש ברוך הוא
השי״ת — השם יתברך
זי״ע — זכותו יגן עלינו
ז״ל — זכרונו לברכה
זצ״ל — זכר צדיק לברכה
ח״ו — חס ושלום
חוה״מ — חול המועד
יו״ט — יום טוב
יו״כ — יום כיפור
יע״א — יבנה עירנו אמן
יצ״ו — יבנה ציון ועירנו
יר״ש — יראת שמים
כוח״ט — כתיבה וחתימה טובה
כיה״ר — כן יהי רצון
כ״ק — כבוד קדושת
כקש״ת — כבוד קדושת שמו תפארתו
כש״ת — כבוד שמו תפארתו

להק״ — לשון הקודש
לה״ר — לשון הרע
ל״ע — לא עלינו
למעה״ש — למען השם
לפ״ק — לפרט קטן
מו״ה — מורנו הרב
מוה״ר — מורנו הרב ר׳
מו״ח — מורי חמי
מוצש״ק — מוצאי שבת קודש
מז״ט — מזל טוב
מעש״ט — מעשים טובים
נ״י — נרו יאיר
ע״ה — עליו השלום, עליה השלום
עיה״ק — עיר הקודש
עיו״ט — ערב יום טוב
עצהיו״ט — על צד היותר טוב
עשי״ת — עשרת ימי תשובה
עש״ק — ערב שבת קודש
צבש״פ — צום בײשפּיל
קר״ש — קריאת שמע
ראב״ד — ראש בית דין
רבוש״ע — רבונו של עולם

ר״ה — ראש השנה
ר״ח — ראש חודש
ר״ל — רחמנא ליצלן
ר״מ — ריש מתיבתא
רפו״ש — רפואה שלימה
ש״ב — שאר בשרי
שב״ק, ש״ק — שבת קודש
שו״ב — שוחט ובודק
שוכט״ס — שלום וכל טוב סלה
שליט״א — שיחי׳ לאורך ימים טובים ארוכים
שמו״ע — שמונה עשרה
שמח״ת — שמחת תורה
שמ״ע — שמיני עצרת
ת״ו — תבנה ותכונן
תובב״א — תבנה ותכונן במהרה בימינו אמן
תוה״ק — תורה הקדושה
תומ״י — תיכף ומיד
ת״ח — תלמיד חכם
תנ״ך — תורה נביאים כתובים
ת״ת — תלמוד תורה

כלל: ביים שרײַבן ראשי תיבות קומען אַלעמאָל די אויבערשטריכן פאַר דעם לעצטן אות.

# לשון קודש ווערטער וועלכע ווערן אָפט גענוצט אין דער אידישער שפּראַך

אבות
אביון
אהבת ישראל
אוצר
אורח
אחריות
אכזריות
אלמן, אלמנה
אמונה
אמן
אמת
אם ירצה השם
אסור
אסתר תענית
אפשר
ארץ ישראל
אשכנז
אשה
אשת חיל
אתרוג
בורא נפשות
בחור, בחורים
בטלן, בטלנות
ביקור חולים
בית הכנסת
בית המדרש
בית המקדש
בזיון
בכור
בלי נדר
בלי עין הרע
בן יחיד
בעל הבית
בעל מלאכה
בעל תפלה
ברוגז
ברוך הבא, ברוכים הבאים
ברכה
בר מצוה
בשורה טובה
בשעה טובה ומוצלחת
גאולה שלימה
גבורה
גביר
גדולה
גוף
גזירה, גזירות
גיהנם
גמרא
גן עדן
דינים
דין תורה
דרך ארץ
הגדה
היות
הכנסת כלה
הלוואה
הלכה, הלכות
הלל
הלצה
הנאה
הספד
הצלחה
הרחבה
השם יתברך
התלהבות
ודאי
וכדומה
זכות אבות
זכר
זמן
חבר
חודש, חדשים
חול המועד
חולה
חומש
חוצפה
חורבן
חושך
חזן
חזקה

חידוש
חיה, חיות
חילול השם
חילול שבת
חכם, חכמה
חלה
חלום
חנוכה
חסיד
חרפה
חשבון
חשוב
חשק
חתונה
חתן
טבע
טהור
טובה, טובות
טועה, טעות
טיפש
טלית
טמא
טעם
טענה, טענות
טריפה
ידיד, ידידים
יולדת
יום הקדוש
יום כיפור
יוצר
יושר
יסוד
יסורים

יצר הרע
יראה, יראת שמים
ישיבה
ישראל
יתום
כבוד שמים
כביכול
כהן, כהנים
כוס, כוסות
כזית
כיבוד אב ואם
כלה
כלל
כסא הכבוד
כסדר
כפרה, כפרות
כשר, כשרות
לבנה
להכעיס
לוי
לוי׳
לכבוד
לכל הפחות
לכתחילה
למשל
לעולם
לשון הרע
לשון קודש
לשנה הבאה בירושלים
מבין, מבינים
מגילה
מדינה, מדינות
מדריגה, מדריגות

מוצאי שבת קודש
מורא
מותר
מזבח
מזל טוב
מחבר
מחותן, מחותנים
מחזור
מחיה
מחיצה
מחנה, מחנות
מחשבה, מחשבות
מלאך, מלאכים
מלבוש, מלבושים
מלוה מלכה
מלחמה, מלחמות
מלך, מלכה
מלמד, מלמדים
ממילא
ממשלה
מנהג, מנהגים
מנהל
מסדר קידושין
מסור
מסירת נפש
מעשה, מעשיות
מעת לעת
מצה, מצות
מצוה, מצוות
מציאה, מציאות
מצליח
מקוה
משוגע

משיח
משל, משלים
משנה, משניות
משפחה, משפחות
משפט
משרת
נאמן, נאמנות
נביא, נביאות
נגיד, נגידים
נדבה, נדבות
נחמה, נחמות
נחת
נקבה
נקמה
נפקא מינה
נפש
נשים
נשמה, נשמות
סגולה
סוחר, סוחרים
סוכה, סוכות
סידור
סייעתא דשמיא
סך
סליחות
סמיכה
סעודה, סעודות
ספירה
ספר, ספרים
ספר תורה
ספרד
סתם
עבר

עברי
עדות
עולה
עולם הבא
עולם הזה
עונש
עושר, עשירות
עזות פנים
עיקר
על המחי׳
עמוד
עני
עצה, עצות
עקשן, עקשנות
ערב שבת
עשרת ימי תשובה
עשרה בטבת
עתיד
פדיון נפש
פורים
פחד, פחדים
פטור
פלא
פנים
פסוק, פסוקים
פסח
פרי, פירות
צדקה
צדיק, צדיקים
צורה, צורות
צום גדלי׳
ציצית
צער

צער בעלי חיים
צרה, צרות
קדושה
קול, קולות
קידוש
קללה, קללות
קמצן, קמצנות
קרבן, קרבנות
קריאת התורה
ראש השנה
ראש חודש
ראשי תיבות
רב, רבי, רבנים
רוצח, רציחה
רחמים
רחמנות
ריוח
רכילות
רפואה
רש״י
שבועות
שבט, שבטים
שבע ברכות
שבעה עשר בתמוז
שבת, שבתים
שהכל
שוחט, שחיטה
שוטה, שטות
שולחן ערוך
שונא, שונאים
שכל
שכן, שכנים
שלח מנות

שליח, שליחים
שמונה עשרה
שמחת תורה
שמיני עצרת
שמירה
שמש
שעטנז
שקר, שקרים
תבואה
תוספות

תורה הקדושה
תחינה, תחינות
תכלית
תלמוד תורה
תלמיד, תלמידים
תלמידה, תלמידות
תמיד
תמימות
תנאים
תנ"ך

תענוג, תענוגים
תענית
תערובות
תפילין
תפלה, תפלות
תקנה, תקנות
תרגום
תשעה באב
תשליך
תשובה